STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05460

VEYNENDIKE FLEYTN

B. Kovner

Permanent preservation of this book was made possible
by Phyllis I. Salkin
in memory of
George & Irene Salkin & Helen Becker

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. אַדלער

וויינענדיקע פֿלייטן

פֿאַרלאַג „איכאַליין"
515 אַכטע גאַס
לייקוואוד, נ. דזש.

ביכער פון דעם זעלבן מחבר:

זכרונות ◈ היים־לידער ◈ יענטע און אַנדערע
שטיפעררייען ◈ פריילאַכע מינוטן (צוויי בי־
כער) ◈ לידער (צוויי ביכער) ◈ זאָלן אידן
לאַכן ◈ לאַכט אידן לאַכט ◈ „לעף פּיפּל
לעף" (איבערזעצט אין ענגליש) ◈ משה קאַפּויר.

WEEPING FLUTES

By

J. ADLER (B. Kovner)

Copyright 1933, by J. Adler (B. Kovner)
Lakewood, N. J.

Publiished by
VERLAG ICHALEIN
515—8th St., Lakewood, N. J.

Printed in the U. S. A.
POSY-SHOULSON ROSENBLOOM PRESS
19 West 21st St., N. Y.

234

מיין פרוי
— אַ מתּנה

אלע מיינע טעג, די טונקעלע,
אלע מיינע נעכט, אָן שטערן,
האָבן מיר געגעבן בלויז זיפצן,
טרערן.
און די קאַלטע ווינטן האָבן מיך נישט
אויפגעהערט באַגלייטן
מיט זייערע וויינענדיקע פלייטן...
און מיין אויער האָט קיינמאָל
נישט געקאָנט פאַרטראָגן
דאָס קלאַפּן פון פּויקן,
דאָס בראַזגען פון טאַצן,
די קולות פון מעשענע טרומייטן —
איך בין אַלע מאָל געווען פאַרליבט
אין וויינענדיקע פלייטן....
איך האָב אויך געליבט צו הערן
דאָס געוויין פון פידלען, טשעלאָס
און וויאָלאַס,
פּונקט ווי איך האָב געליבט
מיין טרויער, מיין צער,
און די טעג אָן זונענשיין,
און דאָס געוויין פון מיין פּיין —
אָבער ווען איך האָב געהערט
ווייַנען א פלייט
האָט זיך דאָס האַרץ אין מיר
צוטאַנצט פאַר פרייד....

פאַרשידענע לידער

איצט, ווען די בלעטער פאַלן, ווען דער זומער האָט אָפּגעזונגען זיין געזאַנג, זיץ איך און טראַכט. עס קומען מיר אין די געדאַנקען אַלע לידער וואָס איך האָב שוין אָפּגעזונגען. אַלע מיינע לידער פון טרויער, פרייד, ליבע, האָס און בענקשאַפט. לידער פון אַרבעט און גליק; לידער פון אָרימקייט און נויט. לידער פון עלנד און געפאַלנקייט. איך האָב געזונגען מיינע לידער ווערדליג מיין עלטער, מיין שטימונג, מיין געפיל.

ווען מיין יוגנד האָט געבליט, האָט אויך מיין ליד געבליט. דאָס האַרץ האָט געזונגען און די נשמה האָט געזונגען. דאָס איז געווען דאָס שענסטע ליד וואָס איך האָב געזונגען אין מיין לעבן.

שפּעטער בין איך געזעסן אין קלויז און געלערנט; געלערנט און ווידער געזונגען. אָבער דאָס איז געווען דער גמרא־ניגון פון טרויער און בענקשאַפט. דאָס איז געווען דאָס ליד וואָס האָט זיך געריסן מיט אַלע כוחות אויף דער פרייער, ליכטיקער וועלט אַרויס.

אָבער צו שווער איז דאָס לעבן געווען און די ווענט פון דער קלויז אַזוי קאַלט, אַזוי אומהיימלעך, אַז באַלד ביים ערשטן פלי פון מיין געזאַנג זענען די פליגל אונטערגעהאַקט געוואָרן.

נאָר איין מאָל, ווען מיינע אויגן האָבן דערזען די אויגן פון הער־שעל דעם דיין׳ס מיידל, אויגן אַזעלכע שוואַרצע, אַזעלכע ליכטיקע, מיט יונגע פייערן אין זיי — דעמאָלט האָט זיך מיין ליד אָפּגעריסן פון די גמרא־בלעטער און איז אַרויס דורך אַן אָפן פענסטער און איז נאָכגעלאָפן דעם דיין׳ס טאָכטער.

מער איז שוין מיין ליד נישט צוריקגעקומען צו דער גמרא.

און ווען דעם דיין׳ס טאָכטער האָט זיך אויסגעלאַכט פון מיר, האָט מיין ליד גענומען וויינען. דאָס איז געווען אַ ליד פון טרערן, אַ ליד פון טיפן טרויער!

בלויז אַן עלנדער יתום קען זינגען אַזאַ ליד; בלויז אַ יתום קען

אזוי וויינען. פון אזא ליד ווערט דאָס האַרץ אין שטיקער צוריסן. עס זינגט פון אונטערגאַנג; פון קאַלטע קברים, זינגט עס.

און אָט קום איך אין גאָלדענעם לאַנד.

דאָ דערזע איך דעם ערשטן מאָל די הויכע פאַבריקן מיט שוואַרצע קנוילן רויך, וואָס ציען זיך צו די בלויע הימלען. איך דערזע דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן די שוויץ־שעפּער, וואו אַרבעטער זיצן גע־בויגן איבער די מאַשינען. די מאַשינען הודשען און רוישן און די נאָד־לען טאַנצן — דעמאָלט רייסט זיך אַרויס פון מיין האַרץ דאָס ליד פון אַרבעט, דאָס ליד פון האַס און צאָרן; דאָס ליד פון גיפט און גאַל. עס וועקט צום קאַמף, צו באַפרייאונג. דאָס איז אַ שטורעם־ליד, וואָס זאָגט אָן אַ נייע וועלט, אַ וועלט אַ פרייע, אַ יונגע, אַ ליכטיקע! אַ וועלט פון פרייד און אייביקן יום־טוב ;אַ וועלט, וואו אַרבעט וועט ווערן גע־קרוינט מיט די שענסטע קרוינען.

און די צייט איז געלאָפן און איך האָב זיך באַקאָנט מיט איר...

איך וועל אייך נישט זאָגן איר נאָמען; עס איז נישט נויטיק.

איך בין אַלט געווען 22 יאָר און זי — נאָך נישט קיין 16.

און אָט זיץ איך מיט איר ווייט פון די רוישנדיקע גאַסן, אין אַ קליינעם פאַרוואָרפענעם פאַרק. דער טאָג איז אַ לויטערער, אָנהויב פרילינג. יונגע גראָזן טרינקען טראָפּנס טוי און פאַרבייסן מיט שטויב־לעך זון.

שמעטערלינגען, ווי לעבעדיקע בלומען, האָוון און שמייען און פלאַטערן אַרום אין דער לופט און זאָגן אָן, אַז נישט ווייט פון אונדז בליען איצט די קאַרשן־ביימער און די עפּל־ביימער און דער יונגער קאָרן אויף די פעלדער.

און איך זיץ מיט איר אַליין אין פאַרק און אונדזערע הערצער רעדן אָן ווערטער, און אונדזערע אויגן פאַרשטייען די שפּראַך וואָס בלויז פאַרליבטע פאַרשטייען, און דאָס יונגע בלוט וויל נישט רוען, עס קאָכט, עס מאָנט.

אָ, דעמאָלט רייסט זיך אַרויס פון מיין האַרץ אַ ליד איבער אַלע לידער. אַ ליד פון ליבע, פון ריינער, נישט געפעלשטער, נישט באַ־פלעקטער ליבע!

אַ ליבע, וואָס איז ריינער נאָך ווי אַן ערשט־געבוירענע טרער, לויטער ווי אַ טראָפּן טוי אין דעם בעכער פון אַ רויטער רויז.

און מיין ליד זינגט ארויס און טאנצט ארויס פון מיין קאכעדיק בלוט, פון מיין פארליבט הארץ!

אלץ ארום מיר, דער הימל, די צווייגן, די פייגל — אלץ זינגט מיט מיר אינאיינעם דאס ליד פון ליבע, דאס געזאנג פון דער נשמה.

לאנג, זייער לאנג, האט דאס ליד געקלונגען און באזונגען די פרייד וואס דארף ערשט קומען; דאס גליק וואס איז איינגעוועבט אין דעם ליכטיקן חלום, וואס דארף ערשט גע׳חלום׳ט ווערן.

און פונקט ווי דער זומער איז געווארן צייטיק איז אויך מיין ליד צייטיק געווארן. עס האט זיך צוקלונגען אויף אלע גאלדענע גלעקער. יארן זענען אוועק.

דאס ליד פון ליבע האט זיך איינגעשטילט; די צייט האט פאר־שלונגען אירע קלאנגען. עס איז געווארן אוים שבת ביי אונדז, אוים יום־טוב, אוים גליק.

די וואכעדיקע טעג זיינען געקומען און מיטגעבראכט מיט זיך א מאדנע גרויקייט, א בענקשאפט נאך דאס פארגאנגענע, נאך דאס ליד וואס מען האט שוין אפגעזונגען.

האב איך ארויסגעשיקט פון מיין הארץ דאס ליד פון טרויער.

און ווען איך האב דאס ליד ארויסגעלאזט אויף גאט׳ס וועלט, האבן מענטשן געוויינט. זיי האבן זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט, אז דאס ליד קומט ארויס פון זעלבן הארץ, פון זעלבן קוואל וואס מיין ליבעס ליד.

אין דעם אומעט פון מיין ליד האבן זיי זייערע אייגן לעבן דער־קענט. און ווידער איז די צייט געלאפן און צוגענומען טעג און וואכן און יארן. איצטער זינג איך שוין דאס ליד פון אלטקייט און אונטער־גאנג. גלייך מיט אלע הערבסט־פידלען וויינט איצט מיין ליד, מיין לעצט געזאנג.

איך זינג, און זינגדיק ווערן צוריסן די סטרונעס. נאך איין סטרונע איז געבליבן. זינגט דער הערבסט דאס לעצטע־ליד אויף דער לעצטער סטרונע.

וואס וועט זיין ווען די איינע סטרונע וועט אויך פלאצן? עס וועט גארנישט זיין! דאס ליד וועט שטיל ווערן; עס וועט אפשטארבן אין איינעם מיט מיינע לעצטע טעג, ווי עס שטארבן אפ די לעצטע רויזן, ווי עס שטארבן אפ די זומערדיקע געזאנגען פון די פויגל.

בענקשאפט

טייערער!

דו האָסט צוגעזאָגט, אז דו וועסט קומען צו מיר, ווען די זון וועט פארגיין, און דו ביזט נישט געקומען.

איך האָב מיט א טיפער פרייד געוואַרט אויף דיר און ווען איך האָב געהערט טריט, האָט מיין בלוט גענומען זידן, די פאַנטאַזיע האָט גענומען שפּילן און שפּינען בילדער, מיין פּנים האָט זיך גענומען רויט־לען, מיין אָטעם איז געוואָרן שווער. איך האָב דעמאָלט קיינעם נישט געהאט אין געדאַנק, בלויז דיר.

אָבער דו ביזט נישט געקומען.

ערגעץ־ווייט האָט געוויינט א קינד; ערגעץ־ווייט האָט א פידל געשפּילט; שאָטנס האָבן גענומען ארומפויזן אויף די ווענט פון מיין צימער, אויף די ביכער אין מיין אַלמער, אויף די קישנס פון מיין בעט, אויף די אָפּגעוועלקטע רויזן, וואָס שטייען אויפ'ן פענסטער און דו ביזט נישט געקומען.

טייערער!

איך האָב דיר געוואָלט איבערגעבן מיין ליבע, מיינע לאַסקעס, מיין לייב און מיין אָטעם און זיך איינעסן אין דיר — און דו ביזט נישט געקומען.

און ווען דו וואָלסט געקומען, וואָלסטו מיך געפונען שענער ווי אַלעמאָל. מיין לייב איז געווען היים און יעדער טראָפּן בלוט האָט געמאָנט פרייד, וואָס מער פרייד.

די היץ פון מיין בלוט וואָלט אריבער צו דיר, דער ציטער וואָס אַלע יונגע הערצער גאַרן און וואַרטן אויף אים — אָט אָ דער זיסער ציטער וואָלט אריבער פון מיר צו דיר, און מיר וואָלטן זיך צונויפגעגאָסן אין איין פלאַם, אין איין עקסטאַז.

און דו ביסט נישט געקומען.

די זון איז שוין געהאַט פאַרגאַנגען אין פלאַמען; די שטילע שעה פון בין־השמשות האָט זיך באַוויזן לעבן מיין טיר, א שטיל ווינטל איז אריין צו מיר אין איינעם מיט דער אַנקומענדיקער נאַכט און געקילט מיין הייס לייב, געשויבערט מיינע שוואַרצע האָר, מיר אריינגעשושקעט א גרוס פון דער וויטער וועלט, פון אלע מיינע חלומות וואָס בלאָנקען ערגעץ ארום אָן מיר.

און דו ביסט נישט געקומען.

שפעטער אביסל, ווען איך בין אָן אָפּגענאַרטע געלעגן אויף מיין געלעגער און געוויינט, האָב איך געהערט א שטילן שאָרך ביי מיין טיר. איך בין האסטיק אויפגעשפרונגען, אויף גיך געעפנט, אָבער עס איז קיינער נישט געווען; בלויז מיין פאַנטאַזיע.

און ווען די נאַכט איז אָנגעקומען אין זיידענע שטעק־שיך און ארויסגעטריבן די שאָטנס פון מיין צימער האָב איך גענומען טראַכטן:

ווען דו וואָלסט געקומען, וואָלט דאָס ליכט פון מיינע אויגן אריי־בער אין דיינע אויגן און פון ביידע פייערן וואָלט געוואָרן איין פייער, אין וועלכן מיר וואָלטן פאַרצערט געוואָרן.

מיר וואָלטן אין אונדזערע אייגענע פלאַמען אונטערגעגאַנגען, אָבער ווי זיס איז אַזא אונטערגאַנג! און אפשר וואָלט פון דעם אונטער־גאַנג ארויס א נייער מאָרגן מיט א נייער זון, מיט א נייעם טאָג און יונגע חלומות?

איך האָב יענע נאַכט קיין ליכט נישט אָנגעצונדן. איך האָב גע־וואָלט זיין אליין מיט דער גרויקייט פון דער נאַכט, מיט דער שטילער איינזאַמקייט, מיט מיין אָפּגעלאָשן בלוט.

און איך האָב זיך דערמאָנט:

דו פלעגסט אמאָל קומען צו מיר. איך אליין בין דיר אקעגנגעגאַנ־גען, געעפנט די טיר, געלאָזט רוען מיינע ליפּן אויף דיינע; דאָס קלאַפּן פון מיין הארץ האָט אויפגעוועקט דיין הארץ, דיין קול האָט זיך מאָדנע געענדערט, ביזט געוואָרן ווי ניי־געבאָרן, האָסט געפונען אין מיר וואָס דיין הארץ האָט פאַרלאַנגט — א הייס וואָרט, א הייסן קוש.

און זיס איז געווען די רגע ווען מיר האָבן מער נישט גערעדט! ווי זיס איז געווען דער מאָמענט, ווען ווערטער זיינען געווען איבעריק, ווען אונדזערע געפילן האָבן גערעדט אין א שפּראַך וואָס שווייגט.

נישט קיין פאַרליבטע זיינען נישט געבענשט מיט אַזאַ מין שוויַיגן וואָס רעדט מיט געזאַנג, וואָס זינגט מיט ווערטער און מיט פייער וואָס ברענט און פאַרברענט.

אין אַזעלכע רגע׳ס האָט דער אומעט קיין אָרט נישט געהאַט אין אונדזערע הערצער.

און טאָמער האָט זיך אויף אַ האַלבע רגע באַוויזן אַ שאָטן פון טרויער, איז באַלד פון דעם שאָטן געוואָרן אַ פרייד, אַ יום־טוב.

און ווען איך האָב דערפילט אויף מיין לייב דיין הייסע האַנט און נאָך הייסערע ליפּן — איז די פרייד אין מיר געוואָרן שטאַרקער, דער יום־טוב ליכטיקער און דאָס געזאַנג פון מיין לייב — הייליקער.

אין יענע שטילע רגע׳ס האָבן מיר געבויט נייע וועלטן; געשפּונען נייע חלומות. אין דער פינסטער האָבן מיר באַשאַפן נייע טעג וואָס דאַרפן ערשט קומען.

אין דער פינסטער האָבן אונדזערע אויגן געלויכטן ווי צוויי זונען. אין דער פינסטער האָבן מיר זיך ערשט ריכטיק דערזען. ביידע נשמות און ביידע הערצער האָבן שטיל געזונגען ליד־נאָך־ליד; געזאַנג נאָך געזאַנג.

אָט אין די אַלע בילדער האָב איך זיך דערמאָנט ווען דו האָסט צוגעזאָגט קומען צו מיר און דו ביזט נישט געקומען.

איך האָב זיך אויך דערמאָנט ווי דו האָסט איינמאָל געזאָגט צו מיר: „דו מאַכסט פון מיינע וואָכנטעג יום־טובים, פון מיין געמיט טרייבסטו אַוועק די איינזאַמקייט, די שאָטנס פון לעבן ווערן פאַר־שוואונדן ווען דיינע ליפּן באַרירן מיך.“

און איינמאָל האָסטו געזאָגט צו מיר: „לאָז מיך זיין די פרייד פון דיין לעבן, לאָז מיך פאַרטרייבן די שאָטנס פון דיינע טעג.“

ווי גוט מיר איז געווען צו הערן פון דיר אַזעלכע ווערטער!

און דעמאָלט האָב איך נישט באַדאַרפט וואַרטן אויף דיר — דע־מאָלט ביזטו אַליין געקומען.

טייערער!

קום ווידער צו מיר! איך האָב נאָך אַ סך ליבע, נישט פאַר קיינעם, נאָר פאַר דיר, פאַר דיר... און ווידער וועל איך דיינע איינזאַמע נעכט פאַרוואַנדלען אין יום־טובים.

ווייַנענדיקע פּלייטן

מייַן בענקשאַפט צו דיר איז אַ סך טיפער ווי דו דענקסט.

מייַנע טרערן־קוואַלן ווערן אויך טיפער וואָס פון טאָג. טיפער נאָך ווי מייַנע לייַדן, ווי מייַן צער.

זיי ווייסן, טייַערער, אַז מייַן טיר און מייַן האַרץ איז תמיד אָפן פאַר דיר, אַז דאָס וואָס איך לעב, איז נאָר צוליב דיר.

און אויב מיר איז באַשערט פון גאָט אויסצוגיין אין איינזאַמקייט וויל איך אויסגיין אויף דייַנע הענט.

וויל איך, אַז דו זאָלסט שטיין בייַ מייַן געלעגער ווען די זון פון מייַנע טעג וועט אויסגעלאָשן ווערן.

שפּיל, פידל, שפּיל...

כמעט גאַנץ אַמעריקע שפּילט איצט אַ לידל: „פּלעי, פידל, פּלעי".
קאַנט איר דאָך מיינען, אַז דאָס לידל איז נײַ; ערשט אַרויס פונ'ם
אײַ; זאָג איך אײַך, אַז דאָס לידל איז שוין אַזוי אַלט, ווי די וועלט.

נישטאָ קיין נײַעס אונטער דער זון. ווען איך בין אַלט געווען
צוואַנציק יאָר, איז מיר שוין דאָס לידל געווען גוט באַקאַנט. דאָס לידל
האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מײַן ערשטע ליבע.

אויב איר האָט אַ פּאָר מינוטן צײַט און געדולד, וועל איך אײַך
איבערגעבן יענע צײַט, יענע גאָלדענע טעג פון מײַן יוגנט, פון מײַן
ערוואַכן.

איך בין אין יענער צײַט געווען זייער שטאַרק פאַרליבט אין אַ
מיידל, דבורה האָט מען זי גערופן.

אַ ברונעטקע, מיט צוויי פאַר'חלום'טע אויגן און אַ זיס שמייכל.

זי איז אַלט געווען נישט מער ווי זעכצן יאָר.

זי האָט געהאַט צוויי לאַנגע שוואַרצע צעפּ, פאַרפלאָכטן מיט
בלויע סטענגעס.

דאָס איז געווען אונדזער ערשטע ליבע; זי, די ליבע, האָט ערשט
גענומען אַרויסשפּראָצן פונ'ם קנאָספּ ווי אַ רויז ווען זי ווערט געקושט
פון דער זון און באַהויכט מיט'ן אָטעם פון גאָט.

דאָס איז געווען אַ ליבע, וואָס שפּילט אויס די שענסטע מעלאָדיען
אויף די סטרונעס פון די פאַרליבטע הערצער. וואָס צויבערט און
פלאַמט אויף אַ פרייד און אַ יום־טוב אין דער נשמה און גיסט אָן דאָס
הייסע בלוט מיט געזאַנג.

אין אַ שיינע זומער־נאַכט, האָבן מיר זיך שטיל, ווי אַ סוד, אַרויס־
גע'גנב'עט פונ'ם שטעטל. מיר האָבן זיך ביידע געפירט פאַר די הענט:
זיך אַלע ווײַלע אָפּגעשטעלט, געציטערט, געפלאַטערט, געהאַט דעם
זעלבן געדאַנק, גע'חלום'ט דעם זעלבן חלום און — ווייטער געגאַנגען.

וואו? האָבן מיר אַליין נישט געוואוסט. און אָט זענען מיר אויף אַ פריי פעלד, וואו ציגיינער האָבן אויפגעשטעלט זייערע לייוונטענע געצעלטן. מיר האָבן געהערט שפּילן אַ ציגיינער אויף אַ פידל; דער פידל האָט געוויינט; ווי אַן עלנדער יתום.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אַ פולע לבנה איז אַרומגעשוואומען אויפ'ן הימל ווי אַ זילבערנע שיפעלע; די שפּיצן בערג און די טיפע טאָלן און די שטאָלענע וואַסערן זענען געווען באַגאָסן מיט זילבער. די בערג האָבן גערעדט צווישן זיך אין אַ שפּראַך אָן קלאַנגען.

מיר גייעןביידע נענטער צו די ציגיינערישע געצעלטן.

מיר זעען אַ פייער צווישן די געצעלטן; אַרום דעם פייער זיצן ציגיינער מיט זייערע פרויען און געליבטע. רויטע פייער־צונגען פלאַטערן און פליען מיט שמחה צו די הימלען, צו די ליכטיקע שטערן; די פרייע נאַטור־קינדער שפּילן אויף פידלען און גיטאַרן, אויף פליטן און צימבלען.

אַלע אינסטרומענטן זייערע וויינען, יאָמערן, אָבער איינער וויינט מער פון אַלעמען: דער פידל.

איך בין זיכער, אַז דער שפּילער איז שטאַרק פאַרליבט; ער גיט איבער זיין האַרץ צו די סטרונעס און די סטרונעס וויינען און גיסן מיט טרערן.

עס איז זיכער, אַז זיין געליבטע האָט אַן אַנדערן. אַרום דעם פייער שפּרייזט אַרום די נאַכט און זי הערט זיך איין צום געזאַנג און זי אָפּלאָדירט מיט אירע גרויע פליגלען. די לופט ווערט פול מיט ליבעסלידער, מיט ליידנשאַפט, מיט זיסן עקסטאַז. עס דאַכט זיך אויס, אַז אַפילו די שטערן זינגען און טאַנצן צו צום טאַקט פון די מוזיק; צום ריטם פון געזאַנג. אַלע אינסטרומענטן דערציילן פון ליבע, אַלע קלאַנגען ריידן און גיבן איבער סודות פון צעוויטאָקטע הערצער. און די נאַכט כאַפּט אויף די געזאַנגען, רייסט זיי אַרוים פון די סטרונעס און זי טראָגט זיי אַרויף, אַרויף צו די וואָלקנס, צו די שטערן, צו די הימלען, צו גאָט אַליין.

איך און דבורה ווערן געפאַנגען פון זייער ביינקשאַפט.

מיר דערנענטערן זיך צום פרייליכן פייער וואָס לעקט מיט רויטע צונגען די פוסטע לופט.

און דער יונגער ציגיינער הערט נישט אויף אויסצוגיסן זיין הארץ אויפ'ן פידל און דער פידל וויינט און בענקט.

דאָס שפּילן וועקט אויך אויף אין אונדזערע הערצער אַ בענקען. דבורה'ס האַנט ציטערט אין מיינער און מיין האַרץ נעמט מאָדנע קלאַפּן, עפּעס וויל עס; עפּעס פאַרלאַנגט עס.

אונדזערע הערצער נעמען וויינען שטיל און מיר זאָגן צום ציגיינער מיט געבעט:

„שפּיל, ציגיינער, שפּיל; זאָל די מעלאָדיע אונדז ברענגען פרייד; אַ פרייד, וואָס בלויז די ליבע רופט אַרויס!"

און דער ציגיינער שפּילט אויף זיין פידל, גיט איבער זיין צער און זיין בענקשאַפט צו די סטרונעס און פון די סטרונעס דרינגט דער צער אַריין אויך אין אונדזערע הערצער.

און מיר ווערן ווי פאַר'כשופ'ט און ווידער בעטן מיר ביים פאַרליבטן ציגיינער:

„שפּיל, שפּיל, ווער נישט מיד; מיר ווילן אייביק הערן דאָס ליד פון ליבע און בענקשאַפט; אַזעלכע לידער לייטערן די נשמה און דאָס האַרץ; אַזאַ ליבע איז שטאַרקער ווי דער טויט; שפּיל ווייטער, שפּיל! אייביג, ווי די אייביגקייט אליין ווילן מיר הערן דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען; דאָס געזאַנג איבער אַלע פריידן. דאָס געזאַנג, וואָס מאַכט יונג; וואָס מאַכט בליען די וועלט!"

מיר זעצן זיך אויך אַוועק ביים פרייליכן פייער. די פונקען לעשן זיך; די פלאַמען צאַנקען אויס; די ציגיינער־מיידלעך שפּאַרן אָן זייערע קעפּ אויף די אַקסלען פון זייערע געליבטע און זיי נעמען חלום'ען דעם אייביקן חלום מיט אָפענע אויגן.

שפּיל, פידל, שפּיל.

אייביק וועלן מיר הערן די שפּראַך פון דיינע סטרונעס!

ווען די שטערן זינגען

א ווינטער־נאַכט.

גרויסע שטערן זינגען אַרונטער אויף דער ערד מיט אַ שטיל געזאַנג. מיט אַ בלוי געזאַנג. מיט אַ ליכטיק געזאַנג.

די גאַסן־לאָמפּן וואַרפן פון זיך גאָלדענע פּעכערס אויפ׳ן שניי.

איך גיי און אָטעם אַרויס אַ ווייסע פּאַרע; די טריט אונטער די פיס זינגען אויך, אָבער נישט אַזוי שטיל ווי די שטערן; זייער געזאַנג איז העכער, סקריפּנדיק קאַלט.

אַ פּרעסטל, אַ הונגעריקס, עסט שטיל מיינע שפּיצן אויערן; עס גריזשעט מיט פייערדיקע ציין.

איך שליס אויף די טיר פון מיין צימער, צינד אָן די עלעקטריק. אימיצער קלינגט דאָס גלעקל.

עטל, מיין שכן׳טע, אַ יונגע, אַ נאַרישע אָבער אַ שיינע, קומט אַריין, בלייבט שטיין ביים טיר, שמייכלט מאָדנע, ווייזט מיר אירע ציין, וואָס זענען אַזוי ווייס ווי דער שניי אין דרויסן. זי שטייט אַ צופּלאַמטע, אַ לאַכעדיקע, קוקט אויף מיר מיט צוויי בלויע פייערן, וואָס קריכן אַריין אין בלוט און מאָנען עפּעס.

זי צוקנפּלט איר בלוזקע, טוט אַ טרייסל מיט די האָר, טרעט צו נענטער צו מיר, נעמט מיך אָן פאַר׳ן האַנט.

איך ווער באַרוישט, ווייס נישט אויף קלאָר וואָס זי מיינט. וואָלט זי זיין אַן עגונה, אָדער אַן אַלמנה, אָדער אַ גרושה, וואָלט איך געוואוסט; אָבער אַזוי ווי זי האָט אַ מאַן, און ער ליבט זי און ער מאַכט אַ שיין לעבן פאַר איר, האָב איך נישט געוואוסט, וואָס זי איז אויסן.

און אפשר האָב איך יאָ געוואוסט און זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק?

און זי שטייט אַ צוקנעפּלטע פאַר מיר, און דאָס פּנים ברענט און די אויגן לייכטן, און דאָס מויל שמייכלט.

זעט זי, אַז איך בין אַזוי קאַלט, אַזוי פרעמד צו איר, זאָגט זי

גאַרנישט און לאָזט זיך אַרויסגיין. ווער איך שוין אַנדערש. גיי איך צו צו איר, נעם זי אָן בײַ דער האַנט:

„בלייבט מיט מיר, איך בעט אײַך".

זי האָט זיך אַרויסגעדרייט פון מײַנע הענט, זיך געריסן צו דער טיר.

איך האַלט זי פעסט און צי זי צו זיך און איך נעם זי אַרום הײַס און נאָך הייסער, און איך בעט זיך בײַ איר:

„גייט נישט אַוועק: איך בין הײַנט אַליין; איר זײַט אויך אַליין; קומט לאָמיר פאַרטרײַבן אונדזער עלנד."

אָבער זי רײַסט זיך אַלץ און הערט נישט אויף צו מורמלען: לאָזט מיך אָפּ: נישט הײַנט... נישט הײַנט... איך בעט אײַך...

— פאַרוואָס?

— הײַנט איז מײַן מאַן׳ס געבורטס־טאָג.

— וואָס האָט עס צו טאָן מיט אײַער מאַן׳ס געבורטס־טאָג?

— איך בעט אײַך, לאָזט מיך אָפּ... איך וויל איבערהויפּט נישט זײַן צו נאָענט צו אַ דיכטער. אַ דיכטער קוקט אויף דער פרוי, ווי אויף אַ טעמע. איך בין זיכער, אַז איר וועט די איצטיקע סצענע אויך אויס־נוצן. איר זײַט אַנדערש ווי אַנדערע; אַנדערע זײַנען מענער און איר זײַט אַ פּאָעט, אַ שרײַבער און זייער אָפט אַ מלמד, מיט אײַער האַלטונג קענט איר אָפּקילן אַפילו דעם גיהנום; לאָזט מיך אָפּ, איך בעט אײַך.

— אָבער איצט, ווען איר רײַסט זיך פון מײַנע הענט, בין איך נישט קיין פּאָעט, נישט קיין מלמד, נאָר אַ מאַן; אַ מאַן מיט ליבע צו אײַך, מיט אַ געפיל. . .

— עס קען זײַן, אַז איר האָט רעכט, אָבער איך האָב אויך רעכט. לאָזט מיך אָפּ.

— איך פאַרשטיי אײַך נישט.

איך טו זי אַ פעסטן דריק צו מיר און זויג זיך אײַן אין אירע יונגע ליפּן מיט אַ ברענענדיקן הונגער.

זי ווערט זיך שוואַך, מורמלט עפּעס, איך כאַפּ אויף די ווערטער: „נישט הײַנט, נישט איצטער... לאָזט מיך אָפּ!... מײַן מאַן איז דאָ אין הויז, ער זיצט און רעכנט, גריבלט זיך אין חשבונות, אין טשעקס, נאָר ער חשבונ׳ט... מיר רעכנט ער אָבער קיין מאָל נישט איבער, ער רעכנט נישט, אַז ער קען מיך אַמאָל פאַרלירן... אַ מאָדנער מענטש"...

און זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון מיינע הענט, זיך צוגעקנעפּלט, פאַררוכט די האָר, מיר צוגעוואָרפן אַ וואַרעמען שמייכל, אַ שמייכל וואָס האָט געגלעט און געזאָגט:

„מיר וועלן זיך נאָך זען... ווען איר ווערט אויס דיכטער, אויס מלמד, ליב איך אייך; איר קענט גוט אונדזערע פרויען. איר ווייסט זייערע וועגן זייער גוט... מיר וועלן זיך נאָך זען... אָבער איך בעט אייך: נוצט מיך נישט אויס פאַר אייער פּרנסה: זאָל די איצטיקע סצע־נע צווישן אונדז בלייבן אַ סוד; איך בין דאָך, פאַרגעסט נישט ר' יאָשע גאָלדמאַנ׳ס אַ שנור; אַ יחסן, פון דער גילדערנער פאָן, אַ מזרח־וואַנט שטייער; כ'האָב דאָך זיין זון פאַר אַ מאַן; אַ מאַן... אַ בעל־חשבון, אַ מאַן פון ציפערן; נאָר ער זיצט און רעכנט... אָבער מיך, זיין פרוי, באַרעכנט ער נישט... איך לעב גאָר נישט אויף דער וועלט. מיר דאַכט זיך, אַז איך בין גאָר נישט זיין פרוי. אָך, די חשבונות זייערע, נישט אַלע מאָל שטימען זיי... אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט..."

איך האָב זי ווידער אַ נעם געטאָן אין מיינע הענט און ווידער זיך איינגעגעסן מיט מיינע ליפּן אין אירע...

דאָס מאָל האָט זי זיך מער נישט געוועהרט. . .

און אַ ליכטיקע נאַכט, אַ ווייסע, האָט אַריינגעקוקט צו מיר אין צימער מיט ליכטיקע אויגן.

און די שטערן האָבן נאָך אַלץ געזונגען זייער שטיל געזאַנג; זייער בלוי געזאַנג.

און בלויע דימענטן האָבן געשימערט אויפ'ן שניי און אויך געזונגען.

און די גאַס־לאָמפּן האָבן נאָך אַלץ געפּעבערט דעם שניי מיט גאָלדענע פּעבערס.

די דאָזיקע נאַכט האָב איך נישט געשלאָפן, נישט געשריבן, נישט געלייענט, נאָר געטראַכט...

און געטראַכט האָב איך וועגן די אידיאָטישע מענער, וואָס האָבן שיינע, יונגע פרויען; פרויען מיט הייס בלוט, מיט פלאַמען אין לייב, מיט פייער אין די אויגן, מיט אַ לוסט צו לעבן און זיי, די אידיאָטן, זיצן און פירן חשבונות, דרייען זיך אַ קאָפּ מיט ציפערן, מיט טשעקס,

מיט נאָוטס, מיט פּראָצענט און זיי פילן נישט און ווייסן נישט, אז זיי פארלירן דעם קרן...

און ווידער האָב איך געטראַכט: זי האָט רעכט. מיר, שרייבער, נוצן טאַקע אויס די פרוי, די ליבע, דאָס הייליקסטע פון אלע סודות פאַר א טעמע, פאַר פּרנסה.

דאַכט זיך א נאַריש ווייבל, אָבער אין די זאַכן איז זי נישט נאַריש.

און זי האָט טאַקע געטראָפן; נישט מער, וואָס איך האָב שכל גע־נוג נישט צו דערמאָנען איר אמת'ען נאָמען.

„פאַרגעס מיך נישט"

איך דערמאָן זיך:

דערווינטער־ווינט האָט נאָך דעמאָלט געשפּילט אויף זיין ווייסן פידל אומעטיקע לידער; דער פראָסט האָט נאָך אויסגעהעפּט אויף די שויבן ווייסע רויזן און זילבערנע בלעטער; די טייכן אַלע זיינען נאָך געווען געפאַנגען אונטער׳ן אייז און די טעג זענען געווען קורץ און די נעכט לאַנג און דער טרויער אין מיין האַרץ — טיף.

און דאָך האָט שוין אין אַ ווינקעלע, ערגעץ אין מיין מוח, גע־וועקט זיך אַ חלום פון אַ פרילינג וואָס וועט באַלד אָנקומען מיט ליכט און מיט לידער.

און איך האָב זיך דערוואַרט — דער פרילינג האָט זיך באַוויזן.

דאָס איז געווען דער שענסטער פרילינג פון מיין לעבן.

אין די טאָלן האָבן שוין די טייכן געשטראָמט, געקייקעלט זייערע קלאָרע וואַסערן און געזונגען אַ געזאַנג פון פרילינג. איבער די באָפּ־רייטע שטראָמען האָבן פייגל געזונגען. און איבער די פייגל האָט דער בלויער הימל געזונגען. און די זון אַ ליכטיקע, אַ וואַרעמע האָט געשאָטן מיט גאָלד. זי האָט נישט געזשאַלעוועט: גאָלד אויף די פעל־דער, גאָלד אויף די טייכן, גאָלד אויף די יונגע רויזן און גראָזן, און גאָלד אויף די שויבן פון מיין צימער.

און טאָמער האָט זיך באַוויזן אַ טויב אין גאָס, האָט זי אויך פאַרזוכט דעם טעם פון גאָלד: די זון האָט איר באַגילדעט אַ פליגעלע.

איך בין אַרויס פון שטאָט; געוואָלט זיין מיט זיך אַליין; געוואָלט חלום׳ען מיינע חלומות, טראַכטן מיינע געדאַנקען.

פון אַלע זייטן האָבן זיך באַוויזן קליינע ווייסע הייזלאַך מיט שינדעל־דעכער, ביי די הייזלאַך הינער, הענער, קי און קעלבלאַך.

ווייסע און ראָזעווע בליטן אויף די קאַרשן־בוימער און עפּל־בוימער.

צו מיינע אויערן איז דערגאַנגען אַ בילן פון אַ הונט און דאָס געזאַנג פון אַ מיידל.

איך בין אוועק אויפזוכן דאָס מיידל וואָס זינגט.

איך האָב ווייט נישט געדאַרפט גיין. דאָס איז געווען אַ אידישע טאָכטער וואָס איך האָב געקענט. רחל'ע האָט מען זי גערופן; איר פאָטער האָט געהייסן ר'איטשע.

מען האָט אים גערופן ר'איטשע, נישט דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ גרויסער לערנער, נאָר ווייל ער האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד דורכגעפלאָכטן מיט גרויע פעדים.

האָט עס זיין טאָכטער רחל'ע געזונגען אין יענעם וואונדערליכן פרילינג פון מיין לעבן. יענעם פרימאָרגן, ווען די וועלט האָט זיך געבאָדן אין גאָלד האָב איך רחל'ען ערשט ריכטיק באַטראַכט.

זי איז געשטאַנען אין פעלד, נישט ווייט פון איר פאָטער'ס הויז, געהאַלטן אַ ריטל פון אַ ווערבע־בוים אין האַנט, אויפגעפּאַסט אויף יונגע גענזעלאַך און געזונגען.

זי האָט געהאַט טונקל בלויע אויגן ווי דער הימל, אַ בלאָנדן קאָפּ האָר ווי דאָס גאָלד פון דער זון און בריסט — יונגע.

איך האָב געקוקט אויף רחל'ען און איך האָב מער נישט געקאָנט אוועקגיין.

דאָס איז געווען מיין ערשטע ליבע, דער ערשטער פלאַם וואָס האָט געוועקט מיינע יונגע בלוטן; דאָס ערשטע פייער.

איך בין צוריק אין שטאָט אוועק. אָבער איך האָב מער נישט געקענט רוען; בין איך אויף מאָרגן פרי ווידער אוועק זען רחל'ען; געוואָרן מיט איר נענטער; מיר זיינען שוין געזעסן צוזאמען און גערעדט.

איך האָב פאַר איר געזונגען חזנ'אישע זאַכן און זי האָט פאַר מיר געזונגען פאָלקס־לידלאַך וואָס דער לערער האָט איר אויסגעלערנט.

דער לערער איז אוועק, אָבער די לידער, וואָס ער האָט זי אויסגעלערנט, געדיינקט זי.

און זיי זענען אזוי זיס, אזוי הארציק, אזוי אידיש!

איין מאָל בין איך מיט רחל'ען אוועק אין וואלד קלייבן פּאָזשימקעס, האָבן מיך זיך ביידע אוועקגעזעצט אויף אַ שטיין צווישן יונגע קוסטעס מיט ווילדע בלומען. איך האָב געפרעגט רחל'ען אויב זי ליבט מיך אזוי ווי איך ליב זי.

— יאָ, האָט זי געזאָגט, און זיך גענומען רויטלען.

— טאַ גיב מיר אַ קוש! — האָב איך זיך געבעטן ביי איר, — איין קוש.

— וואַרט אַ ווײַלע, — האָט זי געזאָגט, און די בלויע אויגן אירע האָבן זיך געצונדן, — וואַרט אַ ווײַלע.

און זי האָט אויסגעריסן פון דער ערד אַ קליין בלימעלע, וואָס מען רופט עס: „פאַרגעס מיך נישט” און געזאָגט צו מיר:

— באַלד וועל איך וויסן אויב דו ליבסט מיך טאַקע אמת׳דיק, אָדער נישט. אָט דאָס בלימל וועט אונדז ווײַזן.

און זי האָט גענומען רייסן צו איינציקע בלעטלאַך און זאָגן: „דו ליבסט מיך יאָ, דו ליבסט מיך נישט” — אַזוי כסדר ביז צום לעצטן בלעטל. און ס׳איז געבליבן, אַז איך ליב זי יאָ.

מיר האָבן שוין דעמאָלט קיין פּאָזשימקעס נישט געריסן. מיר האָבן זיך געקושט און געצערטעלט און איבער אונדז, אויף די גרינע ביימער, האָבן געטשוויטשערט פייגל, און די זון האָט געוואָרפן בוקעטן גאָלדענע רויזן צווישן די גרינע צווייגן.

איין בוקעט איז אַרויפגעפאַלן אויף רחל׳ס בריסט.

איידער איך בין צוריק אַוועק אין שטאָט, האָט מיר רחל׳ע מיט־געגעבן אַ בלימל און געזאָגט:

— געדיינק, דאָס בלימל רופט מען „פאַרגעס מיך נישט”. וויל איך, אַז דו זאָלסט מיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

— און איך וויל, אַז דו זאָלסט מיינע קושן נישט פאַרגעסן. — האָב איך געזאָגט.

איך בין פון מיין היים אַוועק. איבערגעלאָזן רחל׳ען ביי איר טאַטן. איך האָב זי מער נישט געזען.

געהערט האָב איך, אַז זי האָט נאָך נישט חתונה געהאַט. זי וואַרט נאָך אַלץ אויף מיר.

גיי דערצייל איר, אַז די צייט האָט מיך אין אַ פרעמדער וועלט פאַרטראָגן; אין אַ ווייטע פרעמדע וועלט; אַז דאָס בלימעלע, וואָס זי האָט מיר געגעבן, וואָס מען רופט עס: „פאַרגעס מיך נישט” איז באַלד אויף מאָרגן פאַרוועלקט געוואָרן.

קורץ איז געווען יענער פרילינג; זייער קורץ; אָבער ביי מיר אין זכרון וועט ער תמיד זיין פריש ווי ס׳איז געווען פריש דער ערשטער חלום פון מיין ערשטער ליבע.

די אָפּגעגאַרטע

א זומער־מאָרגן.

דער טוי ליגט נאָך אויף די גראָזן, און ער וואַרט, אַז די זון זאָל קומען און אים אויסטרינקען. די זון ליבט צו טרינקען טוי; די זון ווערט שכור פון טוי.

און די בלויקייט אין דער לופט זאָגט אָן, אַז עס קומט א בלויער הימל מיט ווייסע זיידענע וואָלקנדלאַך, וואָס זעען אויס ווי ווייסע חלומות, וואָס א יונגער מלאך האָט אויסגע׳חלומ׳ט. די גרינע בלעטער אויף די בוימער שלאָפן נאָך; זיי וואַרטן אַז א ווינטל זאָל זיי אויפוועקן. עס הערט זיך בלויז א פּיפּסן פון א יונג פייגעלע ערגעץ אין א נעסט, א פייגעלע,וואָס קען נאָך ניט פליען.

איך גיי און איך שעפּ אריין אין זיך די פרישע לופט און די אויגן מיינע דערזעען לעבן א באַנק א ווייס שטיקל פּאַפּיר.

איך הויב עס אויף. עס איז געשריבן אין אידיש. עס איז געשריבן פון א מידל, און אפשר פון א יונג ווייבל.

איך זעץ זיך אַוועק און איך נעם עס לעזן:

„מיין ליבער!

„ווי נאַריש עס איז דיין שווערן זיך ביי דיין טאַטן, ביי דיין מאַמען און ביי דיין ליבע צו מיר. איך ווייס, אַז אַלע דיינע שבועות זיינען פאַלש; איך ווייס, אַז צום סוף וועסטו אַוועק צו אַן אַנדערער און אויך פאַר יענער וועסטו זיך שווערן.

„און אויך יענע וועט דיר ניט גלויבן, ווי איך גלויב דיר ניט.

„און פון יענער וועסטו אַוועק צו א דריטער, און צו א פערטער, אַזוי כסדר, און מיטנעמען מיט זיך דיזעלבע ווערטער און דיזעלבע שבועות.

„איך ווייס, אַז איך בין פאַר דיר ניט מער ווי א בעכער פון גליענדיקער ליידנשאַפט, פון געגנוס, פון זינד...

„איך בין פאַר דיר ניט מער ווי א ליכט, וואָס צינדט אָן דיין בלוט און צובלאָזט עס אין העלישע פלאַמען.

„איך ווייס עס, און ווייל איך ווייס עס, וויין איך גאַנצע נעכט. ווי גוט וואָלט מיר געווען, ווען איך וואָלט עס ניט וויסן! איך ווייס, אַז איך בין פאַר דיר דאָס אייגענע, וואָס די בלום איז פאַר דער בין, וואָס די פליג איז פאַר דער שפּין.

„איך ווייס, אַז איך בין פאַר דיר אין דיינע טונקעלע טעג א זון. אין דיינע פינסטערע נעכט א ליכטיקער שטערן.

„נישקשה, דו האָסט א שיין מויל און דו קענסט שיין ריידן; דיינע ווערטער לאַשטשען. דו באַזיגסט מיך מיט דיינע שיינע פראַזן. ביי מיר ליגט נאָך באַהאַלטן דיינס א לידל, וואָס דו האָסט מיר אַמאָל געמאַכט א מתנה.

„אין דעם לידל זאָגסטו, אַז איך בין פאַר דיר, אין דיין שווערן לעבן, דאָס נאַכט־געבעט, די שטילע רו, א תפילה.

„אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז דיין שרייבן, פּונקט ווי דיינע ווער־טער, זיינען פאַלש?

„איך האָב נעכטן געוואַרט אויף דיר פון אַכט ביז צען.

„איך בין געזעסן אויף דער באַנק און מיינע אויערן האָבן אויפגע־כאַפּט יעדן שאָרך, יעדן טראָט פון מענטשן.

„אין מיין האַרץ איז געווען א קללה פאַר דיר און א ברכה; א קללה, אויב דו וועסט מיר אָפּנאַרן, און א ברכה, אויב דו וועסט האַלטן וואָרט און קומען.

„און ווען איך האָב געהערט א זייגער שלאָגן צען, האָב איך די ברכה פון מיין האַרץ אַרויסגעריסן און אָפּגעשטעלט האָט זיך בלויז די קללה.

„איך בין געווען זיכער, אַז ערגעץ זיצסטו מיט אַן אַנדערער, און איך ליג דיר אפילו ניט אין זינען.

„ווען איך בין אַהיים געגאַנגען, האָבן די טריט הינטער מיר געוויינט.

„און דאָס בלוט אין מיר האָט געוויינט, און געטראַכט האָב איך פון נעמען זיך דאָס לעבן. אָבער איך האָב זיך באַרעכנט, אַז עס וואָלט געווען נאַריש פון מיר אוועקצוגיין פון דער וועלט צוליב דיר!

„און ווען איך בין אַריין אין מיין איינזאַם צימער, זיך אויסגע־

טאָן און באַטראַכט מיין יונגען, שלאַנקען קערפּער און זיך צוגעהערט צו דאָס קלאַפּן פון מיין יונג האַרץ און באַטראַכט די ווייסע בריסט מיינע און די שוואַרצקייט פון מיינע אויגן — האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס איך בין, פרי געגנוג, צו מיין שכל געקומען און אַרויסגעשלאָגן דיר פון געדאַנק.

„איך בין איינגעשלאָפן און געהאַט וואונדערליכע חלומות.

„ניט פון דיר, ניין, ניט פון דיר; דו ביזט מיר אפילו צו חלום ניט געקומען.

„איצט איז מיר גוט ווי די וועלט. אמת, איך בין ווידער געוואָרן אַ שפּילכעל, ווידער געוואָרן אַ פליג און אַ נעץ פון אַ שפּין, ווידער אַ בלומען־בעכער פאַר אַ בין, אָבער איך הער ניט מער קיין פאַלשע רייד, קיין פאַלשע שבועות.

„איך בין ביי איינע. און ווען ער זאָגט צו קומען, קומט ער, ער איז אַלעמאָל אין צייט.

„איך שיק דיר דאָס בריוול מיט מיינע אַ חבר'טע; איך וויל זיך אויף דער פּאָסט ניט פאַרלאָזן.

„און איך בין זיכער, אַז ווען דו וועסט איבערלייענען דאָס בריוול, וועסטו עס אַוועקוואַרפן.

„אָבער עס וועט מיר ניט אַרן. עס וועט נאָך אפשר זיין בעסער; עס קען אַריינפאַלן צו איינעם אין האַנט, וואָס וועט עס פאַרעפנטליכן פאַר דער וועלט.

„דעמאָלט וועלן טויזנטער מענטשן עס לעזן און אפשר דיך דערקענען.

„און מיינע שוועסטער וועלן וויסן, ווי זיך צו היטן פאַר דיר, דו פאַלשער מענטש!

„און טאָמער וועסטו מיר וועלן ערקלערן, אַז דו האָסט חרטה, אַז דו וועסט מיר מער ניט אָפּנאַרן, זאָג איך דיר, אַז איך וועל אַנט־לויפן פון דיר.

„איך געהער צו אַן אַנדערן.

„וואָס איך ווינש איז, אַז אַלע גליקליכע שעה'ען, וואָס מיר האָבן אַמאָל געהאַט, זאָלן אויף אייביק פאַרגעסן ווערן; אַז מיין זכרון זאָל זיי אין גאַנצן אויסמעקן.

„דיין געוועזענע בעללאַ."

אַ פרילינגס געזאַנג

סאָראַ שיינע צייט דאָס איז!

אַ געהיימע האַנט לאָזט זיך אַרונטער אויף דער ערד און שליסט אויף מיט אַ גאָלדענעם שליסל אַלע קוואַלן, אַלע פאַרקאָוועטע טייכן און אַלע באַהאַלטענע וואַסערן.

און די קוואַלן נעמען שלאָגן מיט פרייד, און די טייכן שפּרייטן זיך אויס איבער יונגע פעלדער און שטראָמען נעמען טאַנצן פון הויכע בערג אַרונטער מיט גערויש און געזאַנג. ווי שיין עס איז צו זען אַ יונגן, ערשט־אויפגעוואַכטן שטראָם אַרונטערפאַלן פון אַ הויכן פעלז אין טיפן טאָל אַריין. עס דאַכט זיך אויס, אַז דער יונגער שטראָם וויל באַגיין זעלבסטמאָרד, אָבער עס איז נישט אמת. דאָס טאַנצט ער איבער די נאַקעטע פעלזן זיין פרילינג־טאַנץ; דאָס טאַנצט ער פאַר פרייד!

און די זון פון אויבן באַגיסט זיין טאַנץ מיט וואַרעמען גאָלד. פרילינג:

יונגע גראָזן, נאָך שלאָפע, ערשט געעפנט זייערע אויגן, שפּראָצן פון דער יונגער ערד אַרויס און ציען זיך צו דער זון; צו די בלויע זיידענע הימלען. ווען זיי וואָלטן כח געהאַט, די יונגע גרעזלאַך, וואָלטן זיי איינגעשלונגען די גאַנצע זון. זיי גלייכן די זון; די זון גיט זיי וואַרעמ־קייט און ליכט און כח. גרעזלאַך שלינגען טראָפּנס זון, ווען זיי זיינען דורשטיק.

און די בוימער, אויסגעפּוצטע, יום־טוב׳דיקע, מיט גרינע צינג־לאַך לעקן זיי די ליכטיגקייט פון דער זון; זיי רייסן זיך אויף גאָט׳ס וועלט אַרויס, ווילן זיך פון די קנאָפּסן באַפרייען, פון זייער שלאָף אַרויס, און באַגריסן די זון מיט זייער אייגענער ערוואַכונג, מיט זייער יונגן חלום.

זייט געגריסט, איר יונגע, איר פרישע בלעטלאַך מיט אייער אויס־גע׳חלום׳טען חלום!

איך באַגריס אייך אינאיינעם מיט די פויגל, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די קאַלטע מדינות און אַהער־געקומען מיט זייערע לידער, מיט זייערע זיסע געזאַנגען. מיט זייערע נגונים וועקן זיי אויך אויף געזאַנגען אין מיין הארץ, אין מיין נשמה.

פרילינג:

געבענטשטע צייט פון גאָט!

און וואָס ליכטיקער עס צושטראַלט זיך דער פרילינג, און וואָס לוסטיקער עס קלינגען די לידער פון די פויגל, און וואָס שטאַרקער די וואַסערן רוישן פון די הויכע בערג אַרונטער, — אַלץ ליכטיקער, אַלץ מעכטיקער צושטראַלט זיך מיין האָפנונג אויף אַ פרילינג, וואָס דאַרף ערשט קומען פאַר די מענטשן, אַלץ שטראַלנדיקער ווערט דער חלום אויף אַ נייער און אַ פרייער צייט.

ווען ווינטן בושעווען אין קאַלטע ווינטער־נעכט, ווען זיי זינגען זייערע לידער פון טויט און אונטערגאַנג, אַט דעמאָלט נעמט זיך שפּינען דער ליכטיקער חלום פון פרילינג. פונקט ווי דאָס קערנדל אין דער קאַלטער ערד שפּאַלט זיך אין צווייען און נעמט וועבן אַ ניי לעבן, אַט אַזוי נעמט מיין הארץ וועבן אַ חלום פון נייע צייטן, ווען די ווינטן ווייִנען ביי מיר אין קוימען ווי עלנדע יתומים.

פרילינג:

זעט ווי יעדער בלומנבעכער איז אָנגעגאָסן מיט זון און ליכט און גאָלד!

ווי די בלומען־קוסטעס חלום'ען אַרויס זייערע פאַרביקע חלומות פאַר דער וועלט! קען נאָך זיין אַ שענערער חלום, ווי עס חלום'ען רויזן? יאָ! די חלומות, וואָס מיין הארץ חלום'ט אויס, זיינען נאָך שענער, נאָך ליכטיקער, נאָך פאַרביקער! חלום, חלום ווייטער, מיין הארץ, דיין יונגען חלום פון אַ פרייער און אַ נייער וועלט!

חלום ווייטער דיין ליכטיקן חלום, הארץ מיינס; די חלומות וועלן זיכער מקוים ווערן; אויך פאַר אונדז מענטשן וועט זיך צובליִען אַ פרילינג!

קיינע פרעסט און קיינע ווינטן וועלן דעם חלום ניט פאַרטרייבן! חלום ווייטער, הארץ מיינס! באַלד־באַלד, און די ביימער וועלן זיך אָנטאָן אין בליטן, אין ווייסע, אין ראָזעווע, און זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט: באַשאַפן פירות.

אויך בוימער מוזן זיך פאַרדינען זייער לעבן. גאָט זאָגט צו זיי: „אויב איר וועט מאַכן קאַרשן, עפּל, באַרן, פלוימן און אַנדערע פּרוכטן, וועל איך אייך געבן רעגנס און זונשיין; וועל איך אייך שיינקען פויגל־געזאַנג און מילדע ווינטעלאַך, וואַרעמע, סאַמעטענע.״

און אַזוי ווי בוימער ווילן לעבן, קענען זיי און זון און רעגן נישט בליען, נישט וואַקסן, גיבן זיי זיך אונטער און זיי אַרבעטן טאָג און נאַכט און זיי באַשאַפן פּירות פאַר דער וועלט.

אפּנים, אַז גאָט איז נישט אַזאַ גוטער ווי אַ גאָט דאַרף זיין!

ווען איך זאָל זיין גאָט, וואָלט איך געזאָגט צו די בוימער: „אַרבעט בלויז דריי שעה אַ טאָג און די איבעריקע צייט רוט און הערט זיך צו צו די פויגל־געזאַנגען און וואַרמט זיך אין דער זון און הערט זיך איין צו די מעשה׳לאַך, וואָס די ווינטלאַך דערציילן אייך.״

עס לוינט זיך נישט צו אַרבעטן פיר־און־צוואַנציק שעה אַ מעת־לעת פאַר אַ ביסל רעגנוואַסער און עטליכע שטראַלן זונשיין.

ווען מיר, מענטשן, וועלן דערלעבן אונדזער פרילינג, וועלן מיר אונדזער אַרבייטס־צייט אַליין איינשטעלן, אַליין אָן גאָט׳ס הילף.

פרילינג:

דערוויייל גרינט עס און עס בליט אין אַלע ווינקעלאַך און פויגל פאַרהילכן די לופט!

זינגט, פויגל, זינגט!

מיט אייך אינאיינעם זינגט אויך מיין האַרץ און מיין נשמה!

אַלטע ליבע זשאַווערט ניט

דו ווילסט וויסן אויב מיין ליבע צו דיר איז נאָך נישט אָפּגעקילט?
ניין! זי איז נאָך הייסער ווי געווען; א סך הייסער!
דאָס ווערטל: „אַלטע ליבע זשאַווערט נישט" איז אמת ווי גאָלד.
זייט איך האָב דיר דאָס ערשטע מאָל דערזען, ליב איך דיך.

און מיין נישט, אז איך האָב דיך דעמאָלט געליבט, ווייל דו ביזט אַלט געווען סך הכל 19 יאָר; ווייל דו ביזט געווען שיין און קלוג און האָסט געהאַט אַזאַ זיסע שטים, ווי אַ פליייט און אויגן שוואַרצע, פאַר׳חלום׳טע. איך ליב דיך היינט פּונקט אַזוי ווי אַמאָל און אפשר נאָך שטאַרקער.

מיט אַ וואָך צוריק איז געוואָרן 30 יאָר ווי מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַקאַנט.

שוין 30 יאָר!

מיר זיינען שוין ביידע גרוי, אָבער די ליבע מיינע איז נאָך יונג ווי געווען.

ווען דער חלום אונדזערער, וואָס מיר האָבן אַמאָל ביידע גע־חלום׳ט, וועט ווערן אוים חלום — אויך דעמאָלט וועל איך דיר ליבן.

ווען די צייט וועט אויסמעקן פון מיין זכרון יענע זומער־נאַכט אין די בערג, ווען פון יענע זכרונות וועט שוין זיין נישט אפילו אַ שאָטן, וועל איך דיך נאָך אַלץ ליבן.

ווען איך וועל זיך נאָר דערמאָנען יענעם אָוונט, ווען אַ זומער־ווינטל האָט געזונגען איבער אונדזערע קעפּ און געשויבערט אונדזערע האָר, און מיר ביידע זיינען געזעסן צוזאַמען און געשוויגן, און די נאַכט האָט באַצירט די גראָזן מיט קלאָרע וואַסער־פּערל, וועל איך דיר ליבן.

מיין האַרץ וועט אַלע מאָל וויינען אויף יענער צייט, וואָס איז

אזוי גיך אוועק; אוועק אינאיינעם מיט אונדזערע טעג, מיט אונדזער לעבן.

איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן ווען דו האָסט זיך געטוליעט צו מיר און געוויינט פאַר פרייד, וואָס איך שטוים דיך נישט אָפּ פון זיך.

עס זיינען שוין 30 יאָר אריבער און נאָך היינט פיל איך דעם פייער און דעם קלאַנג פון דיינע קושן!

אָט־אָ־דער קלאַנג וועט קיין מאָל נישט פארקלינגען. אפילו ווען דיינע אויגן וועלן שוין מער קיין טרערן נישט האָבן; ווען די לעצטע טרער דיינע וועט זיין אויסגעוויינט — אויך דעמאָלט וועל איך דיך ליבן. אפילו ווען דיין בלוט וועט ווערן אַלט און קאַלט.

פאַר מיינע אויגן וועט תמיד שטיין די געליבטע מיינע, ווי זי האָט אויסגעזען מיט 30 יאָר צוריק.

בלויז דער טויט וועט צונעמען מיין ליבע צו דיר. ווייל דער טויט איז שטאַרקער פאַר אַלץ אין דער וועלט; ער שטעלט אָפּ דאָס הארץ און דעם אָטעם.

ער מעקט אָפּ אויף אייביק אַלע נישט גע׳חלום׳טע חלומות.

אָבער כל זמן דער טויט וועט מיר נישט האַלטן אין זיינע הענט, און מיינע אויגן וועלן נאָך זען די זון, און מיין הארץ וועט נאָך קלאַפּן, וועל איך דיך ליבן!

ליבן ווי אַמאָל, ווען מיר זענען נאָך ביידע נישט געווען גרוי און אַלט, ווען דאָס לעבן האָט געשמייכלט צו אונדז.

איך וועל דיך אַלע מאָל ליבן; אַלע מאָל. אפילו ווען דיין קאָפּ וועט שוין זיין וויים ווי שניי און די פארב פון דיינע באקן אָפּגעמעקט.

אפילו ווען דיין שטים וועט פארלירן דעם ווייכן זילבער־קלאַנג, אפילו דעמאָלט וועט זיך מיין ליבע צו דיר נישט אָפּקילן.

כל זמן טעג וועלן זיין טעג און נעכט וועלן זיין נעכט און די זון וועט בלייבן אַ זון, וועל איך דיך ליבן.

צוליב דיין ליבע צו מיר און מיין ליבע צו דיר, האָב איך שע־נערע לידער געשריבן.

לידער, וואָס די יוגנט שפּיגלט זיך אָפּ אין זיי מיט אַלע פארבן.

„יענע זומער נאַכט" — איז מיין שענסטע פּאָעמע, וואָס איך האָב געשאַפן.

י. ארלער

גערייקסטו נאָך, טייערע, יענע נאכט ווען ליכטיקע פליגעלאך האָבן זיך געצונדן ווי גרינע פייערלאך און זיך פארלאָשן?

אָט־אָט־די ליכטיקע פליגעלאך זיינען אונדזערע עדות געווען; די איינציקע עדות.

ניין, מיין טייערע, איך וועל דיך קיין מאָל נישט פארגעסן!

מיין וואונטש איז היינט: אז אונדזערע קברים זאָלן זיין צוזאמען.

אויב דאָס לעבן האָט אונדז א לאנגע צייט דערווייטערט, זאָל אונדז דער טויט דערנענטערן.

איך וואָלט אפילו געוואָלט האָבן מיט דיר א בשותפותדיקע מצבה.

דערווייל לאָמיר פון טויט נישט טראכטן; דאָס טראכטן אליין קירצט אָפּ די יאָרן.

מיין פלאן איז: מיר זאָלן נאָך איין מאָל אין אונדזער לעבן באַזוכן יענעם אָרט אין די בערג און זיצן אויפן זעלבן שטיין און הערן דאָס מורמלען פון דעם שטילן וואסער.

געזאַנג און שטילקייט

איך האָב געבענקט נאָך געזאַנג ביז איך ארויס פון דער שטאָט און אוועק אין די בערג. דאָרט האָב איך זיך באַזעצט צווישן נאַקעטע סקאַלעס. זיינען זיך צונויפגעקומען ווינטן אַהין פון אַלע בערג און די ווינטן האָבן זיך צעזונגען. האָב איך זיך צוגעהערט צו זייער געזאַנג און מיטגעזונגען מיט זיי. איך בין געוואָרן אַ טייל פון די זינגענדיקע ווינטן.

איין מאָל האָב איך גענומען אַ שפּאַציר צווישן די הויכע פעלזן. האָט מיין אויער דאָרט פאַרנומען אַ געזאַנג. בין איך ווייטער געגאַנגען, ביז איך האָב דערזען אַ טייכל. דאָס טייכל איז געלאָפן צווישן צוויי בערג און ס'האָט געזונגען. האָב איך זיך צוגעהערט צום געזאַנג און באַלד האָב איך מיטגעזונגען מיטן טייכל. זינגען מיר שויןביידע, איך און דאָס טייכל, דאָס טייכל און איך. שווער צו טרעפן ווער עס זינגט שענער, פרייליכער.

און אָט דערהער איך אַן אַנדער געזאַנג איבער מיין קאָפּ.

דאָס האָבן פייגל געזונגען.

האָט באַלד מיין האַרץ אויפגעכאַפּט זייער געזאַנג און מיטגעזונגען די זעלבע נגונים. איך בין געוואָרן ביי זיי אַ משורר, אַן ארויסהעלפער.

גיי איך ווייטער. איבער מיר בלויע הימלען מיט ווייסע זיידענע וואָלקענדלעך, פאַרפּוצט מיט פעראַמוטער, הויכע נאַקעטע פעלזן. וואָר־נישט־וואו שטעקט ארויס אַ גרין בוימל, ווי אַ יתום, עס וויל וואַקסן, ווערן גרויס און עס קען נעבאַך נישט; די פעלזן לאָזן עס נישט וואַקסן און ווערן גרויס.

און אָט דערהער איך אַ מענטשליך געזאַנג. איך דערזע צווישן די הויכע בערג אַ גרינע לאָנקע, נישט ווייט שטייען שעפּסן און פּי־

מערן זיך און א מיידל א באַרוועסע, אַן אָפּגעבערענטע פון דער זון, האַלט א בלימל אין האַנט און זינגט.

איך קום צו נענטער. איך זע דאָס מיידל האָט נאָך נישט אויף זיך קיין אַכצן זומערן. און זי איז שיין און געזונט און אומשולדיק.

איך באַטראַכט אירע אויגן. זיי זיינען בלוי ווי דער הימל איבער איר, און די האָר בלאָנד און גאָלד ווי די פעדים פון דער זון. און די בריסט — באַוועגן זיך אונטער איר בלוזקע ווי צוויי טויבן. זי קוקט אויף מיר מיט מאָדנע בליקן, פאַרגאַפטע און שעמעוודיקע, און זי הערט נישט אויף צו זינגען.

געפעלט מיר דאָס מיידל און עס געפעלט מיר איר געזאַנג. שליסט זיך אָן מיין האַרץ אָן איר געזאַנג און עס נעמט אויך זינגען.

אָבער דאָס זינגען איז נישט ווי דאָס, וואָס איך האָב געזונגען ביז אַהער.

ביז אַהער האָב איך נאָכגעמאַכט די ווינטן, דעם טייכל, די פייגל, אָבער דאָס מאָל מאַך איך נאָך א לעבעדיקן מענטשן; א מיידל, וואָס בייַנקט נאָך ליבע. דאָס פילט זיך אין איר זינגען, אין די קלאַנגען פון איר שטימע.

איך פאַרפיר א שמועס מיט איר און זי ענטפערט מיר מיט געזאַנג.

איך נעם זי פאַר'ן האַנט, גלעט אירע באַקן, באַריר אירע בריסט. זי שמייכלט און זינגט.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און איך און זי האָבן זיך פאַראייניקט און צוזאַמען געזונגען דעם זעלבן נגון.

אַלץ אין מיר האָט, בשעת מעשה, געזונגען: דאָס האַרץ, די נשמה און יעדער טראָפּן בלוט אין מיר.

אַזעלכע געזאַנגען ווערן געזונגען אפשר איין מאָל אין א לעבן.

א סימן: נאָך אַמאָל איז שוין דאָס ליד נישט געזונגען געוואָרן.

איך האָב מער דאָס מיידל נישט געזען און איך ווייס אפילו נישט איר נאָמען. איך געדיינק בלויז אירע אויגן און דאָס געזאַנג.

איך בין אפשר הונדערט מאָל געווען אין זעלבן אָרט, אין זעלבן טאָל, אָבער איך האָב מער דאָס מיידל נישט געהערט, נישט געזען. מיט דער צייט בין איך געוואָרן אַנדערש געשטימט.

בין איך אַוועק אין אַן אַנדער געגנט, ווייט, גאָר ווייט פֿון מענטשן.

איך האָב איינער אַליין געוואַנדערט. מיין אויער האָט נישט פֿאַר־נומען קיין שום גערוש. נישט פֿון אַ טייך, נישט פֿון אַ וואַלד, נישט פֿון אַ פֿויגל.

אפילו די ווינטן האָבן געשוויגן. איך האָב באַטראַכט די בלעטער אויף די בוימער. אויך זיי זיינען געשלאָפֿן שטיל. ס'האָט זיך אויסגע־דאַכט, אַז זיי אָטעמען נישט מער.

און ווען איך בין מיד געוואָרן, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויס־רוען אונטער אַן עפּל־בוים. זיין שאָטן האָט מיר געקילט. שאַ, שטיל. קיין פֿויגל, קיין ווינטל, קיין שאָרך. שטיל ווי עס איז געווען דער שאָטן פֿונ'ם עפּל־בוים.

איך האָב אָנגעשטרענגט מיין אויער. אפשר וועל איך דערהערן אַ פּיפּס, אַ טראָט פֿון מעטשליכע פּיס.

ווי ליב, ווי טייער, איז מיר געווען די דאָזיקע שטילקייט!

איז צונעפֿאַלן די נאַכט. די אומעטיקע נאַכט. אין מערב איז די זון שוין פֿאַרגאַנגען. דער קבר, וואָס די זון האָט געלאָזן נאָך זיך, האָט געברענט.

די לופֿט איז געווען שטיל און קיל. די שטערן האָבן געציטערט שטיל. די אינזעקטן האָבן תּפילה געטאָן צו גאָט שטיל.

איך האָב יענע נאַכט גאָר נישט געהערט, בלויז דאָס קלאַפּן פֿון מיין האַרץ.

און ווען די נאַכט איז געוואָרן טונקעלער און קילער און שטילער, און מיין קאָפּ איז געוואָרן מיד און די אויגן האָבן זיך געוואָלט שליסן — איז פּלוצים אויסגעוואַקסן פֿאַר מיר אַ געשטאַלט פֿון אַ פֿרוי. אַזאַ גוטע, אַזאַ שיינע. איך האָב דערפֿילט אַ וואַרימע האַנט אויף מיין אַקסל, אַ הייסן קוש אויף מיינע ליפּן, אַ צאַרטן אַרומנעמען מיך, אַ מאָדנע נאָענטקייט פֿון איר הייסן קערפּער, אַ באַרוישונג אין מיין בלוט.

אָבער קיין וואָרט נישט פֿון איר. איבער אונדז האָט געהערשט די שטילקייט פֿון דער נאַכט. איבער אונדז האָבן די שטערן שטיל געצי־טערט. אין אונדזערע אויגן האָבן שטילע פֿלאַמען געברענט.

און ביז'ן היינטיקן טאָג ליב איך די שטילקייט. ווייל אין דער שטילקייט האָט זי זיך באַוויזן.

זינגען ווייסע ווינטן

ווינטער.

זינגען ווייסע ווינטן אוים א ליד פון פראָסט און פייער. די ווינטן האָבן עס איבערגענומען פון גאָט אליין. גאָט האָט עס פארפאסט ווען ער איז געווען בייז אויף די מענטשן פון דער ערד. ער האָט עס אָנגעשריבן מיט א ווייסער פעדער אויף דעם סקריפּנדיקן שניי און אויף די טרוקענע צווייגן פון די ביימער וואָס האָבן אמאָל געגרינט און געלאַכט צום הימל.

בלויז אמת'ע דיכטער קענען פארשטיין אזעלכע לידער.

א ווינטער־נאַכט.

זינגען ווינטן און עס זינגען בלויע שטערן, וואָס נאָר די ווייסע נאַכט קען הערן. אזוי זינגען הארפן ווען ווינטן באַוועגן זייערע סטרו־נעס, אזוי זינגען טעלעגראַף־דראָטן ווען ווינטן טאַנצן אויף זיי זייער ווייסן טאַנץ אין ווייסע שלייערס.

זילבערדיק און שימערדיק און ציטערדיק איז דאָס געזאַנג, וואָס די שטערן זינגען אין א ווייסער ווינטער־נאַכט, באַגלייט פון ווינטן.

ווינטער. האַלבע נאַכט.

אָט פליען צוויי ליכטיקע שטערן אוועק אין א פרעמדער וועלט און זיי פארלעשן זיך ווי פייערדיקע זאַנגען. און אפשר האָט א יונגער מלאך ערגיץ אוועקגעשיקט צוויי פייערדיקע פיילן?

ווינטער.

היינט איז די זון אונטערגעגאַנגען רויט, זיך גע'טובל'ט אין א טייך בלוט.

דערנאָך, אז די זון איז אינגאַנצן אויסגעגאַנגען, האָבן גרויע כמאַ־רעס געגומען טרויערן ווי אבלים.

אין דער לופט האָט זיך צוטראָגן דער טרויער און געבליבן הענגען.

דערנאָך האָט גאָט ארויסגעשיקט די ווינטן, מיט בייטשן זיי געט־ריבן; האָבן די ווינטן פאַריאָגט די גרויע וואָלקנס. וואו זיינען איצט, די פאַרטריבענע וואָלקנס? וואו בלאָנדזשען זיי ארום?

ווינטער.

אויך אין מיין הארץ ווינטערט דער ווייסער ווינטער; אויך דאָרט זינגען איצט די ווינטן זייערע אומעטיקע געזאַנגען.

מיין בלוט פירט מלחמה מיט די ווינטן: עס זידט און עס קאָכט און דער ווינטער שמעלצט זיך דאָרט אין הארצנס־פייער. אָבער נישט לאַנג וועט דאָס פייער דאָרטן ברענען. נישט לאַנג וועט דאָס הייסע בלוט זינגען דאָס ליד פון ליכט און זון, פון ליבע און פרילינג. דאָרט וועט זיך אויך באזעצן דער ווינטער מיט זיינע ווינטן.

דאָס ליכטיק ליד וועט שטילער ווערן; ס'וועט אויסגיין אין אייגן בלוט.

ווינטער.

איך האָב היינט באַגעגנט מיין חבר, דעם דיכטער פון די „בלויע ווינטער־נעכט." ער האָט מיר דערציילט, אז אַ מיידל האָט אים גע־פרעגט: „ווילסט מיט מיר חתונה האָבן?" האָט ער זיך געשעמט צו זאָגן „ניין" האָט ער געזאָגט „יאָ." גייט ער מיט איר חתונה האָבן.

אָט אזוי האָט דער דיכטער גערעדט צו מיר אין גאַס, בשעת די ווינטן האָבן געשאַרט דעם שניי און געזונגען דאָס ליד פון פייער און פראָסט.

אַ מאָדנער מענטש דער חבר מיינער, דער דיכטער פון די „בלויע ווינטער־נעכט." נאָר ער שעמט זיך.

ער האָט אפשר הונדערט פּאָעמאָס און ער שעמט זיך זיי אריינ־צוטראָגן אין די רעדאַקציעס מען זאָל זיי אָפּדרוקן.

און אפשר איז ער פויל זיי איבערשרייבן אויף ריין? און אפשר האָט ער ניט אויף מארקעס, דער חבר מיינער? וואָס־זשע טוט ער? ברענגט ער מיר צו די לידער זיינע איך זאָל זיי לייענען.

טו איך אים אַ טובה איין מאָל אין אַ יובל.

נעכטן לייען איך זיינס אַ ליד אין פּראָזא „וועגן אָסיען און ווינ־טער." אָט ווי עס לייענט זיך:

דרייט זיך ארום אַ הונגעריקער ווינט אין די גאַסן און ער זוכט עסן. גיט ער זיך אן עצה: ער עסט שפּיצן נעזער און שפּיצן פון מענטש־

ליבע אויערן. דערטאפּט ער אַן אויער אָדער אַ שפּיץ־נאָז, איז ער זיך פּשוט מחיה!

אַזאַ ווינט קען אַזוי אויפעסן אַ פּאָר הונדערט אויערן אַ טאָג.

און אַז דער ווינט ווערט זאַט מיט אויערן, אַנטלויפט ער אין די וויסטע וועלדער, און ער שיקט אויף זיין אָרט ווייסע, קלאָרע שנייע־לאַך.

אָבער נישט אַלע שנייעלאַך ווייסן וואו צו פאַלן; מאנכע פאַלן אויף דער ערד און ווערן צוטראָטן, מאנכע פאַלן אריין אין ווייסע בוזעמס פון יונגע מיידלאַך און ווערן דאָרט צוגאַנגען. זיי ווערן דאָרט צושמאָלצן פאַר גרויס נחת, די ווייסע שנייעלאַך; אַ סך, אַ סך אַנדערע שנייעלאַך זיינען מקנא די דאָזיקע שנייעלאַך. זיי וואָלטן אויך גע־וואָלט אויסגיין אין אַ מיידלס־בוזים, איידער צוטראָטן ווערן פון מענטשליכע פיס אין גאַס.

איז אָבער קיין מזל נישטאָ.

ווייטער.

איר הערט די קאַלטע ווייסע ווינטן שפּילן אויס פאַר די מענטשן זייערע ווייסע נגונים?

מיינט איר, אַז זיי שפּילן אויף זילבערנע קלאַרנעטן? אויף שטאָ־לענע פלייטן? אויף גאָלדענע האַרפן? עס הויבט זיך גאַרנישט אָן! זיי שפּילן אויף ווייסע טשעלאָס, מיט ווייסע בויגנס, אויף ווייסע סטרונעס.

ביינאַכט, ווען די מענטשן שלאָפן און חלום'ען שיינע חלומות, דעמאָלט שטייען די ווינטן אין די גאַסן מיט די טשעלאָס אין די הענט און זיי וויינען.

און אפשר וויינען זיי, ווייל עס איז זיי נעבאַך, קאַלט?

אָט אַזוי אַ שרייבט דער חבר מיינער דער דיכטער, וואָס שעמט זיך צו זאָגן דער מיידל, אַז ער וויל מיט איר נישט חתונה האָבן.

ער האָט אַ סך טאַלאַנט, דער דיכטער. דער עיקר איז ער שיין אין זיינע ווינטער־געזאַנגען.

און דאָס שענסטע געזאַנג זינגען ביי אים די ווינטן.

שבת אין וואַלד

איצט, ווען איך בין שוין באַלד 60 יאָר אַלט און דער קאָפּ איז ווייס און די לידער, וואָס איך האָב נאָך אין מיין הארץ, ווערן ביסלעכ־ווייז פאַרלאָשן, און די פיס ווערן שוואַכער און די טריט שטילער און קירצער, און דאָס ליכט אין די אויגן פאַרנעבלט — איצט אין אַזאַ צייט, שווימען אויף אין מיין זכרון בילדער פון אַמאָל.

פון יענעם ווייטן אַמאָל, וואָס וועט שוין מער נישט זיין דער „אַמאָל".

יענער אַמאָל איז שוין אַוועק און מיטגענומען אין זיין טאָרבע מיינע שענסטע טעג, מיינע בעסטע יאָרן און מיינע גילדערנע חלומות.

און ווען אָט יענער אַמאָל פון מיין יוגנט קומט מיר אין זכרון, דערמאָן איך זיך: שבת, זומער־צייט, אין וואַלד. הויכע נאָדל־בוימער שטייען און דאַווענען מוסף און די פויגל זיינען די משוררים, וואָס העלפן אַרום דעם וואַלד מיט זייער געזאַנג. קאָרן־זאַנגען אויף פעלדער וויגן זיך; אַ יונג ווינטל שטיפט און זאָגט „פּרקי אבות" מיט זיי און דאָס וואַסערל, וואָס לויפט דורך דעם וואַלד, מורמלט שטילערהייט „שיר היחוד".

מיין טאַטע איז אין שול, ער דאַווענט פאַר'ן עמוד.

איך בין אין גרינעם וואַלד און איך זאַפּ אַריין אין זיך דעם שבת אינאיינעם מיט'ן זומערדיקן הימל.

זון און ליכט און גאָלד און געזאַנג און שיינע אידישע טעכטער באַשיינען דעם שבת. דעם זיבעטן טאָג פון גאָט, דעם טאָג פון רו.

עס דערנענטערן זיך צום וואַלד די אידישע טעכטער מיט די שוואַרצע צעפּ און נאָך שוואַרצערע אויגן.

אין די אויגן רוען יונגע פייערן, אָבער זיי פאַרברענען נישט. זיי זאָגן צו אַזוי פיל פרייד, אַזוי פיל גליקן.

אָט קומט חנה'לע צום וואַלד; איך גיי איר אַקעגן; זי איז אַ

חסיד׳ישע טאָכטער; נאָר קיין זעכצן יאָר נישט אַלט. זי האָט בלויע אויגן און בלאָנדע צעפּ — מער גאָלד ווי בלאָנד. איך טייל זיך אָפּ מיט איר פון די אַנדערע בחורים און מיידלאַך; מיר לאָזן זיך אַוועק אין טיפן וואַלד, וואָס איז פול מיט סודות.

מיר זעצן זיך אַוועק אויף דער ערד, הינטער אַ שאָטן פון אַן אַלטן בוים. די שטילקייט רעדט צו אונדז מיט אַ הייליק שווייגן.

מיר קושן זיך, און די הערצער אונדזערע צאַפּלען, פלאַטערן ווי געשאָסענע טויבן.

זי בעט מיך, איך זאָל נישט דערציילן קיינעם און איך בעט ביי איר אויך דאָס אייגענע. און דער שטילער וואַלד וועט אויך נישט דער־ציילן. ער ווייס ווי צו האַלטן אַ סוד.

מיר גייען צוריק באַזונדער; אויף אַנדערע וועגן; מען זאָל אונדז נישט טרעפן צוזאַמען. דאָס גאַנצע שטעדטל וואָלט זיך איבערגעקערט: אַ קליינינקייט אַזאַ זינד!

ווען איך קום צוריק פון וואַלד, גייען שוין אידן פון שול; חסידים פון רבינ׳ס קלויז, פון אַלטן בית המדרש. אידן מיט בערד, מיט פאות, אין אַטלעסענע בעקעשעס, מיט זיידענע גאַרטלען, מיט טליתים און לאַנגע ציצית אונטער די פּאַכוועס, שטריימלאַך אויף די קעפּ, אין שיך און ווייסע זאָקן. „גוט שבת, גוט שבת!״— זאָגט איין איד צום צווייטן. און מען ענטפערט: „גוט יאָר״.

אינגלאַך, משה׳לאַך און שלמה׳לאַך, מיט שוואַרצע פּאה׳לאַך און שוואַרצע יאַרמולקעס און לאַפּצידעקלאַך לויפן נאָך מיט איילנדיקע טריט נאָך זייערע טאַטעס.

און די מאַמעס זייערע, פרומע אידישע פרויען מיט שייטלאַך און האַרבאַנדן און שטערנטיכלאַך פון פּערל, אין ברייטע זיידענע ספּאָדניצעס און מיט גילדערנע אוירינגלאַך אין די געשטאָכענע אויערן, גייען פּאַמעלאַך, שבת׳דיק, מלכות׳דיק, נאָך די מענער זייערע, די שיינע אידן, די תלמידי חכמים, די יחסנים, די גילדערנע פּאָן.

זיי גייען נאָך זייערע מענער און זיי קוועלן, און זייערע הער־צער זיינען אָנגעפילט מיט ליבע, מיט נחת. איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, טראַכטן זיי, וועלן מיר האָבן די גרויסע זכיה צו זיין אין גן־עדן די פוס־בענקלאַך אונטער זייערע פיס.

זיי קוועלן שטיל און זיי פרייען זיך נאָך שטילער.

אידישע טעכטער טאָרן נישט אַרויסווייזן זייער פרייד אָפן, פאַר דער וועלט, פאַר דער זון. די פריידי פון אידישע טעכטער דאַרף זיין אַ פאַרשלאָסענע מיט טויזנט שווערע שלעסער.

איך קום אַהיים פון וואַלד; דער טאַטע זעצט זיך צום טיש עסן; ער ווייסט נישט וואו איך בין געווען.

ער זינגט זמירות און איך העלף אים אַרויס; מיין שטימע קלינגט ווי אַ זילבערן גלעקל.

דאָס לופטשיקל פון פענסטער איז אָפן און מיין געזאַנג כאַפּט זיך אַרויס אין דרויסן און עס פלאַטערט אַוועק אין ווייטע וועלטן. דאָס געזאַנג וועט שוין מער נישט צוריקקומען.

איך זינג זמירות... אָבער דער קאָפּ און דער געדאַנק איז אין וואַלד מיט חנה׳לען; איך זינג און פאַר מיינע אויגן לויכטן אירע אויגן מיט די בלויע פלעמעלעך; לויכטן אירע צוויי גאָלדענע צעפּ; פיל די באַרירונג פון אירע ליפּן און די שרעק פאַר איר טאַטן.

מיר זיצן ביים לויפנדיקן וואַסער און מיר טראַכטן... איך בין זי־כער, אַז זי טראַכט דאָס אייגענע, וואָס איך. אַ סימן, אַז ווען אונדזערע בליקן באַגעגענען זיך, איז זי רויט, איז איר שמייכל מאָדנע.

בלויז יונגע הערצער און יונגע נשמות פאַרשטייען זיך אויף אַזעל־כע בליקן.

און אָט לאָזט זיך אַרונטער די זון; דער שבת גייט אַוועק. עס ווערט טונקל; דער וואַלד הילט זיך איין אין אַ בלויען טלית...

איך קום אַהיים אַליין. די מאַמע זיצט און זאָגט „גאָט פון אברהם״ עס קומט אָן, מיט וואָכעדיקע טריט, די נייע וואָך, מיט נייע זאָרגן... דער טאַטע איז אַוועק דאַוונען מנחה־מעריב. איך שפּאַר אָן מיין שטערן אָן אַ שויב און איך נעם שטאַרק בענקן נאָכ׳ן שבת וואָס גייט אַוועק. איך וואָלט געוואָלט, אַז אַלע טעג פון דער וואָך זאָלן זיך צונויפגיסן אין איין גרויסן שבת... איך זאָל אַלע מאָל זיצען אין וואַלד מיט חנה׳לען, און אַלע מאָל זאָל איך זען טאַטע־מאַמע אין שבת׳דיקע בגדים און אַלע מאָל זאָל מיין טאַטע זינגען זמירות.

און איך טראַכט: ווען איך בין גאָט, שאַף איך אינגאַנצן אָפּ די גרויע וואָכן־טעג.

זאָל אויף דער וועלט זיין בלויז שבת, בלויז פרייד, רו און געזאַנג.

און איך מיט חנה׳לען זאָלן אייביק, אייביק זיצן אין וואַלד...

הער איך שפּילן אַ פליייט

הער איך שפּילן א פלייט, ווער איך עפּעס אַן אנדער מענטש. די טענער רופן ארוים ביי מיר מיין היים; מיין אַלטע היים, דאָרט אויף יענער זייט ים. איך זע צוריק פאַר מיר דאָס אָרעם שטעטל מיט די בלאָטיקע געסלעך. די איינגעהויקערטע שטיבלאך, וואָס האָבן זעלטן־ווען גאַנצע שויבן און גאַנצע דעכלאך. שטיבלאך נישט קיין אויסגע־פּוצטע, נישט קיין פּריילאַכע.

און די מענטשן, וואָס זיצן אין די שטיבלאך, זיינען אויך נישט פריילאך. א שטענדיקע מרה־שחורה לויערט אין יענע שטיבלאך; דאָרט זיצן מענטשן אַליין, בלויז מיט זייער צער.

די הערצער פון די מענטשן זיינען דאָרט פול מיט יסורים, מיט זיפצן. דאָרט וואוינען די פירשטן פון אומעט, די קעניגע פון ליידן.

די טענער פון א פלייט דערמאָנען מיך אויך אָן די פעלדער, וואָס רינגלען ארום אונדזער שטעטל.

איך זע די פעלדער אין פולן בליען. אַלץ איז פריש און גרין און באַגאָסן מיט זון־שיין. דער שטראָמיקער טייך, וואָס לויפט מיט טומל צווישן צוויי ווייסע ברעגן איבער ווייסע שטיינער, רייסט אוועק אין דער ווייטער־ווייטקייט שטיקער גאָלד פון דער זון.

און איך בין מקנא דאָס ווייטע, אומבאַקאַנטע לאַנד, וואָס וועט האָבן די זכיה צוצונעמען ביי אונדזער טייך די שטיקער גאָלד און די פאָסן ליכט.

אָט־אַזוי־אָ טראַכט איך, ווען איך הער שפּילן א פלייט.

דאָס שפּילן דערמאָנט מיך אָן יענעם פאַסטוך, ביי אונדז אין דער־היים, אויף אונדזערע פעלדער. א הויכער איז ער, א שלאַנקער, א גע־זונטער, האָט צוויי בלויע אויגן, ווי שטיקער הימל, און א בלאָנדן קאָפּ האָר.

ער שפּילט אויף זיין פלייט א וואָלעך, א קליוואַנער, א בעטלער־

געזאַנג; ווי עס שפּילן אַמאָל די רומענישע ציגיינער, ווען זיי זיינען שטאַרק פאַרליבט.

אַזוי האַרציק־טיף; אַזוי אומעטיק־זיס; אַזוי נשמה׳דיק, אַז עס ווילט זיך וויינען, וויינען.

דער פּאַסטוך שפּילט, און נישט ווייט פון אים ליגן אויף אַ גרינער לאַנקע אויסגעלייגט שוואַרצע קי מיט ווייסע פלעקן, אַ יונג קעלבעלע לעבן דער מאַמן און מאַכט אַזוי נעבעכדיק: מממ...

די מאַמע, וואָס איז אין גאַנצן שוואַרץ, בלויז מיט אַ ווייסע, לאַ־טע אויפן רוקן, האָט רחמנות אויפ׳ן קעלבעלע און לעקט עס אָפּ און שמעקט עס אַרום און מאַכט אויך מממ... נאָר שטאַרקער, העכער; דאָך שוין אַ גרויסע בהמה!

און אָט באַווייזט זיך מאַריאַשאַ, אַ געזונטע פּויערן־מיידל, מיט אַ בינטל ווילדע בלומען אין האַנט, אַ באָרוועסע; די שווערע בריסט אַ־רויסגעשטעלט צו דער ליכטיקער וועלט.

דער פּאַסטוך נעמט זי אַרום, קושט זי אַזוי הייס, אַזוי ליידנ־שאַפטליך.

מאַריאַשאַ ווערט זיך כלומר׳שט; לאָזט זיך נישט; רייסט זיך פון זיינע שטאַרקע הענט, און דאָך גייט זי נישט אַוועק פון אים. זי זעצט זיך אַוועק אויפ׳ן גרינעם גראָז, ער לעבן איר, און זייערע הערצער נעמט זינגען אַ געזאַנג, וואָס מען קען מיט קיין אינסטרומענט נישט אויסשפּילן. מעג אפילו דער אינסטרומענט זיין אַ גאָלדענער און דער שפּילער אַ גרויסער אַרטיסט, אַ גאון!

האַרץ־געזאַנג קען מען נאָך דערווייל אויף קיין פּלייט, ניט אויף קיין טשעלאָ איבערגעבן!

און איך זע ווי דער פּאַסטוך זיצט מיט דער פּאַסטושקע, ווי ער קושט זי, ווי ער לאַשצעט זיך צו איר, און איך, דאָס אידיש קינד, ערשט אַרויס פון חדר, בין אים מקנא.

עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז די קי, וואָס ליגן אויפ׳ן גראָז און קייען און מעקן, מאַכן זיך נישט זעענדיק; זיי דרייען אַוועק די קעפּ מיט די נאַרישע אויגן.

און נישט ווייט פון דער סצענע לויפט אַרום אַ ווינטל איבער די קעפּלאַך פון יונגן גערשטן, און די קעפּלאַך בויגן זיך, וויגן זיך און שרייען אויפ׳ן ווינטל אַלעמאַי עס קריכט זיי אויפ׳ן קאָפּ.

די ווייטע בערג, וואָס הויבן זיך אָן פון יענעם זייט טייך, זיינען איינגעהילט אין אַלערליי גרינס; טונקל־גרין, ליכטיק־גרין און געל־גרין.

בלויז איין בארג, דער העכסטער פון אַלע, איז פוסט; בלויז אַ גרויסער צלם פון פּראַסטע האָלץ טראָגט ער אויף זיך.

און ווען איך קוק אויפ'ן צלם, וואָס ווייסט זיך אויפ'ן באַרג, דאַכט זיך מיר, אַז פון דעם באַרג וועלן זיך באַלד אַרונטערלאָזן בייזע גוים, אויפגערייצטע, מיט מעסערס און שאַרפע העק, וועלן אַריבער דעם טייך, זיך אַריינלאָזן אין שטעטל און קוילן אידן.

אַט־אַזוי־אַ דאַכט זיך מיך אויס, מיר, דעם אידישן אינגל, וואָס איז ערשט פון חדר אַרויס.

און ווידער זע איך דעם פּאַסטוך אַליין, ווי פריער; ווידער שפּילט ער אויף זיין פלייט אומעטיקע נגונים, טרויעריקע, ווי עס שפּילן די רומענישע ציגיינער, ווען זיי ליבן און ווערן נישט געליבט.

און איך קען זיך נישט אָפּרייסן פון זיין שפּילן; און אַזוי ווי מיין טאַטע איז אַ בעל תפלה, טראַכט איך שוין ווי מען קען דעם נגון פון דעם פּאַסטוך'ס פלייט צופּאַסן צו אַ תפלה.

און דער פּאַסטוך שפּילט און שפּילט און זיינע טענער דרינגען טיף אין מיין האַרץ אַריין און רופן אויך אַרויס קלאַנגען, אידישע קלאַנגען, וואָס דאַרפן ערשט געהערט ווערן; געזאַנגען, נאָך נישט אַ־רויסגעזונגענע, וועגן אַ ליבע, וואָס דאַרף ערשט געבוירן ווערן.

און אַט לאָזט זיך אַרונטער די נאַכט פון די הויכע בערג: זי קומט, דאַכט זיך, אַרויס פון אַ פייערדיקן טייך, אַ רויטע, אַ געליי־טערטע; זי אַנטלויפט פון דער גרויסער שרפה, די טונקעלע נאַכט, וואָס לאָזט זיך אַריין אין שטעטל שטיל, אָן אַ אָטעם.

און די זון, אַ גרויסע, אַ בלוטיק־רויטע, גליט הינטער'ן באַרג און באַגיסט מיט רויטן גאָלד די צווייגן פון די הויכע טאָפּאָליעס, נישט ווייט פון ווייסן קלויסטער.

עס דאַכט זיך אויס, אַז גאָט אַליין האָט אונטערגעצונדן דעם קלויסטער פון אַלע זייטן און די רויטע פלאַמען צוברעכן די שויבן מיט די הייליקע בילדער אויף זיי.

און אויך דער טייך נעמט ברענען. זיינע וואַסערן ווערן באַגאָסן מיט פייער.

וועל איך נאָך אַמאָל זען אַזאַ בילד?

רחלע, הער מיין געזאַנג ..

האָרך זיך צו,רחל'ע, צו מיין געזאַנג.דאָס געזאַנג איז פאַר דיר. דו מיט דיין שמייכל, מיט דיין חן, האָסט ארויסגערופן ביי מיר דאָס געזאַנג. ווען מיינע אויגן האָבן דיך דערזען, האָט מיין הארץ גענומען זינגען.

האָרך זיך צו, רחל'ע, צום געזאַנג, האָרך זיך צו:

אַלע מאָל האָט די זון געשיינט און באַגאָסן מיט גאָלד דעם טייך.

און אַלע מאָל האָט זיך דער קוסט צובליט ווען די צייט פון בליען איז געקומען; אָבער זייט איך האָב דיר דערזען, רחל'ע, שיינט דער טייך לוסטיגער און דער קוסט בליט וואונדערליכער. די שענסטע רויזן גיט ער ארויס!

אין מיין הארץ האָט אַלע מאָל געברויזט אַ שטורם, אָבער ווען איך זיץ לעבן דיר, ווערט דער שטורם שטאַרקער, מעכטיגער. אַלע מאָל איז די לופט אין די בערג געווען פריש און לויטער; אָבער זייט איך האָב דיך באַגעגענט דאָרט, אין די בערג, איז די לופט פאַר מיר נאָך פרישער, נאָך לויטערער.

רחל'ע, פאַרטראַכט זיך נישט, האָב נישט אין זינען קיין נעכטיגע טעג, הער זיך ווייטער צו צו מיין געזאַנג:

די וואכן־טעג זענען אַלע מאָל געווען ביי מיר פּראָסטע טעג. שבת איז געווען ביי מיר בלויז איין מאָל אַ וואָך.

זייט איך האָב דיך דערזען, איז ביי מיר יעדן טאָג פון וואָך אַ שבת.

איך האָב באַקומען אַ נשמה־יתירה. אַ נשמה, וואָס ביי איר איז אַלע מאָל שבת, שבת און יום־טוב!

ווען די זון פלעגט אונטערגיין וויט־ווייט אין מערב־זייט, ווען די שפּיצן פון די אוראַלטע בערג פלעגן זיך טובל'ען אין פייער, איז מיר אַלע מאָל געוואָרן אומעטיג.

עפּעם פלעגט זיך פלעכטן א טרויער ארום מיר. א טרויער גע־מישט מיט א בענקשאפט.

איצט ארט מיך נישט ווען די זון גייט אונטער. איצט האָב איך דיין בילד פאר מיר, דיין בילד, וואָס וועט תמיד בלייבן אין מיין הארץ ווי א ליכטיקע זון. א זון וואָס וועט קיינמאָל נישט אונטערגיין, קיינמאָל נישט! איך האָב אלע מאָל געליבט מוזיק. דער עיקר א פידל און א טשעלאָ; אָבער קיין מאָל האָט אין מיינע אויערן אזוי נישט געקלונגען שיין מוזיק ווי דיין געלעכטער. דיין געלעכטער איז זיסער שענער, זאנפטער ווי אלע פידלען און אלע טשעלאָס. דיין לאַכן קלינגט ווי פּערל, וואָס מ׳צעוואַרפט זיי אויף גאָלדענע טעלער.

רחל׳ע!

מיט דעם גלאַנץ פון דיינע אויגן האָסטו מיין לעבן באַלויכטן; מיינע טעג באַשטראַלט; מיט׳ן פייער פון דיינע בלוטן האָסטו מיין הארץ דערוואַרעמט.

א נייעם פלאַם האָסטו אין מיין הארצן אָנגעצונדען. א פלאַם וואָס וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן, וואָס וועט אייביק גליען און ברענען פונקט ווי דער לעגענדאַרישער דאָרן אין דער מדבר.

ער וועט תמיד ברענען, תמיד, אזוי לאַנג ווי מיין אָטעם וועט זיך נישט אָפּשטעלן. אזוי לאַנג ווי די זון וועט שיינען. אזוי לאַנג ווי דער ים וועט רוישן.

רחל׳ע!

איך בין שוין צוריק אין שטאָט. אָבער מיין הארץ איז נאָך אין די בערג; מיט דיר.

קומט אָן די נאַכט וועב איך אוים חלומות וועגן דיר. דיין גע־שטאַלט טרעט נישט אָפּ פון מיין געלעגער — דיין וואונדערליך גע־שטאַלט! מיין פאַנטאַזיע פלאַטערט העכער ווי אלע פאַנטאַזיעס פון אלע פאַרליבטע. מיר דאַכט זיך, אז איך נעם דיך אָרום און איך פּרעס דיר שטאַרק צו צו מיר און פאַר גרוים פרייד וויין איך.

און שלאָף איך איין, רחל׳ע, וויין איך פון שלאָף. וויינסטו אויך? אך, ווי איך וויל דאָס וויסן!

איבערגעבן דיר מיינע חלומות וואָס איך האָב וועגן דיר, קען איך נישט.

איך בין צו אָרים אין שפּראַך, אין פאַנטאַזיע, און איך שעם זיך טאַקע.

אָבער דו אַליין קענסט זיך שוין פאָרשטעלן, אויב דו האָסט אויך אַזעלכע חלומות.

און אויב נישט, וועל איך דיר איבערגעבן די חלומות ווען איך וועל דיך זען.

נעכטן איז די נאַכט געווען זייער אַ פינסטערע, אַ וויסטער חושך האָט זיך איינגעגעסן אין די מוראַ׳דיג־הויכע הייזער פון ניו יאָרק.

אָבער איך האָב די פינסטערניש נישט געזען. איך האָב אַ טראַכט געטאָן פון דיר, איז פון דער נאַכט געוואָרן אַ טאָג.

פון היינט אָן און ווייטער וועל איך אַלע פינסטערע נעכט אין ליכטיקע טעג פאַרוואַנדלען.

דאָס בילד וואָס דו האָסט מיר געגעבן, ליגט לעבן מיר; איך האַלט עס אין איין קושן.

איך האַלט אין איין קוקן אויף דעם און עס באַרואיקט מיך; עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך בין נישט אַליין; אַז איך בין נישט אַזוי עלנד...

וואָס פאַר אַ כח די אמת׳ע ליבע האָט!

רחל׳ע!

ווען וועסטו ווידער רוען אין מיינע אָרעמס? ווען וועסטו ווידער צינדן מיינע בלוטן מיט דיין פייער?

ווען וועט פון אונדזערע חלומות ווערן איין חלום? ווען?

ווײל איך זיך דערמאָנען אָן דיר

ווײל איך זיך דערמאָנען אָן דיר, פאַר איך אַרויס פון דער רוישנ־דיקער שטאָט און באַזעץ זיך אויף עטלעכע וואָכן אין אַ קליין הײזל צווישן וועלדער און טײכן און פויגל־געזאַנג. דאָרט, אין יענעם הײזל, ווען איך בין מיט זיך אַליין און איך באַטראַכט דעם הימל מיט די ווײס־זײַדענע וואָלקענדלעך, דערמאָן איך זיך אָן דיר.

ווײל ווען מיר זײַנען בײדע געווען פאַרליבט, איז אַלע מאָל גע־האַנגען איבער אונדזערע קעפּ אַ הימל מיט אַזעלכע וואָלקנדלעך. אַלע אַלע מאָל בלוי, און די וואָלקענדלעך גלאַנצן ווי פּערלמוטער, פאַרליבטע אויגן קוקן אַנדערש אויף דער וועלט ווי נישט פאַרליבטע.

און ווען איך בין אַרויס און גענומען אַ שפּאַציר צום טײַך און געזען ווי דער טײַך קנײטשט זיך, פּאַלבט זיך און ער מורמלט סודות צו די שטײנדלעך, איבער וועלכע ער קײקלט זיך, דערצײלנדיק זײ שײנע מעשה׳לעך פון פרעמדע לענדער, און די שטײנדעלעך הערן זיך צו — דעמאָלט האָב איך זיך דערמאָנט אָן דיר; ס׳איז מיר געקומען אויף די געדאַנקען די צײַט, ווען מיר בײדע זײַנען געזעסן בײַם טײַך און מיר האָבן זיך שטיל צוגעהערט צו די זעלבע מעשה׳לעך, וואָס דער טײַך דערצײלט און ער וועט נאָך דערצײלן, ווער ווײסט, וויפיל טויזנטער פון יאָרן.

בײַ די טײַכן נעמען זיך די מעשה׳לעך קײנמאָל נישט אויס.

און ווען די זון, די ליכטיקע, די וואַרעמע, וואַרפט אַרונטער אירע גאָלדענע בוקעטן אין טײַך און דער טײַך לויכט אויף, שײַנט אויף מיט טויזנטער זונען — אויך דעמאָלט דערמאָן איך זיך אָן דיר, מײַן טײַערע!

איך דערמאָן זיך אָן יענער צײַט, ווען מיר האָבן אַזעלכע בילדער באַוואונדערט און פאַר גרויס פרייד האָבן זיך אונדזערע הערצער צו־זונגען מיט די שענסטע געזאַנגען.

זייט דעמאָלט האָט מיין האַרץ מער אַזאַ ליד נישט געזונגען. און טאָמער וויל עס אַמאָל יאָ זינגען, ווערט דאָס געזאַנג פאַרוואַנדלט אין אַ געוויין.

און זע איך, טייערע, ווי די זון קושט זיך מיט רויזן, דערמאָן איך זיך אָן דיר, אָן דיינע קושן.

אַך, ווי עס בענקט זיך נאָך יענער ליבע!

אָבער איך בין זיכער, ווי מיר האָבן היינט אַ טאָג איבער דער וועלט, יענע צייט וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן. יענע צייט האָט די צייט אַליין אָפּגעמעקט פון אונדזער לעבן.

יאָ, מיין טייערע, די צייט איז אַ גרויסע פרעסערקע, זי פרעסט אויף אונדזערע טעג מיט די יאָרן.

און ווען איך זע די שניטער אין פעלד מיט די קאָסעס אין די הענט, קאָסן אַרונטער די צייטיקע זאַנגען, און די זאַנגען פאַלן אונטער־געהאַקטע, און פאַלנדיק חלומ׳ען זיי פון יענע טעג, ווען זיי האָבן גע־האָפּט דעם הימל צו דערגרייכן; ווען די זון האָט אויסגעשפּרייט איבער זייערע קעפּלעך גאָלדענע טישטיכער, און די ווינטעלעך האָבן אויף די גאָלדענע טישטיכער אַרומגעשטיפּט — דעמאָלט דערמאָן איך זיך אָן דיר, מיין טייערע, און אויך אָן אונדזערע חלומות... און פונקט ווי די זאַנגען זיינען פאַרשניטן געוואָרן פון דער צייט׳ס שאַרפער קאָסע, אַזוי וועט זי פאַרשניידן אונדזער פרייד, אונדזערע חלומות.

און מאָדנע: ווען די קאָסע שעכט די זאַנגען, שיינט די זון אויפ׳ן שאַרף פון דער קאָסע.

און גיי איך צום קוואַל, וואָס איז באַהאַלטן אין טאָל, הינטער אַ גרויסן פעלז, און איך זע ווי דער קוואַל שלאָגט אַרויף מיט לעבן, דערמאָן איך זיך ווידער אָן יענער צייט, ווען מיר זיינען נאָך געווען פאַרליבט, ווען מיר האָבן, פונקט ווי דער קוואַל, געטאַנצט און אונד־זערע הערצער האָבן, פונקט ווי דער קוואַל, געשלאָגן מיט לעבן, מיט ליבע.

און איצט?

איצט זיינען די הערצער אונדזערע אַלט און קאַלט, און אָנגעזאַפּט מיט טרויער. ביידע הערצער בענקן נאָך יענע סודות, אָבער ביים בענקן וועלן זיי בלייבן, כל זמן די צייט וועט נישט אָפּשטעלן זייער קלאַפּן.

און ווען איך לאָז זיך אריין אין וואַלד, פאַרנאַכט, בשעת די זון, אַ רויטע, זעצט זיך הינטער די מערב־בערג און פייערדיקע טייכן צו־גיסן זיך און אַ האַלבע וועלט נעמט ברענען — דערמאָן איך זיך יענע זומערדיקע טעג און נעכט אין דעם שטילן דאָרף וואו דיין ווינגל איז געשטאַנען, וואו איך האָב דיך צום ערשטן מאָל דערזען; דיין בלאָנדער צאָפּ האָט געלויכטן ווי גאָלד און דער בלויער בליק פון דיינע אויגן האָט געגלאַסטשעט ווי אַ בלויער סאַמעט און דיין שמייכל איז געווען אַזוי געטלאַך, אַזוי ריין ווי דער ערשטער שטראַל פון דער זון.

ווער האָט זיך דאָס דעמאָלט געקענט פאָרשטעלן, אַז מיר וועלן אָפּקומען אונדזערע יאָרן אין בענקען?

מיר זענען געווען זיכער, אַז אונדזערע הערצער וועלן זיך פאַראייניקן און זינגען דאָס זעלבע ליד און טרוימען דעם זעלבן טרוים און טרינקען פון זעלבן קוואַל.

וואָס פאַר אַ געהיימע האַנט האָט אונדזער לעבן צעריסן? איז דאָס געווען דיין בייזער פאָטער אָדער מיין בייזע מוטער?

און ווי נאַריש זיינען מיר ביידע געווען, ווען מיר האָבן אונדזער גליק, אונדזער חלום איבערגעלאָזן אין זייערע הענט!

דערמאָן איך זיך אָן יענער צייט, ווערן מיינע אויגן אָנגעפילט מיט טרערן. ווערט מיין נשמה אַ יאָר־צייט ליכט וואָס צאַנקט און דערמאָנט אַז אַמאָל, אַמאָל האָבן צוויי יונגע מענשטן גע'חלומ'ט איינעם פון די שענסטע חלומות.

טייערע!

הער איך היינט זינגען אַ פויגל, דאַכט זיך מיר אויס, אַז ער זאָגט קדיש נאָך אונדזער גליק, נאָך אונדזער פרייד פון אַמאָל.

אָבער דעמאָלט, אין די טעג פון אונדזער ליבע, האָט דאָס זינגען פון פויגל ארויסגערופן אין אונדזערע הערצער וואונדערליכע געזאַנגען!

פאַר פאַרליבטע אויערן איז די גאַנצע וועלט אַ זמר, און פאַר פאַר־ליבטע אויגן איז די גאַנצע וועלט צובליט...

דער ווינט און דאָס האַרץ

שטייען בוימער אויסגעטאָן מוטער־נאַקעט און זיי שעמען זיך גאָר נישט פאַר מענטשן.

ערשט נישט לאַנג האָבן זיי געטראָגן אויף זיך קליידער רויטע, געלע, בראָנזענע און גאָלדענע.

פרינצן זיינען זיי געווען!

זענען געקומען בייזע ווינטן און מיט זייערע שאַרפע ציין אָרונ־טערגעריסן פון די בוימער די גאָלדענע קליידער מיט די גאָלדענע עפּאָ־לעטן און זיי געלאָזן שטיין מוטער־נאַקעט פאַר דער גאַנצער וועלט.

וואו איז אַהינגעקומען דאָס גאָלד?

איצט, ווען די פרעסט קומען און שנייען קומען און זאַווערוכעס קומען — איצטער האָבן די בוימער נישט קיין קלייד אויפ׳ן לייב.

איצט שטייען זיי נאַקעט און שרייען און זיי ציטערן פאַר קעלט.

און בוימער קאָנען די ווינטן גאָר נישט טאָן: ווינטן לויפן אַרום וואו די וועלט האָט אַן עק און זיי, די בוימער, שטייען אויף אַן אָרט און קענען זיך נישט רירן!

האָט איר שוין אַמאָל געהערט, אַז בוימער זאָלן נאָכלויפן ווינטן?

איך נישט!

וואָלטן כאָטש אויף די בוימער די פויגל איבערגעלאָזן רעקאָרדס פון זייערע לידער, פון זייערע טשוויטשערייען!

איז גאָרנישט געבליבן פון זיי; גאָרנישט אַ חוץ זייערע ליידיקע נעסטן.

שטייען די נאַקעטע, אָפּגעריסענע בוימער אין אַזעלכע קעלטן און וויינען און ברעכן זייערע טרוקענע צווייגן!

זיי וויינען און האָפן און חלומ׳ען פון נייע בלעטער, פון נייע געזאַנגען און זונשיין.

בוימער מעגן האפן, חלומ׳ען. זייערע חלומות ווערן מקוים. בוי־מער זיינען נישט קיין מענטשן; זיי זיינען גליקלעכער!

דערווייל איז ביטער; דערווייל דארף מען אפקומען א ווינטער אין דרויסן.

איבער זייערע קעפ הענגט א גרויער הימל ווי ער וואלט זיין אויס־געגאסן פון אלטן בליי.

און עפעס א דין רעגנדל, א קאלטס, א מרה־שחורה׳דיגס, שפריצט און קלאפט און וואשט אפ דעם שטויב וואס האט זיך אנגע־קליבן אויף זיי.

אבער דאס רעגנדל ארט זיי נישט; זיי האבן מורא פאר פרעסט און שטורמס; פאר ווילדע ווינטער־ווינטן מיט זייערע ווילדע געזאנגען, וואס שארפן זייערע ציין אויף די טרוקענע דארע צווייגן!

פאר די בוימער וועט אבער קומען א פרילינג, נאך א חודש, נאך א חודש, און זיי וועלן זיך ווידער אנטאן אין גרינע קליידער; ווידער בליען, ווידער טרינקען זונשיין און ווארעמקייט; ווידער הערן די פייגל זינגען און ווידער חלומ׳ען שיינע חלומות.

אבער איך, דער מענטש, אויף וואס קען איך האפן? מיין פרי־לינג וועט שוין קיינמאל נישט צוריקקומען; קיינמאל נישט! מיינע חלומות וועלן קיינמאל נישט מקוים ווערן! מיין הארץ וועט בלייבן ביי דעם טרויער וואס דאס לעבן האט דארט באזעצט.

און דער טרויער לאזט נישט רוען, נאגט דאס הארץ און מאנט עפעס.

וואס דער עפעס איז — ווייס איך נישט; מיר דאכט זיך, אז עס מאנט פרייד, גליק, ליבע.

דריי זאכן וואס א הארץ פון א מענטשן מוז האבן; אן די זאכן קען א מענטשליך הארץ נישט לעבן!

הארץ, מיין הארץ! זיי רואיק, זיי שטיל, איך האב דען פרייד און איך גיב דיר נישט?

אפט מאל ווערט מיר אזוי אומעטיק, אז איך צעוויין זיך; אבער דאס הארץ ביי א מענטשן האט פיינט טרערן: עס ליבט געלעכטער. ווי קען עס אריינגעמען די פרייד, אז דער טרויער זיצט דארט?

עס איז נאכט.

ווייגענדיקע פליטן

א קאַלטער רעגן קלאַפּט אין מיין דאַך און גרויסע וואַסער־פּערל גליטשן זיך אַרונטער פון די שויבן ווי טרערן פון אַ יתומס אויגן.

אַ ווינט, א בייזער, אַן אָפּגעריסענער, שטייט אונטער מיין פענסטער און וויינט אינאיינעם מיט מיין האַרץ:

איך האָב נישט קיין היים, איך האָב נישט קיין עסן; אַלע בלעטער וואָס איך האָב באַדאַרפט אָפּפליקן — האָב איך שוין לאַנג אָפּגעפליקט; די צווייגן וואָס איך האָב באַדאַרפט צוברעכן — האָב איך שוין לאַנג צובראָכן, איצט בין איך עלנד; לאָז מיך אריין צו דיר אין הויז; איך וויל זיך אָנוואַרימען.

און בשעת ער וויינט, רייסט ער דערווייל די לאָדנס פון מיין פענסטער.

און אין דרויסן ביים טויער לויערט דער טרויער און ער שפּילט אַן אומעטיקן ניגון.

צווייערליי בלומען

טייערער חבר!

דו ווילסט וויסן וואָס איך מאַך, ווי איך פּיל זיך אין געזונט, ווי עס גייט מיר אין דער פּרנסה?

וועל איך דיר ענטפערן:

איך בין די לעצטע צייט עפּעס נישט מיט אַלעמען. איך בין שלאַף און דאָס האַרץ מיינס איז נאָך שלאַפער. קוים וואָס עס קלאַפּט.

אָפטמאָל דאַכט זיך מיר אויס, אַז אָט־אָט און עס וועט זיך אין גאַנצן אָפּשטעלן, פּונקט ווי אַן אַלטער זייגער וואָס די רעדעלאַך און די שרייפעלאַך זיינען שוין אויסגעריבן, אויסגעאַרבעט און פאַרזשאַווערט.

נאָך אַלעמען איז דאָך אַ מענטשנס האַרץ אויך נישט מער ווי אַ זייגער. אַ זייגער ווען ער איז ניי קען מען אים אָנציען און אַ האַרץ ווען ס'איז יונג — קען מען עס אויך אָנציען.

אויף דערויף זיינען די שיינע פרויען גרויסע בריות; זיי קענען די מלאכה אויסגעצייכנט.

זיי שווימען אַרום אין מענטשליכע הערצער ווי פיש אין וואַסער.

וועסטו דאָך פרעגן, טייערער חבר, ווי קומט צו מיר אַזאַ שלאַף האַרץ?

וועל איך דיר ווידער ענטפערן:

שולדיק איז מיין מזל... ווי דו האָסט אודאי געהערט, האָב איך פאַרלאָרן מיין געליבטע.

דאָס איז געווען אַ פרוי, אַ מלאַך, די גוטסקייט אליין!

אַזוי ליבן ווי איך האָב זי געליבט, איז נישטאָ קיין צווייטער.

די גאַנצע צען יאָר וואָס מיר זיינען געווען אונטער איין דאַך האָבן מיר זיך קיין איין מאָל נישט געקריגט. דאָס איז געווען אַ צען יאָריקער יום־טוב אָן אַן איבעררייס.

איז זי פּלוצים קראַנק געוואָרן, אַפּגעלעגן אין בעט פֿיר מעת לעת און איז געשטאָרבן.

מיט איר טויט איז די פֿרייד פֿון מײַן לעבן אַוועק, איז דאָס גליק נעלם געוואָרן. אין מײַן הויז האָט זיך באַזעצט דער טרויער.

ווען דו קוקסט מיך אָן, מײַן טײַערער חבֿר, וואָלסטו מיך נישט דערקענט. בלויז אַ שאָטן וואָס וועט אויך באַלד אַוועק מיט די לעצטע מינוטן פֿון מײַן לעבן.

לעבן אָן מײַן פֿרוי קען איך נישט, איך וויל זײַן לעבן איר, און וואָס גיכער. איך האָב מורא, אַז דאָס לײַדיקע שטיקל ערד לעבן איר קבֿר וועט דערווײַל פֿאַרנומען ווערן פֿון אַן אַנדערן.

וויל איך נאָך פֿאַרכאַפּן לעבן איר אַ קבֿר, איידער עס ווערט שפּעט.

עס קען זײַן, ליבער חבֿר, אַז דאָס בריוול איז דאָס לעצטע וואָס איך שרײַב צו דיר.

דו, אויף מײַן אָרט, וואָלסט אויך נישט געהאַנדלט אַנדערש ווען דו וואָלסט געהאַט אַזאַ ליבע פֿרוי און זי פֿאַרלאָרן.

אַכט און צוואַנציק יאָר איז זי אַלט געווען אין דעם טאָג ווען אירע שיינע ליכטיקע אויגן האָבן זיך אויסגעלאָשן.

איך געדיינק: מיט דרײַ יאָר צוריק, ווען זי איז אַלט געוואָרן 25 יאָר, האָב איך געמאַכט אַ יום־טובֿ בײַ מיר אין הויז. איך האָב פֿאַרבעטן אַלע מײַנע פֿרײַנט, שרײַבער, דיכטער, מוזיקער, שוישפּילער, אַרטיסטן, מען האָט געגעסן, געטרונקען, געזונגען, געשפּילט, דערציילט שיינע מעשׂה'לעך, וויצן, און איך — דער אמת'ער בעל־שׂמחה, האָב זיך געבאָדן אין גליק! איך האָב איר געגעבן אַ בוקעט פֿון 25 רויטע רויזן, פֿרישע, שמעקנדיקע, און צו די רויזן האָב איך איר צוגעגעבן 25 הייסע קושן!

און זי האָט מיר אָפּגעגעבן די קושן מיט פּראָצענט.

פֿאַר גרויס פֿרייד האָב איך זיך אַזש צעוויינט.

אָבער דאָס זײַנען געווען פֿריידנס־טרערן; שׂמחה־טרערן.

איך שטעל זיך פֿאָר, אַז אַזוי האָט זיך געמוזט פֿילן גאָט ווען ער האָט די זון באַשאַפֿן.

אין מיטן דעם גרויסן יום־טובֿ האָט זי אַרויסגענומען פֿון דעם

בוקעט רויזן איין רויז און זי צוגעשפּילעט צו איר ברוסט.
ווי רייצנד זי איז דעמאָלט געווען!
מענטשן האָבן מיך מקנא געווען מיט מיין גליק, מיט מיין פרוי.
איינער א דיכטער האָט אויסגעדריקט אויף זיין פּאָעטישן לשון:
„ווען דיין פרוי זאָל ארייַנקומען אין א גאָרטן פון בלומען וואָלטן זיך די בלומען פארשעמט; זי איז די קעניגין פון אַלע בלומען!"
און איצטער איז זי טויט; טויט און קאַלט און א בערגעלע ערד דעקט זי צו.
איצט, אין דריי יאָר שפּעטער, האָב איך איר ווידער געבראַכט א בוקעט בלומען.
אָבער אירע אויגן האָבן זיי נישט געזען; אירע הענט האָבן זיי נישט באַרירט; איר ברוסט נישט באַצירט. איך האָב די בלומען אוועקגעלייגט אויף איר קבר און זיי באַגאָסן מיט מיינע טרערן.
יענע בלומען האָב איך באַנעצט מיט פריידנס־טרערן און די בלומען מיט אָבל־טרערן.
פּונקט ווי ס'זיינען פאראַן צווייערליי טרערן, פאַר שמחות און לויות, אָט אַזוי זיינען אויך פאראַן צווייערליי בלומען.
בלומען צו חתונות און בלומען אויף קאַלטע קברים.
נישטאָ דער טאָג איך זאָל נישט באַזוכן איר קבר: אין רעגן, אין שניי, אין פרעסט, אין זונשיין.
זע איך ווי דער רעגן בייטשט מיט זיין וואַסער־בייטש איר פרישן קבר, וויינט מיין האַרץ מער ווי עס קען וויינען; עס וויינט ביז צו דער לעצטער טרער.
טרעף איך שיינען די זון אויף איר קבר, שיק איך א לויב צו גאָט.
פריינט מיינער!
דו וועסט לאַכן פון מיר, ווען איך וועל דיר זאָגן, אַז איך האָב איין מאָל געטראָפן שטיין אויף איר קבר א פויגל און דער פויגל האָט געזונגען, האָב איך דעם טאָג געפילט בעסער.
איך האָב געבענטשט דעם פויגל וואָס ער האָט אויסגעקליבן מיין געליבטער'ס קבר פאַר זיין בינע; פאַר זיין געזאַנג.
שטעל זיך פאָר א בילד, חבר מיינער: אויף א בית־עולם, אויף א פרישן קבר, שטייט א פויגל און זינגט!
געזאַנג מיט קברים; געזאַנג מיט טויט!

אָבער מער ווי דעם איינעם מאָל האָב איך דעם פויגל דאָרט נישט געטראָפן.

די מערסטע טעג איז דאָרט שטיל און אומעטיק און קאַלט.

בלויז אַ ווינטל לויפט דאָרט אַ מאָל אַרום פון קבר צו קבר און וויינט...

זיי געזונט, חבר מיינער, זיי געזונט און גליקלעך. איך דריק דיר וואַרעם דיין האַנט און איך קוש דיר צום לעצטן מאָל, און איך ווינש אַז דו זאָלסט אַ מאָל באַזוכן מיין קבר.

איך גיי פון דער וועלט פאַר דער צייט, איך בין ערשט 32 יאָר אַלט. אָבער איך בין צופרידן וואָס מיין קבר וועט זיין לעבן אירן.

זיי מיר טויזנט מאָל מוחל וואָס איך פאַרשאַף דיך אַזוי פיל יסורים. איך בין זיכער, אַז דו וועסט וויינען ווען דו וועסט לייענען דאָס בריוול, אָבער עס איז נישט מיין שולד, איך האָב נישט קיין בעסערן פריינט פון דיר.

דיין חבר, וואָס זעט היינט צום לעצטן מאָל די ליכטיקע זון...

ווייסע בליטן

היינט שיינט די זון; היינט גיסט דער הימל ארונטער אויף די פעלדער צושמאָלצענע גאָלד.

אפילו גאָט אליין וואונדערט זיך, ווי עס קומט צו אים אזא וואונ־דערליכער טאָג.

און דוקא נישט קיין שבת, נישט קיין יום־טוב, נאָר א פּראָסטער מיטוואָך.

עס איז מאי — דער שענסטער, דער אינגסטער חודש פון יאָר.

דער חודש, וואָס איז אויסגעפּוצט אין אלערליי בלומען, און ווייסע בליטן.

ווייסע בליטן...

ווי זאט ווערט מיין בליק ווען ער זאפּט זיך אָן מיט ווייסע בליטן!

מיט די בליטן פון די סעדער, וואָס גיבן פאר די מענטשן די זיסע געשמאַקע פּירות.

ווייסע בליטן:

באשנעעטע בוימער באָדן זיך אין דעם צושמאָלצענעם גאָלד פון דער זון.

די גאָלד איז די זיכערסטע וואָס א לאַנד קען פאַרמאָגן.

אזא גאָלד מאכט נישט ביליקער, נישט רייכער דעם דאָלאר.

אזא גאָלד דארף מען נישט אָפּגעבן אין די באַנקען און נעמען דערפאַר פּאַפּיר.

יעדער בוים פון דעם סאָד זעט אויס ווי א כלה צו דער חופּה אין א ווייסן שלייער, באַפּוצט מיט ווייסע בלימלעך.

און די גרינע סאָסנעס, די הויכע, די שלאַנקע, זיינען די חתנים.

און די פויגל זיינען די קלעזמער און די זינגער וואָס באשיינען די חתונה.

און די גערטנער מיט די בלומען זיינען די טישן, וואָס וואַרטן אויף די געסט, אויף די מחותנים.

ווי רייך און ווי פרום און ווי כשר זעט אויס די וועלט אין ווייסע בליטן, ווען זיי קושן זיך מיט דער זון.

ווען מיינע אָרימע ברידער, וואָס שטיקן זיך אין די פינסטערע נאָרעס, אין די פאַרפעסטעטע הייזער, וואָלטן געזען די וועלט אין ווייסע בליטן, וואָלטן זיי אַנדערע מענטשן געוואָרן, פרייערע.

וואָלט עס זיי געצויגן צו אַזאַ וועלט, וואָס בליט און וואָס זינגט און וואָס שיינט.

זיי וואָלטן שוין מער נישט געקענט לעבן אָן ליכט, אָן בלומען, אָן לופט, אָן געזאַנג.

אָרימע ברידער מיינע!

ווייסט איר כאָטש, אַז עס איז פאַראַן אויף דער וועלט אַזאַ צייט ווי מאַי?

אַזאַ חודש, ווען אַלעס איז צובליט און אָנגעזאַפּט מיט זון און מיט פרייד?

ווייסט איר כאָטש , אַז די וועלט פאַרמאָגט וועלדער וואָס גרינען, און פעלדער וואָס גרינען, און טייכן וואָס רוישן?

ווייסט איר, מיינע ליבע ברידער, אַז די וועלט פאַרמאָגט אַ סך געזאַנג?

אַ גאַנצן ווינטער ליג איך און הויז, און אַן אומעט לויערט אַרום מיר, איבער מיר, אין מיר.

וואָלט איך כאָטש געזען די ווייסע פּראַכט וואָס דער ווינטער פאַרמאָגט; בין איך אָבער אין דער גרויסער שטאָט, צווישן שטאָל און שטיין און גערויש; צווישן נויט, טרויער און ענגשאַפט.

דעמאָלט זע איך בלויז אַלטקייט, דעמאָלט הער איך בלויז זיפצן, זע איך בלויז טרערן. די וועלט זעט דעמאָלט אויס אין מיינע אויגן ווי אַ גרויסע לויה.

אָבער נישט דעמאָלט, ווען די וועלט ליגט איינגעהילט אין ווייסע בליטן, אין אַ ווייסן חלום... ניט ווען דער קוואַל טאַנצט אַרויס פון דער ערד מיט געזאַנג. ווען שטיפערישע-ווינטלעך גלעטן מיינע בלייכע באַקן און קרויזן מיינע ווייסע האָר מיט גאָלדענע קאַמען.

זע איך אזא וועלט, פיל איך יונג און קרעפטיק און איך נעם זינגען לידער פון יוגנד, פון לעבן, פון לוסט. מיין בליק ווערט לויטער, מיין טראט — זיכער, מיין געהער — שארפער און מיין הארץ נעמט זינגען וואונדערליכע געזאנגען! דעמאלט ווער איך עפעס בעסער, ווייכער צו מיינע מיטמענטשן, און זיי צו מיר — ווערן אויך בעסער. איך נעם זיי בעסער ליבן, בעסער באגרייפן. איך באד זיך אין א וועלט פון גוטסקייט, אין א וועלט וואס ווייסט נישט פון קנאה. די ערד און דער הימל, די בערג און די טאלן גיסן זיך צונויף אין א שיר־השירים. און וואס איך שאף און באשאף אין אזא צייט, דאכט זיך מיר אז ס'וועט אייביק געדויערן — אייביק.

אפילו דאס ליד.

ווייל איך גיב דעמאלט אריין אין מיין געזאנג דאס הארץ און דאס בלוט און די פרייד פון מיין בלוט. און אזא ליד קען נישט אזוי גיך אונטערגיין; עס מוז האבן א קיום. און איך ווייס נישט דעמאלט צי דאס בלוט פון מיין הארץ איז אריינגעגאסן אין ליד, אדער דאס ליד זינגט ארויס פון מיין בלוט.

און נישט נאר דאס ליד, נאר מיין שפראך איז טיפער, זאפטיקער, אידישער. די שפראך מוז זיין צוגעפאסט צום ליד, צום געדאנק, צום בילד. אין מיין אידיש מוז זיך אויך אפשפיגלען דאס בילד, די שיינקייט, די קלארקייט, די ווייסקייט פון ווייסע בליטן. דעמאלט איז יעדעס ליד, וואס ווערט געבוירן אין מיין הארץ און דורכגעלייטערט אין מיין ווארעם בלוט, א טייל פון מיר אליין — ווי דאס פייערל אין מיינע אויגן, ווי דאס קלאפן פון מיין הארץ. איך בין ערליך צו מיין ווארט, צו מיין אידיש, צו מיין שפראך, וואס איז די שפראך וואס מיין טאטע און מיין מאמע האבן גערעדט.

אין אזא צייט שפראצן ארויס פון מיין הארץ א סך געזאנגען.

און וואס מער איך זינג, אלץ מער לידער שפראצן ארויס.

קיינער איז דעמאלט נישט גלייך צו מיר. איך שלייף יעדעס ליד, ווי גאט שלייפט אויס זיינע גרויסע וואונדער.

ווי די בלום אירע בלעטלעך, ווי דאס ווינטל די פעלזן, ווי דער ים שלייפט דאס זאמד ביי זיינע ברעגן. אפילו מיין פרייד איז א ליכטיגערע, א טיפערע, א געשליפענע.

און טאָמער דערגרייכט צו מיר אימיצנס אַ ווײַ, אַ קרעכץ טרייב איך אים נישט אַוועק פון מיר, נאָר איך פאַרוואַנדל אים אין פרייד, אין אַ טרייסט. איך בין דעמאָלט אַ גאָט! איך באַווייז גרויס וואונדער! און פונקט ווי די זון באָדט די ווייסע צובליטע בוימער אין גאָלד ביי־טאָג, אזוי באָדט די נאַכט די ווייסע בליטן מיט איר זילבער.

און קען נאָך זיין אַ שענער בילד פאַר׳ן אויג, ווי ווייסע בליטן באַזילבערט מיט׳ן שטויב פון שטערן און לבנה?

דער קאַרשן־בוים

אויפ׳ן וועג, וואָס פלעגט מיך פירן אין חדר צו ר׳ נאָטע מלמד, האָט געוואַקסן אַ קאַרשן־בוים.

דער בוים איז געווען זייער אַן אַלטער.

מיין זיידע, ר׳ דוד, פלעגט זאָגן, אַז דער בוים איז שוין אַלט געווען אַ יאָר זעכציק, ווען ער איז אַ חתן געוואָרן פאַר דער באָבע. און ווען מיין זיידע האָט דאָס געזאָגט, איז ער אַלט געווען זעקס און אַכציק יאָר.

יעדן נאָך־פּסח פלעגט זיך דער קאַרשן־בוים צובליען: ער האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ שניי־ווייסן קיטל פון שניי־ווייסע בליטן. פון ווייטנס האָט ער אויסגעזען ווי אַ שטילער, ווייסער־חלום. דאָס גאַנצע געסל פלעגט ער באַשיינען.

באַלאַנגט האָט דער בוים צום רב. ער איז געשטאַנען אויפ׳ן רב׳ס ערד. דער רב אַליין פלעגט זאָגן, אַז ער שטייט אויף גאָט׳ס־ערד.

די ערשטע קאַרשן האָט דער רב געגעסן. דער גבאי האָט שוין דאָס אין זינען געהאַט.

האָט זיך אַריינגעכאַפּט פון די נאָנטע בערג אַ פרילינגס ווינטל אין שטעטל, פלעגט עס זיך באַלד נעמען לאַסטשען צום קאַרשן־בוים. עס איז באַלד געוואָרן מיט אים אַ גוטער ברודער. איין גוף מיט איין נשמה.

דאָס ווינטל האָט גאָר נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון די צווייגן און בלעטער. ס׳האָט געהאַלטן אין איין דערציילן פאַר זיי שיינע לעגענדן פון ווייטע לענדער און שטעט. די צווייגן און בלעטער פלעגן זיך איינהערן און צושאָקלען מיט זייערע קעפּעלעך.

אַז דאָס ווינטל איז מיד געוואָרן צו דערציילן זיינע שיינע מעשה׳

לעך, האָט ער גענומען שטיפן; און שטיפנדיק האָט ער צושפּרייט זיינע בלויע פליגעלעך און אַוועקגעפלויגן.

אַוועקפליענדיק, פלעגט עס דערווייל מיטנעמען אויף זיינע בלויע פליגעלעך ווייסע בליטן און זיי פאַרנאַנדערווייען פאַר דער וועלט.

זומער, ווען גאָט האָט געעפנט זיין פּוטער־פאַס, און די זון האָט גענומען באַקן, האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אונטער דעם שאָטן פון דעם קאַרשן־בוים, און דער שאָטן האָט אונדז באַשיצט פון דער היץ.

אונטער דעם בוים, אין זיין קילן שאָטן, זיינען מיר געזעסן און זיך דערציילט מעשיות וועגן שרעטעלעך, פּרינצן און בת־מלכה׳ס.

דאָס וואָס ביי די ישיבה־בחורים איז געווען די ישיבה, איז ביי אונדז, קינדער, געווען דער אַלטער קאַרשן־בוים.

קיין מיידלעך האָבן מיר צו דעם קאַרשן־בוים נישט צוגעלאָזט. אונדזערע מאַמעס האָבן עס נישט דערלאָזן. „אינגלעך דאַרפן זיך שפּילן באַזונדער און מיידלעך באַזונדער" — אַזוי פלעגן די מאַמעס אונדז זאָגן. און מיר פלעגן אונדזערע מאַמעס פאָלגן.

נאָר איין מאָל האָב איך געוואַגט צו פרעגן ביי דער מאַמען:

„מאַמע, פאַרוואָס טאָרן זיך אינגלעך און מיידלעך נישט שפּילן צוזאַמען?..."

האָט מיך די מאַמע באַלד פאַר׳מסור׳ט פאַר׳ן טאַטן. האָט דער טאַטע אויפגעהויבן אויף מיר זיינע אויגן מיט די שפּיציקע ברעמען און מיך צוגערופן צו זיך:

„קום נאָר אַהער!"

איך בין צוגעגאַנגען.

„לייג זיך אַוועק ביי מיר אויפ׳ן קניע!" — האָט ער באַפוילן.

איך האָב זיך נישט געאיילט.

האָט שאַרפער געהילכט זיין קול:

„נו! איך זאָג דאָך דיר עפּעס! לייג זיך שוין אַוועק!"

איך האָב גענומען וויינען.

איז די מאַמע צוגעגאַנגען און געזאָגט צום טאַט׳ן: „הערשל, דאָס מאָל שענק אים; ער וועט שוין אַ צווייטן מאָל נישט פרעגן אַזאַ פראַגע."

אָבער דער טאַטע האָט איר נישט געפאָלגט; ער האָט אַרונטער־

גענומען די יארמולקע פון קאָפּ און מיך מכבד געווען מיט א פּאָר יארמולקעס.

דערנאָך האָט ער א זאָג געטאָן צו דער מאמע'ן:

„עס וועט שוין פון אים קיין לייט נישט ארויסוואקסן: ער וועט אונדז נאָך אמאָל פארשווארצן דאָס פּנים."

די מאמע פלעגט דערנאָך חרטה האָבן, אלעמאי זי האָט מיך פאר' מסור'ט פאר'ן טאטן.

צוליב איר האָט מיך דער טאטע געשלאָגן מיט זיין יארמולקע.

זי האָט מיך דערפאר באלד איבערגעבעטן; זי האָט מיר געגעבן א קוש און א קרייצער, איך זאָל זיך קויפן א צוקער־פייפל.

האָב איך זיך געקויפט א צוקער־פייפל; האָט עס דער טאטע ביי מיר באלד צוגענומען.

„אז ער וועט אין זינען האָבן צוקער־פייפלעך, וועט ער דאָס לערנען נישט אין זינען האָבן!"

אָט אזוי האָט דער טאטע גע'טענה'ט צו דער מאמע'ן.

חוץ דעם האָט דער טאטע ניט געקענט פארטראָגן, וואָס עס פייפט. און ער פלעגט שעלטן די פאבריק, וואָס מאכט צוקער־פייפלעך, וואָס פייפן.

אין אמת'ן, האָבן די דאָזיקע צוקער־פייפלעך קיין מאָל ניט גע־פייפט: זיי זיינען תמיד געווען פארשטאָפּט. און אויב איין פייפעלע פון הונדערט האָט שוין יאָ געפייפט, האָט עס אויך נישט געפייפט. עס האָט זיך בלויז אויסגעדאכט, אז עס פייפט, עס האָט געפּיסטשעט ווי א האלב־טויט פייגעלע.

פלעגט טאקע דער זיידע אלע מאָל לאכן פון טאט'ן, ווען דער טאטע פלעגט זאָגן, אז איך לעבער אים דעם קאָפּ מיט מיין פייפן. א נערוועזער איד געווען, דער טאטע מיינער.

קום איך צוריק צום קארשן-בוים:

דער בוים איז געווען אונדזער פארזאמלונגס־ארט. האָט א מאמע געדארפט רופן איר קינד, אים שיקן ערגעץ א גאנג, האָט זי גע־וואוסט, אז ער זיצט אונטער'ן קארשן־בוים; אָדער ער דערציילט א מעשה; אָדער ער הערט אויס א מעשה.

איין מאָל, דאָס איז געווען א וואָך פאר שבועות, בשעת איך בין גאנץ פרי געגאנגען אין חדר, האָב איך דערזען ווי א גוי שטייט מיט

א האק און ער האקט אונטער דעם בוים אין מיטן בליען.

מיין קינדיש־הארץ האט זיך א קארטשע געטאן פאר גרויס צער. טרערן האבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן.

אין דער מחשבה איז מיר דורכגעלאפן א פראגע: „וואו וועלן מיר זיך, קינדער, פארזאמלען און זיך באשיצן פון דער היץ? וואו וועלן מיר זיך, קינדער, אונדזערע מעשה׳לעך וועגן שטרעטעלעך, פרינצן און בת־מלכה׳ס דערציילן?״

„און וואס וועלן טאן די פייגעלעך? וואו וועלן זיי זינגען? וואס וועט ווערן פון זייערע נעסטן? פון זייערע היימען?״

און איך האב זיך צוריקגעקערט א היים מיט א געוויין.

— מאמע, מאמע, האב איך געיאמערט: מען האקט ארונטער דעם קארשן־בוים.

מער האב איך נישט געקאנט ריידן. דאס הערצל איז מיר פאר־קלעמט געווארן.

דער טרערן מיליאָנער

אָ, גאָט, וואָס טויג מיר אַזויפיל טרערן? וויפיל איז דאָס דער שיעור צו וויינען? דיין גאַנצן טרערן־אוצר האָסטו מיר אָוועקגעשאָנקן, ווער דאַרף אים האָבן?

פאַרוואָס קומט מיר אַזויפיל טרערן און אַנדערע גאָרנישט? פאַר־וואָס האָסטו מיר נישט געשאָנקן אַ טייל פון דיין אוצר, וואו דו האַלסט די פרייד, דאָס געזאַנג, דאָס גליק?

מיין געבורט איז געווען אין אַן אָרים שטיבל, אַן אַלטס, אַ צו־בראָכנס.

מיין ערשטן אויסגעשריי האָט באַגעגנט אַ פינסטערע נאַכט, אַ שרעקליכע נויט, אַ בילן פון הינט.

און דער טאַטע האָט געזיפצט, און די מאַמע האָט געקרעכצט, און דער אַלטער זיידע האָט תהילים געזאָגט און ביטער געוויינט.

מיין ערשטע שפייז אויף דער וועלט איז געווען אַ נאַס שמאַטקעלע מיט אַ קרישקעלע צוקער אין דעם.

מיין אָרימע מאַמע איז געווען בלאַס און קראַנק און אויסגעמוטשעט.

אירע בריסט האָבן קיין מילך נישט געהאַט פאַר מיר, קיין טראָפּן מילך.

איך האָב אפילו קיין וויגל נישט געהאַט און קיינמאָל קיין וויגן־ליד נישט געהערט זינגען. דאָס געזאַנג האָט זיך געשראָקן פאַר מיין טאַטנס שוועל.

דאָס געזאַנג וואָס איך האָב יאָ געהערט, איז געווען דאָס געזאַנג וואָס ווינטן זינגען אין קאַלטע פינסטערע נעכט און קוימען. ווינטער האָבן פאַר מיר געזונגען די שוואַרצע קראָען, די פינסטערע פויגל וואָס שעלטן די וועלט. די עטליכע יאָר צייט האָב איך אָנגעקליבן גאַנצע טאָרבעס מיט אומעט. האָט מיר די וועלט נישט געוואָלט אריינלאָזן צו

זיך. „נישט פאַר אַזעלכע עלנדע איז די וועלט" — האָבן שלעכטע מענטשן מיר געזאָגט: —„די וועלט איז פאַר די וואָס טראָגן פרייד מיט זיך; געזאַנג; געלעכטער; גליק!

„די וועלט האָט אייגענעם אומעט, אייגענע טרערן, אייגענע זיפצן.

„גיב אונדז א שמייכל, א לוסטיק ליד, א וויץ."

„איך האָב דאָס נישט" — האָב איך געענטפערט. — „אין מיי־נע טאָרבעס געפינען זיך נישט די אַנטיקן וואָס איר ווילט, איך האָב בלויז טרויער".

„קענסטו זיך וואַנדערן ווייטער; די וועלט וועט דיר קיין רוהיק אָרט נישט געבן; די גרויסע וועלט וועט זיין ענג פאַר דיר; גיי, ווייטער, גיי."

האָב איך זיך אַרומגעדרייט א פאַרשאָלטענער, א פאַרטריבע־נער אויף גאָט'ס וועלט, ווייט, ווייט פון מענטשן.

רעגנס האָבן מיך געוואַשן, האָגלען האָבן מיר קלעפּ געגעבן, און דונערן האָבן מיך נישט געלאָזט שלאָפן. נאָך יעדער רעגן־נאַכט בין איך א טאָג אין דער וואַרימער זון געלעגן, מיינע האָר און קלייזער געטריקנט.

מיט וואָס־זשע האָב איך זיך ערנערט?

איך האָב זיך גענערט, זומער־צייט, מיט אַלץ וואָס די ערד גיט אַרויס: מיט פרוכט פון די ביימער, מיט זאַנגען פון די פעלדער, מיט די שוועמלעך פון די וועלדער; איך האָב פייערן אויף די לאַנקעס צולעגט און מיינע עסנס געבראָטן.

איך בין געוואָרן א פעלד־מענטש, א וואַלד־מענטש; מענטשן וואָס האָבן מיך געזען, זיינען אַנטלאָפן פאַר מיך מיט שרעק. נישט איין מאָל האָב איך געהערט מענטשן שרייען: „אָט גייט א ווילדער מענטש! היט זיך. א ווילדער מענטש!"

און ביי זיך האָב איך געטראַכט:

„איר זייט ווילד, נישט איך!"

מיינע סטעזשקעס און וועגן זיינען געווען מיט דערנער געבעט.

מיין נשמה האָט געוויינט אין מיר, און דאָס האַרץ האָט געציטערט פאַר שרעק.

זומער איז דאָס פעלד און דער וואַלד און דער טייך געווען פריי און אָפן פאַר מיר.

די פויגל און די זשאַבעס האָבן פאַר מיר געזונגען; די זאַנגען האָבן פאַר מיר די קעפּ געבויגן; די טייכן האָבן מיין היים לייב גע־קילט.

איז די זון אַריבער אין מערב־זייט, זיינען באַלד אַרויסגעקומען די מלאָכים אין ווייסע פליגל, אָנגעלעגט רויטע פייערן אויפ'ן הימל און זיך דאָרט געוואַרמט און געליבט גאָט.

האָט דאָס פייער גענומען אויסגיין, האָט די זון צוגעוואָרפן אַ פּאָר פלאַמנדיקע האַלעוועשקעס און עס געפּרואווט אויפהאַלטן.

און אַז די זון איז פאַרגאַנגען, האָבן זיך די פייערן פאַרלאָשן, די מלאָכים זיינען אַוועק שלאָפן און איבער מיין קאָפּ האָט זיך אויסגע־שפּרייט אַ הימל מיט גרויסע שטערן, וואָס האָבן געציטערט מיט אַ בלויען ציטער.

שלעכט איז געווען אין די קאַלטע ווינטער־נעכט, ווען דער „זיידע־פראָסט", אַן אָנגעפּעלצעטער, האָט גענומען הערשן.

ווען זיין פראָסטיקער אָטעם האָט מיך גענומען טרייבן פון פעלד און וואַלד. ווען דער שטורם זיינער האָט מיט אייזערנע באַק־ציינער אַרונטערגעריסן די לעצטע פּירות, די לעצטע בלעטער און די לעצטע רויזן. דעמאָלט האָב איך קיין היים נישט געהאַט; דעמאָלט האָט דאָס פעלד מיך געטריבן אין שטאָט אַריין און די שטאָט — אין פעלד אַריין.

דעמאָלט האָב איך מקנא געווען די הינט וואָס האָבן בודעס, די הינט וואָס האָבן אַ היים, אַ ביין, אַ גלעט פון אימיצן, זיי האָב איך מקנא געווען.

זיי קענען בילן ווען זיי ווילן; זיי איז נישט קאַלט אַזוי ווי מיר, דעם מענטשן, וואָס איז געבוירן אין גאָט'ס געשטאַלט.

זיי האָבן אייגענע בערגלעך מיסט, די הינט, צוגעקייטלט מיט קייטן צו אייגענע שוועלן.

וואו־זשע האָב איך דעמאָלט געשלאָפן? אין קופּעס היי, וואָס די פּויערים האָבן אויפ'ן פעלד געלאָזן. אין שטאַלן, צווישן קי און פערד און הינער. אָבער איך האָב געמוזט פאַרטאָג אַנטלויפן מען זאָל מיך נישט שלאָגן.

וואָס האָב איך גענעסן? וואָס איך האָב געקענט גנב'ענען מען זאָל מיך נישט כאַפּן. הונגער טרייבט צו גנבה.

איז נישט געווען וואָס צו גנבֿ'ענען, האָב איך גענעמען שטיקער שנייי, קנוילן ווינט און פֿאַרטרונקען מיט וואַרימע טרערן.

איר האָט שוין אַמאָל גענעמען שנייי מיט ווינט און פֿאַרטרונקען מיט טרערן?

זאָלט איר עס טאַקע נישט פּרוּוון; עס וועט אייך קיין פֿרייד נישט געבן און קיין טעם וועט איר אין דעם אויך נישט פֿילן.

און אַז איך האָב זיך שוין נעהאַט אָנגעזעטיקט מיט שטיקער שנייי און ווינט און טרערן, האָט זיך מיין קראַנקע פֿאַנטאַזיע צושפּילט אויף אַלע סטרונעס: מיין אויג האָט דערזען אַ וואַרים הויז, אַ ליכטיקס, אין הויז וואוינט אַ יונגערמאַן מיט אַ פֿרוי. די פֿרוי איז זיכער יונג, שיין, צאַרט און ליידנשאַפֿטליך. און דאָרטן שטייט אַ ווייס בעט, מיט ווייסע קישנס, מיט אַ רויט זיידענער קאָלדרע, און באַלד, וועט דאָס ליכט פֿון יענעם שטיבל פֿאַרלאָשן ווערן און צוויי מענטשן, יונגע וועלן זיך פֿאַראייניקן.

און איך דאַרף זוכן ערגיץ אַ בלאָטיקע שטאָל מיין מידן קאָפּ אָנצושפּאַרן. איך דאַרף מקנא זיין די הינט וואָס האָבן זייערע אייגענע בודעס.

איז דאָס מעגליך, אַז איך בין באַשאַפֿן געוואָרן אין גאָט'ס גע־שטאַלט? איז דאָס מעגליך?

אַ פאַרליבטער

איך האָב געוואוסט, אַז היינט איז זומער אויף דער וועלט. אַז היינט לאַכן אַרונטער אויף דער ערד בלויע הימלען און אַ ליכטיקע זון. איך האָב געוואוסט, אַז היינט שפּילן ווינטלעך אויף בלויע טייכן ווי אויף בלויע פידלען. איך האָב געוואוסט, אַז אויף בוימער זיינען שוין די עפּל און די באַרן און די פלוימן באַלד פאַרטיק. איך האָב אויך געוואוסט, אַז אַ סך יונגע הערצער, איינזאַמע, בענקן נאָך ליבע. בענקן נאָך עפּעס וואָס מען רופט עס אָן — ליבע. איך האָב אָט די אַלע זאַכן געוואוסט פּונקט ווי אַ סך מענטשן מיט שכל, ווייסן עס.

און איך האָב אויך געוואוסט, אַז זי, דאָס מיידל, וואָס איך ליב, איז אין איר עלנדן צימער אַליין.

אַליין, בלויז מיט איר שאָטן, מיט איר חלום.

און גע׳חלום׳ט האָט זי זיכער אַ חלום וואָס אַלע מיידלעך, וואָס זיינען עלנד און אַליין, חלום׳ען:

„ווען וועל איך שוין געהאָלפן ווערן מיט אַזאַ איינעם וואָס איך ליב?

„מיין ליב, דאָס צאַרטע, דאָס מיידלשע, רייסט זיך אַרויס פון די גרעניצן, פון די אייגענע ווענגן; דאָס בלוט, דאָס יונגע, וויל, מען זאָל דערפון הנאה האָבן; און די יונגע בריסטן מיינע בענקן נאָך צאַר־טע באַרירונגען; נאָך ברענענדיקע ליפּן; און מיין געדאַנק ציטערט, טאָמער וועל איך שוין בלייבן אויף אייביק מיט מיין חלום״.

און איך ווייס אויך, אַז זי טראַכט פון אַ סוד, וואָס נאָר זי אַליין קען פאַרשטיין.

אַ סוד, וואָס האָט אין זיך דאָס זיסקייט און אויך די ביטערקייט פון לעבן.

און איך, וואָס האָב ליב דאָס מיידל מיט מיין גאַנצער נשמה, שטיי אין דרויסן לעבן איר פענסטער, קוק אַריין אַהין אין איינעם

מיט דעם זומערדיקן פרימאָרגן, אין איינעם מיט דער זון, מיט'ן בלויען ווינטל.

און ווען איך זע ווי די ליכטיקע זון שטעלט זיך אוועק ביי איר אויפ'ן בעטל, בין איך איר מקנא; זע איך ווי אַ שטראַל טאַנצט אַרום אויף איר לייב, בין איך דעם שטראַל מקנא: איך אַליין וויל דעמאָלט זיין אַ זון, אַ שטראַל.

מיר דאַכט זיך, אַז איך וואָלט זיין דער גליקליכסטער פון אַלע גליקלעכע.

מיר וואָלטן געוואָרן אַ טייל פון דעם גרויסן סוד וואָס מיר פאַר־שטייען נישט; וואָס מיר קענען נישט דערקלערן. אַ טייל פון דעם ליכטיקן חלום, וואָס ווערט קיינמאָל נישט אויסגע'חלום'ט אין גאַנצן. אַ חלום, וואָס כמעט יעדער מענטש מוז לאָזן אין דער מיט...

אָבער וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איך קען נישט אַריין צו איר?

פאַרמאַכט איז דער ריגל פון דער טיר וואָס פירט אין איר צימער.

און אַריין דורכ'ן פענסטער ווי עס טוט די זון, דער שטראַל, קען איך נישט.

און איך ווייס, אַז דער, וועמען זי ליבט, ליבט זי נישט; ער ליבט זי נישט און פאַרשטייט זי נישט. נישט איר סוד, נישט איר חלום. איך ווייס דאָס, דערפאַר וויינט מיין נשמה אויף איר אומגליק. דערפאַר טרערן מיינע אויגן.

ער איז צו רייך, צו יחסן'דיק, צו שטאָלץ פאַר איר.

זי איז אָרעם, זי איז נישט געבילדעט, זי האָט בלויז אַ רייכע נשמה און אַ וואַרעם האַרץ, און ער — ער איז רייך און געבילדעט און ער שפּילט פידל און ער זוכט אַ מיידל מיט 50 טויזנט טאָלער.

טאָ ווי קומט זי צו אים? צו דעם יחסן?

און דוקא אים ליבט זי!

דאָס איז אַ ליבע וואָס וועט זיך ענדיקן מיט אַ פריצייטיקן טויט.

איך האָב געהערט , אַז זיינע עלטערן זאָגן ניין; זיי לאָזן נישט און ווילן נישט און עס פּאַסט זיי נישט.

מיט סודות און חלומות קען מען נישט לעבן און זיין גליקלעך!

אַזוי זאָגן זיינע עלטערן און ער, דער, וועמען זי ליבט, האַלט מיט זיי.

ער פאַלגט; ער וויל נישט פאַרלירן די גרויסע ירושה.

דאָס גאָלד איז בײַ אים בילכער ווי דאָס האַרץ פון א מיידל וואָס גייט אויס פון ליבע און בענקשאַפט.

די ירושה איז בײַ אים טייערער ווי די ליבע פון א מיידל וואָס חלומ'ט נאָר פון אים.

דערווײַל גייען אַוועק די טעג און די יאָרן און זי וועלקט און צאַנקט, און די קישעלעך אונטער די אויגן ווערן פולער מיט טרערן און דאָס האַרץ איר'ס גייט אויס.

און ווען א האַרץ גייט אויס, ווערט עס פאַרשלונגען פון דער אייביגקייט; עס קלאַפּט נישט מער, עס חלומ'ט נישט מער.

און איך — איך ליב זי; איך פאַרשטיי זי; מיר וואָלטן בײדע געקענט געניסן דאָס קורצע לעבן. איז זי אָבער קאַלט צו מיר און צו מײַן חלום.

און אפשר זאָל איך מײַנע געדאַנקען אַרײַנשיקן צו איר דורכ'ן פענסטער מיט דער ליכטיקער זון?

— ניין, די ווערטער וועלן צושמאָלצן ווערן אין גאָלד, און גאָלדענע ווערטער האָב איך נישט ליב.

איך ליב ווערטער וואָס קומען אַרויס פון טיפסטן האַרץ און דרינגען אַרײַן אין האַרץ.

אך, ווען זי עפנט אויף פאַר מיר איר טיר!

אַ געזאַנג אָן גראַמען

פרילינג און ליבע.

טויזנטער דורות וועלן נאָך קומען און גיין, און פרילינג און ליבע וועלן אַלץ בלייבן און אונדז באַגייסטערן.

ביידע זאַכן וועלן תמיד בלייבן שיין און ניי; וועלן קיינמאָל נישט אַלט ווערן; ווייל ווען זיי ווערן אַלט, ליגט שוין אין זייער אַלט־ווערן אַ פריש לעבן.

ווי שיין און ווי ניי און ווי פּרעכטיק איז צו זען ווי די אַלטע מאַמע־ערד טשוכעט זיך אויס פון שלאָף און זי הויבט אָן ארויסשיקן אויף דער וועלט אירע יונגע גרעזלאַך, בלומען און רויזן אין אַלערליי קאָלירן; ווי זי באַפרייט די טייכן און ריטשקעס, וואָס זיינען געלעגן אונטער׳ן אייז געפאַנגען, און עס ווערט אויף דער וועלט צוגאָסן אַ ליבע וואַרעמקייט, אַ פרייד; און די פרייד ווערט באַגעגנט פון אַ בלויען הימל און אַ גאָלדענע זון און ערד און הימל קושן זיך, ווי אמת׳ע פּאַר־ליבטע, און בלום און שטראַל, פּונקט ווי אַ פּאַרליבט פּאָרל, נעמט זיך אַרום און מען גיסט זיך צונויף אין איין גוף און איין נשמה.

קען נאָך זיין אַ שענער פּאָרל, ווי אַ צובליטע ערד מיט אַ בלויען הימל, אַ זונענשטראַל מיט אַ בלום?

און איידער די בלום ווערט צייטיק, איז זי ערשט כשופ׳דיק, לאַקעדיק.

איידער די רויז עפנט זיך, דעמאָלט ווען זי דרעמלט נאָך אין איר דופטיקער ווינעלע, מיט פאַרמאַכטע אויגעלעך, און עס זעט זיך בלויז ארויס פון דער קנאָספּ אַ רויט צינגעלע, וואָס לעקט שטיקלעך זון — אָט דעמאָלט איז די רויז אינטערעסאַנט. זי איז נאָך דעמאָלט באַהאַלטן אין איר אייגענעם סוד. —

דאָס אייגענע איז אויך מיט דער ליבע: ווען איר דערזעט אַ שיינע, אַ יונגע, אַ ליבטיקע מיידל, און אייערע בליקן קייטלען זיך אָן אירע

בליקן און אייער הארץ נעמט פלוצים קלאפן מיט א מאדנעם ריטם; מיט אזא מוזיק, וואס איז נאך פון קיינעם נישט געשפילט געוואָרן, און אייערע בלוטן אין די אָדערן נעמען טאנצן א פייער־טאנץ, און דער קאפ ווערט ווי בארוישט, פאר׳שכור׳ט; איר ווערט ווי צוטומלט, ווי איר וואָלט זיך אָנגעטרונקען מיט א גוטן וויין — אט דעמאָלט איז דאָס מיידל אינטערעסאנט; דעמאָלט איז די ליבע הייליק, תפילה׳דיק, סודות׳דיק.

דער פרילינג איז געגליכן צו א שיינע מיידל, א יונגע, בא׳חנ׳טע, נאך איידער זי ווערט א כלה; ווען זי געהערט נאך צו זיך אליין; ווען זי איז נאך פון קיינעם ניט באריררט געוואָרן.

און דערפאר איז דער פרילינג און די ליבע אן אייביקער מאטע־ריאל פאר דיכטער, מאלער און מוזיקער.

און דערפאר איז די יוגנד אזוי אָנציענד, אזוי אינטערעסאנט, אזוי היים און פול מיט לוסט...

אויב איר האָט א מוזיקאַליש אויער וועט איר מוזן צוגעבן, אז פייגל זינגען א סך שענער אין פרילינג ווי אין מיטן זומער, אָדער אין הערבסט, אָדער אין ווינטער.

זייער געזאנג אין פרילינג קלינגט זיס און העל און יונג און איז געבאָדן אין זון, אין ליכט, אין ווארעמע גאָלד, אין דופט פון רויטע רויזן.

זייער געזאנג אין זומער קלינגט ווי אלטע זילבער, געמישט מיט מעש, און זייער געזאנג אין הערבסט קלינגט ווי צובראָכענע בלעך, אין ווינטער — ווי דאָס שלוכצן פון אן אָבל.

אָדער נעמט די בוימער. אין פרילינג איז דער בוים יונג, פול מיט בלוט אין די אָדערן, די צווייגן בויגן זיך, די בלעטלעך פריש און טיף גרין; זומער זיינען די צווייגן שווער, און די בלעטער מאט־גרין; און אין הערבסט — זיינען די צווייגן מאָגער, אויסגעדארט, צוקנייטשט, און די בלעטער געל, צולעכערט, צוגעסן פון ווערים, און דער מינדס־טער ווינטל רייסט זיי אָפּ און גייט מיט זיי א טויטן־טאנץ.

דאריבער וועט דער פרילינג און ליבע אונדז אלע מאָל באגייס־טערן, אלע מאָל אונדז קרעפטיקן און ארויסרופן די שענסטע געזאנגען, די ליכטיקסטע לידער און די טיפסטע פריידן. ווען עס קומט אָן די

צייט, ווען די ערד און די הימלען עפענען זיך, ווען די פעלדער און וועלדער און בערג און טאָלן ווארפן ארונטער פון זיך די ווינטערדיקע שאָלן און זיי צוזינגען זיך מיט טויזענטער געזאנגען — דעמאָלט לעבט אויף דער מענטש.

אלע סימפאָניס, אלע ראפּסאָדיס קאָנען זיך נישט פארגלייכן מיט׳ן געזאנג, וואָס דער וואלד און דער ים און דער ווינט און די פייגל זינגען, בשעת די זון גייט אויף אין בלויען באַגינען, און ווען די זון גייט אונטער איינגעהילט אין אַ פייערדיקן טלית מיט גילדערנע ציצית.

פרילינג און ליבע.

זייט געבענשט, וואונדערליך פּאָר׳ל!

דינהלע

כל־זמן מיינע אויגן וועלן נישט געשלאָסן ווערן, כל־זמן מיין שכל וועט נישט פאַרטונקלט ווערן, וועל איך זי נישט פאַרגעסן; וועל איך תמיד, תמיד טראַכטן און חלום'ען וועגן איר.

געהייסן האָט זי דינה. איר טאַטע איז געווען אַ דיין און גערופן האָט מען אים נפתלי.

ווען מען פלעגט זי זען אין געסל פלעגט מען אָנווייזן מיט דער האַנט אויף איר און זאָגן:

— אָט גייט דינה'לע נפתלי דעם דיין'ס.

איר בילד שטייט מיר קלאָר פאַר די אויגן, קלאָר ווי די זון.

אַזאַ פרום־הייליק פּנים איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען.

עפּעס האָט עס פאַרמאָגט אַזאַ חן, אַזאַ שטילע פאַרטראַכטקייט, אַזאַ בלאַסע הייליקייט, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן.

און געשטאָרבן איז זי אין דעם טאָג ווען זי איז אַלט געוואָרן אכטצען יאָר. געשטאָרבן פון אַ טיפוס.

וואָס איך האָב דעמאָלט אויסגעוויינט! און נאָך היינט וויין איך, ווען איך דערמאָן זיך אָן איר.

איך געדיינק, אַז אין דעם טאָג ווען זי איז געשטאָרבן, האָב איך אין האַרצן געשאָלטן גאָט.

איך האָב נישט געקענט פאַרשטיין פאַרוואָס גאָט האָט אויסגעלאָשן אירע וואונדערליכע אויגן. וואָס האָט ער געהאַט דערפון?

מיט אירע זיידענע שטילע בליקן האָט זי מיך באַ'כשופ'ט, געפאַנגען!

איך בין אויך געווען אין אירע יאָרן.

איך האָב זי אין אַלע מיינע חלומות געזען; און דאָס זיינען געווען די שענסטע חלומות אין מיין לעבן.

מיר האָבן געוואוינט מיט אירע עלטערן אין איין הויז. בין איך געוואָרן נאָענט מיט איר.

איינמאָל, מנחה־צייט האָב איך זי באַגעגנט אַליין גיין אין גאָרטן, האָב איך מיט מיין האַנט באַרירט איר ווייסן האַלדז, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך גלעט אַ טייערן סאַמעט.

זי האָט בלויז געזאָגט צו מיר:

— מען טאָר נישט, איך בין אַ מיידל און דו ביזט אַ בחור.

אָבער זי איז נישט אַוועק פון מיר. זי איז געבליבן אין גאָרטן און אויף עפּעס געוואַרט.

מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי איז נישט קיין בלוט און פלייש און ביין, נאָר אַ קנויל פון זון און טרוים.

איר שטים איז געווען פאַר מיינע אויערן ווי דאָס שפּילן פון אַ פליוט, אַ פליוט פון ריינסטן גאָלד.

ווען איר טאַטע איז צוריקגעקומען פון מנחה און מעריב איינ־איינעם מיט מיין טאַטן, זיינען מיר זיך צולאָפן: זי אין איר שטוב און איך אין מיין שטוב.

אָבער אונדזערע הערצער זיינען געבליבן אין גאָרטן.

מיין געלעגער איז געווען ביי דער זעלבער וואַנט וואָס אירער. ווען מען בויערט אויס אַ לעכל דורכ'ן וואַנט, וואָלטן זיך אונדזערע בליקן באַהעפט.

מיר האָבן ביידע קיינמאָל נישט גערעדט וועגן ליבע. נישט גע־וואוסט, אַז אַזאַ וואָרט איז פאַראַן, און דאָך איז אונדזער ליבע געווען די שטאַרקסטע, די הייליקסטע.

איין מאָל איז דינה'לע געשטאַנען אין גאָרטן און אויסגעטרייסלט אַ טערקישע שאַל, אודאי איר מאַמע'ס. איז די שאַל אַרויסגעפאַלן פון אירע הענט, האָט זי זיך אַרונטערגעבויגן אויפהויבן די שאַל. האָב איך דערזען די ליניעס פון אירע צוויי פיס, די הוילע, אָן זאָקן.

בין איך געוואָרן רויט, פאַרשעמט און דאָך פול מיט פרייד, אַ גליק וואָס האָט נישט קיין ווערטער אויסצודריקן.

פאַראַן געפילן ביי יונגע מענטשן מיט יונגע בלוטן און יונגע חלומות, וואָס ריידן מער ווי טויזנטער ביכער און דרשות.

פאַר אַלטע מענטשן מיט קאַלטע בלוטן און אויסגע'חלומ'טע

חלומות און אויסגעווײנטע אויגן זײנען אַט די געפילן אַ בוך מיט זיבן זיגלען פאַרזיגלטע.

ווען דינה׳לע איז געשטאָרבן, איז מײַן וועלט אונטערגעגאַנגען. די זון האָט דעמאָלט פאַר מיר נישט געשײַנט.

און ווען איך בין געפאָרן קײַן אַמעריקע, האָב איך אויף דער שיף געוויינט גלײַך מיט די ווינטן אויפ׳ן ים.

אָבער מײַן געוויין איז געווען שטילער, רירנדיקער, טיפער!

אַ ווינט קען קײַן מאָל אַזוי נישט וויינען, ווי אַ האַרץ וויינט, ווי אַ פאַרליבט האַרץ.

און ווען איך בין אַרײַנגעפאַלן דאָ, אין דעם פרעמדן לאַנד, האָב איך פון קײַן אַנדער זאַך נישט געטראַכט ווי נאָר אָנקלײַבן געלט און עם אַהיימשיקן צו שטעלן דינה׳לען אַ מצבה; אַ שיינע מצבה.

איך בין געווען זיכער, אַז איר טאַטע, דער פרומער אָרימאַן, דער דײַן, דער גלות־איד, וועט קיינמאָל נישט האָבן קײַן געלט פאַר אַ מצבה.

און ביז צום יאָר האָט שוין דינה׳לע געהאַט אַ ווייסע מצבה, וואָס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אַ בוים מיט אַן אָפּגעבראָכענעם צווייג.

פאַר מײַן געלט האָט מען דינה׳לען די מצבה געשטעלט.

און מען האָט מיר אַהער געשיקט אַ בילד פון דער מצבה.

זיבן טאָלער פאַר אַן אָסיען

פאַר אונדז, פּאָעטן, מיינט דער אָסיען א נייע טעמע, א פּאָעטישע טעמע. א טעמע, וואו מיר קענען ארויסווייזען אונדזער גרויסן טאַלאַנט. מיר צולאָזן זיך אויף אַלע כלים, מאַכן קאַליע ווייסע בויגנס פּאַפּיר, א פלעשל טינט, און מיר בייטן אונדזערע פעדערס.

מיר ווילן דוקא האָבן אַזא פעדער, וואָס זאָל נישט שניידן ס'פּאַפּיר; נישט שפּריצן; נישט קלעקן.

בי אונדז מוז דער אָסיען ארויסקומען אָן א מום, אָן א חסרון.

און מיר טוען זיך א נעם צו אים, צו דעם אָסיען, הייסט עס, מיט אונדזער גאַנצן ברען און פייער און מיר נעמען אים באַשרייבן אזוי גוט ווי מיר קענען און — קענען נישט.

ס'ווענט זיך וואָס פאַר א סאָרט פּאָעטן מיר זיינען; ווי הויך אונדזער פאַנטאַזיע קען פליען.

צווישן אונדז, פּאָעטן, זיינען אויך פאַראַן לינדבערגס און אַזעלכע, וואָס דערפליען נישט, וואָס ווילן דערגרייכן די הימלען און פאַלן נעבאַך ארונטער און ווערן גע'הרג'עט; א סך, וואָס האָבן מער מזל, פאַלן און ווערן נישט דער'הרג'עט. זיי בלייבן אָבער, קאַליקעס.

הקיצור, עס ווענדט זיך צו וואָס פאַר א טאַלאַנט דער אָסיען פאַלט אריין.

אָבער פאַר אַלע פּאָעטן איז דער אָסיען נישט מער ווי א טעמע.

באַלד טוט ער א טראַכט (פאַראַן פּאָעטן, וואָס טראַכטן אמאָל): וויפיל לידער קען איך ארויסציען פון דעם אָסיען?

אויב, לאָמיר זאָגן, דער דיכטער נעמט זיבן טאָלער פאַר א ליד און ער קען מאַכן צוויי לידער, הייסט עס, אז דער אָסיען פון דעם און דעם יאָר האָט אים אריינגעטראָגן פערצן טאָלער מזומנ'ע געלד.

און אויב ער איז ביי דער „שטימונג" קען ער אַזעלכע צוויי לידלעך אָנשרייבן אין פיר שעה צייט.

דאָס מיינט זיבן טאָלער א שעה.
ס'איז נישט קיין שלעכטע פּרייז: וויפיל מאַכט עס אַ דאָקטאָר?
און ער, דער פּאָעט, איז צופרידן, וואָס ער איז אזא גרויסער פאַר־דינער.
און ער טוט זיך אַ פאַרקאַשער די אַרבל, אַ פּיל אָן די פּען מיט פרישן טינט, לייגט אוועק ס'פּאַפּיר און ער נעמט באַארבעטן דעם אָסיען, ער מוז מאַכן זיבן טולער.
הארבסט, זאָגט ער, איז פאַר אונדז, פּאָעטן, נישט מער ווי אַ הערליכער שפּיל: אַ שפּיל פון שפּילן.
מיר פּאָעטן טוען מיט אים וואָס מיר ווילן.
מיר מעלקן ארויס פון זיינע מערב־הימלען די שענסטע פאַרבן.
פאַרבן, וואָס צינדן זיך אָן און פאַרלעשן זיך און שטאַרבן.
אַך, די אָסיענדיקע פאַרבן!
אַלץ איז דעמאָלט רויט: דער הימל, די שפּיצן בערג, די שפּיצן קלויסטערס, די שפּיצן בוימער און די בלעטער.
דאָס איז אַ וועלט פאַר מלאכים און געטער.
אַלץ איז רויט.
אפילו דער טויט.
אַך, ווי שיין, ווי רייך עס איז די וועלט פון פאַרבן!
אָבער שענער נאָך, רייכער נאָך איז דעם אָסיענ'ס שטאַרבן.
דעם אָסיענ'ס הערליכער, פּרעכטיקער טויט.
גיט אונדז, דיכטער, אַ העמד און אַ שטיקל ברויט.
פאַר אונדז, דיכטער, איז דעם זומער'ס טויט אַ צושפּרינג צום טויט.
לעבן זאָל דעם זומער'ס טויט! הורא פאַר די רויטע, טויטע בלע־טער!
לעבן זאָל דאָס רויטע שטאַרבן!
באַלד, באַלד און ס'וועלן קומען אויף דער וועלט נאַסע טעג און קאַלטע טעג און ברודנע טעג.
טעג אָן זון, אָן ליכט, אָן שיין.
טעג פון אומעט, צער און פּיין.
טעג אָן בלויע הימלען; טעג, וואָס וועלן גראָען.
גראָען און אויפעסן אונדזערע מינוטן און די שעה'ען.

אַסיען מײנט פאַר אונדז װינטן, רעגן און פרעסט.
דאָס מײנט פאַר אונדזערע קאָלעגן, די פױגל, צו פאַרלאָזן זײער נעסט.
אַװעק אין די פרעמדע לענדער, אױף אַנדערע קעסט.
אַסיען מײנט פאַר אונדז, אָרימע מענטשן:
דאָס אָנקומען פון שנײען,
פון קרעכצן, פון װײען,
פון יסורים און קומער —
הערבסט מײנט פאַר אונדז — װאַרטן אױפ'ן זומער.
הערבסט זאָגט אונדז אָן דורך װינטן און קעלט,
אַז ס'קומט אַ בײזער װינטער אױף דער װעלט.
און ס'איז נישטאָ קײן קױלן און קײן קלײד.
נישט קײן געלד און נישט קײן פרײד,
און ס'העלפן נישט קײן רײד.
גאָט דער גרױסער איז בײז און שלעכט.
ער לאָזט אונדז, דיכטער, ארומבלאָנקען אין די קאַלטע רעגנדיקע אַסיען־נעכט,
און ער אַלײן זיצט אין הימל דאָרטן אױבן.
און די מלאָכים מאַכן יעדן טאָג פאַר אים דעם אױװן.
און זײ הילן אײן זײן פּאַלאַץ אין רױטן פײער,
אָבער אונדזער פּאַלאַץ איז נישט װערט קײן דרײער.
ס'איז נאַס און קאַלט און פּוסט,
און די פרױ מײנע הוסט,
און דאָס קינד הוסט אױך
און לײדיק איז בײ אונדז דער בױך...
אָט־אָ־דאָס מײנט אַסיען פאַר פאַר אונדז, פּאָעטן.
און ס'העלפט נישט קײן תפילות און קײן בעטן.
דורך די רױטע װאָלקנדיקע קאָלירן,
דורך זײנע רױטע מערב'דיקע טירן,
שיקט דער גרױסער בורא
ארונטער קעלט
אױף דער װעלט,
און אַן אומעט, אײנגעפּאַקט אין רױטע פײער גאַרבן;

אן אומעט, וואָס איז ערגער נאָך ווי שטאַרבן.
אָסיען און ווינטער —

דער פּאָעט לייגט אוועק זיין פעדער, לייענט איבער נאָכאַמאָל און ווידער אַמאָל זיין גרויסע פּאָעמע און ער באַשליסט, אַז מער שרייבט ער נישט. געגנוג פאַר זיבן טאָלער!

און אַנדער דיכטער, וואָס האָט שוין אַ נאָמען, גיט אפילו נישט אַ העלפט פאַר זיבן טאָלער.

ער האָט נאָך אַביסל שטימונג, אַביסל געבליבענע ווערטער, אַביסל פאַרב, אָבער ער דאַרף עס האָבן פאַר נאָך אַ פּאָעמע.

דער היינטיקער הערבסט מוז אים אַריינטראָגן פערצן טאָלער.

ער האָט געגנוג געוואַרט אויפ'ן אָסיען; אַ גאַנצן זומער גאָרנישט געשריבן, צו היים געוועזן, און ס'איז טאַקע קיין טעמע נישט געווען.

יאָ, מער שרייבט ער נישט; אַזוי בלייבט ער, דער אָסיען, ווי ער איז, פלענטי פאַר זיבן טאָלער.

און ער שרייבט איבער דעם אָסיען אויף ריין, טוט זיך אָן דעם אַלטן גרויען מאַנטל, שטופּט אָן פּאַפּירן און צייטונגען אין אַלע קעשענעס. טוט אָן ס'קראַוואַטל, וואָס זעט אויס ווי אַ וואָראָנע מיט אָפּגעשאָסענע פליגל, און ער שלעפּט זיך אוועק אין דער רעדאַקציע פאַרקויפן זיין אָסיען.

לעזט דער רעדאַקטאָר איבער די פּאָעמע און ער זאָגט צום דיכטער קאַלט ווי אייז:

— ס'איז נישט אָריגינעל!

— הייסט עס, אַז ס'טויג נישט?

— ניין, — ענטפערט דער רעדאַקטאָר — אייער ליד וועגן אָסיען מיט אַ יאָר צוריק און מיט צוויי יאָר צוריק איז אויך געווען אַזוי געשריבן.

— וואָס בין איך שולדיק, אַז אַלע אָסיענס האָבן דאָ, אין אַמעריקע, איין פּנים? איך האָב דען אַן אַנדער אָסיען און איך באַשרייב אים נישט?

— ווען זיך אונדזערע לעזער באַגיין אָן אַ ליד; עס גייט זיי נישט אַזוי שטאַרק אין לעבן.

און דער פּאָעט גייט אַהיים אַ דערשלאָגענער. אַ בייזער און שילט דעם רעדאַקטאָר.

די עלנדע

זי האָט מיר אַ בריוול געשריבן:

איך בין אַ יתומה, אַן עלנדע; עלנד, ווי אַ שטיין.

איך קום אָפּ מײַנע טעג אין זיפצן און מײַנע נעכט אין וויינען. איך האָב נישט איין מאָל געטראַכט פון זעלבסטמאָרד. דער טויט וואָלט מיך אויסגעלייזט פון מײַן עלנד, פון די צרות פון מײַן שטיף־מאַמען. מײַן שטיף־מאַמע איז אַ שלאַנג, וואָס טראָגט גיפט אויף איר צונג.

מײַן אָרימער טאַטע וויינט גלײַך מיט מיר אויף דעם טאָג, ווען זי האָט אונדזער שוועל באַטראָטן. זי לאָזט נישט אַריין אין הויז קיין יונגן מאַן, וואָס וויל זיך מיט מיר באַקאָנען; זי טרײַבט זיי אַרויס מיט זידל־ווערטער, מיט קללות. זי האָט מורא, אַז זי וועט פאַרלירן אַ דינסט.

אין הויז טו איך אַלע שווערע אַרבעט, ווען איך קום אַהיים פון דער אַרבעט. איך פיל: אויב עס וועט אַזוי גיין, ווי עס גייט, וועל איך אינגאַנצן פאַרוועלקט ווערן; איך וועל נישט האָבן פאַרזוכט קיין איין טראָפּן גליק, קיין איין רגע פון ליבע.

אַך, ווי איך וויל זײַן געליבט! דאָס איז מײַן טרוים!

איין מאָל בלויז האָב איך געפילט די ליבע. מיט עלף חדשים צוריק האָט מיך אַ יונגערמאַן געטראָפן אין פּאַרק. איך בין דאָרטן געזעסן מיט אים און גערעדט. ער איז געווען אַזוי גוט צו מיר; ער האָט מיך געטרייסט און מיר געשוואָרן, אַז איך בין דאָס אמת׳ע מיידל, וואָס ער זוכט.

און דערווײַל איז צוגעפאַלן די נאַכט, אַ נאַכט מיט ליכטיקע שטערן; אַ נאַכט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פאַר ליבן זיך...

די וואַרעמע ווערטער פון דעם יונגן מאַן האָבן מיך דערמאָנט, אַז איך בין יונג; דאָס בלוט האָט געזאָטן אין מיר און עפּעס געמאָנט. ער, דער יונגערמאַן, האָט עס פאַרשטאַנען. און מיר האָבן זיך ביידע

און ווען ער האָט מיין ליב באַרירט מיט זיינע הייסע פינגער, אונדזערע הערצער.
איבערגעגעבן צו דער נאַכט מיט די ליכטיקע שטערן, צו דעם רוף פון האָט זיך מיין באַגער צוברענט אין טויזנט פייערן, און מיט מיינע פייערן האָב איך פאַרשטאַרקט דעם פלאַם אין זיינע בלוטן.

מיר האָבן ביידע נישט געטראַכט וואָס שפּעטער וועט זיין. אין אַזאַ מאָמענט פירט מען נישט קיין חשבונות; דעמאָלט רעגירט דאָס האַרץ, נישט דער שכל.

די רגע האָט אונדז געגעבן גענוס און פרייד פאַר גאַנצע אייביג-קייטן.

און ווען די גליענדיקע רגע איז געווען אַריבער און דאָס בלוט האָט זיך איינגעשטילט, האָב איך זיך צעוויינט. ער האָט אויסגעקושט מיינע טרערן און מיך אָפּגעפירט אַהיים.

עס איז שוין באַלד אַ יאָר אַוועק און איך האָב אים נאָך נישט געזען. איך ווייס אַפילו נישט וואו ער וואוינט און ווי ער הייסט; איך ווייס בלויז, אַז ער איז געווען יונג און שיין און געהאַט רחמנות אויף מיר, ווייל איך בין אַ יתומה. יאָ, איצטער זע איך ערשט, אַז רחמנות האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון ליבע.

אָבער אין יענער הייסער רגע האָב איך נישט געוואוסט, אַז ער האָט רחמנות אויף מיר.

איך האָב דאָס אָנגענומען פאַר ליבע, און מיט דעם געדאַנק טראָג איך זיך נאָך היינט אַרום, כאָטש איך ווייס, אַז איך בין געווען פאַרפירט פון שיינע רייד.

אָפטמאָל, ווען איך פאַרמאַך די אויגן און איך טראָג זיך אַריבער אין יענעם אָרט, פיל איך נאָך אַמאָל זיינע פינגער אויף מיין לייב און איך לעב נאָך אַמאָל איבער יענעם ציטער, וואָס מאַכט פאַרגעסן אָן אַלע געפאַרן.

יענע נאַכט האָט זיך איינגעקריצט אין מיין געדאַנק. ווי אַ גע-מיש פון גליק און אומגליק. דעם סוד ווייסט קיינער נישט, אויסער איך, יענע שטילע נאַכט און ער.

איצט ערוואַרט איך פון אייך, אַז אויך איר זאָלט פאַרשליסן אין אייער האַרץ דעם סוד. זאָל מיין פאַרגאַנגענהייט בלייבן אויסגעמעקט

פון אייער זכרון. זאָלן מיינע ווערטער בלייבן אין אייער האַרץ פאַר־שלאָסן.

וואָלט ער זיך כאָטש א מאָל באַוויזן צו מיר, וואָלט איך מיין טרויער נישט געפילט אַזוי שטאַרק; וואָלט מיין אומעט אין פרייד פאַרוואַנדלט געוואָרן. מיר וואָלטן אפשר נאָך א מאָל איבערגע'חלום'ט דעם חלום.

אָבער איצט, ווען איך הער נישט פון אים — איצט איז מיין עלנד גרויס ווי די וועלט און טיף ווי דער ים.

וואָלט איך נישט זיין קיין יתומה, וואָלט איך דעם עלנד אַזוי שטאַרק נישט געפילט.

זינט יענער נאַכט, איז דער קוואַל פון מיינע טרערן געוואָרן טי־פער און מיין צער נאָך טיפער. זינט דעמאָלט האָט נאָך אין מיין אויג קיין פייערל נישט געלויכטן; האָט נאָך מיין האַרץ קיין איין ליד נישט געזונגען און מיין מויל האָט נישט געשמייכלט.

נאָר עס ציט מיך צו געוויין...

איך בין איינזאַם, ווי א יתומה קען נאָר זיין אין א פאַלשער וועלט.

און אויב עס טוט אַמאָל א שימער אויף פאַר מיר א שטראַל א ליכטיקער, ווערט ער באַלד פאַרלאָשן.

אויף דער שוועל פון מיין טיר לויערט דער טויט מיט זיין שאַר־פער קאָסע.

אָבער איידער איך שטאַרב, וואָלט איך נאָך געוואָלט הערן א גע־זאַנג פון גליק, א ליד פון פרייד.

און אונטער די לעצטע קלאַנגען פון דעם געזאַנג זאָל אַרויס פון מיין גוף די נשמה און אַרויפלאַטערן אין דער הויך אויף ווייסע פליגל און דאָרט, אין דער בלויער הויך, זאָל זי בלייבן אויף אַלע אייביג־קייטן.

אויב מיין לעבן קען נישט זיין שיין, זאָל כאָטש זיין שיין דער סוף פון מיין לעבן.

אומעטיקע נגונים

סוף זומער.

עפּעס ווערט קאַלעמוטנע, אומעטיק.

באַלד, באַלד און דער לעצטער פויגל וועט אוועקפליען און מיט־נעמען מיט זיך זיינע געזאַנגען.

און טרויריק וועט בלייבן דער וואַלד און דאָס פעלד, און טרויעריק וועט בלייבן דער גאָרטן און דער סאָד.

מיט'ן פויגל'ס לעצטן געזאַנג וועט אויך פאַלן דאָס לעצטע בלאַט פון בוים.

און באַווייזן וועט זיך דאָס ווייסע פרעסטל — דער אָנזאָגער פון ווינטער.

דאָס ווייסע סליחות־פרעסטל וואָס טוט אָן די אויסגעמוטשעטע גראָזן אין תכריכים.

קומט סוף זומער, הער איך פון אַלע אידישע פענסטער ארויס־ווינען חזנים.

איינער שרייט און וויינט: „הנשמה לך, והגוף שלך", אַ צווייטער יאָמערט מיט אַ יללה'דיקן קול: „אל תשליכנו לעת זקנה", און אַ דריטער וויינט און יאָמערט מיט אַ צובראָכן האַרץ: „אדם יסודו מעפר וספו לעפר"... מיר קומען פון דער ערד און גייען צוריק צו דער ערד...

אַ שיינע צוקונפט פאַר אונדז...

און אָט די אומעטיקע נגונים, דערמאָנען אייך, אז אייער לעבן איז נישט ווערט אַ גראָשן, אַז אָט זייט איר דאָ און אָט זייט איר דאָרט.

און נישט ווילנדיק דערמאָנט איר זיך אָן אייער אַלטער היים, אָן אייער שטעטל, וואו אייער וויגל איז געשטאַנען. די אַלע יאָרן וואָס איר האָט אָפּגעלעבט, ווערן אָפּגעווישט ווי גאָר נישט געווען; איר זעט זיך אַלס אַ קליין אינגעלע ביי אייער טאַטן אין אָרים שטיבל.

עס קומט אין דער היים סליחות־צייט. די קאַלטע ווינטעלעך בלאָזן אַזוי בייז, אַזוי אָן־רחמנות; דאָס זיינען די אלול־ווינטעלעך וואָס וואַרפן אָן אַ פּחד.

נישט פריילעכע בשורות זאָגן זיי אָן, די דאָזיקע ווינטעלעך.

אָט, אָט רוקט זיך אונטער ראש־השנה און יום־כפור, דריי מוראָ'דיקע טעג.

דאַכט זיך, אַז אייער אָרימקייט, אייער נויט, האָט אייך נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו זינדיקן, איר האָט געדאַנקט גאָט, אַז איר האָט געהאַט אַ טרוקן שטיקל ברויט, און דאָך — און דאָך דאַכט זיך אייך, אַז איר האָט געזינדיקט... און דאָ קומט דער יום־הדין, דער טאָג ווען גאָט וועט אייך משפּט'ן.

איך דערמאָן זיך:

איך בין מער נישט אַלט ווי 16 יאָר. מיר וואוינען אין אַן אַלט איינגעפאַלן שטיבל. דאָס שטיבל געפינט זיך אין אַן אַלטן גאָרטן. דאָס שטיבל מיט'ן גאָרטן זיינען נישט מיין טאַטנ'ס, עס געהערט צו אַ גוי. איך זע די בלעטער פאַלן אַרונטער, זיי פאַרלאָזן זייער היים, זייער בוים, זייער שטאַם.

און די בלעטער זיינען געל און רויט און צולעכערט.

קראַנקע בלעטער.

ס'איז סוף זומער — דער ווינטער קומט... אַזוי איז געוועזן פאַר אַ־יאָרן, אַזוי איז דאָס יאָר, אַזוי וועט זיין אין אַ יאָר שפּעטער, אין מיליאָנען יאָר שפּעטער.

איז דאָס דער תכלית? צו וואָס וועט עס פירן? אַך, ווי אומעטיק עס ווערט!

עס גייט צו ווינטער, נישטאָ קיין וואַרעמע מלבושים, קיין גאַנצע שיך, קיין האָלץ, קיין האָפנונג, קיין גרייצער — גאָר נישט.

ווער וועט העלפן?

גאָט?

ווייסיך וואָס!

ער העלפט די רייכע, די גרויסע נגדים; זיי העלפט ער, כאָטש זיי האָבן שוין גענוג פאַר זיך, פאַר קינדער און אייניקלעך.

נעמט אָן אַזעלכע נגידים ווי ישראל טאַק, ישראל גרינעס. זיי האָבן שיינע, וואַרימע הייזער, גרויסע געשעפטן, אַ סך טויזנטערס,

טייערע קליידער, געזונטע ווייבער און קינדער — אַט זיי העלפט גאָט; אָבער די אָרימע לייט, וואָס האָבן נישט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקור־מען, אַט זיי גיט גאָט בלויז כח צו דאווגען אַ סך, צו פאַסטן תעניתים און זיך שלאָגן מלקות ערב יום־כפור און צו זיפצן.

און מיין טאַטע איז איינער פון די גרעסטע זיפצערס אין שטעטל.

אַ גאון אין זיין פאַך!

ער שטייט אומישנע אויף יעדן טאָג מיט צוויי שעה פריער, כדי ער זאָל קענען מער זיפצן.

איך דערמאָן זיך ווייטער:

ס'איז אַ פּאָר טעג פאר ראש השנה, איך שטיי אונטערן פענסטער פון אונדזער חזן ר' צדוק, איך הער זיך איין צו זיינע תפילות ווי ער זינגט זיי איבער מיט זיינע פיר קוויטשערלעך.

אַ האַלב שטעטל אידן שטייען אונטער'ן פענסטער און גאַפן...

אַ קליינינקייט אַזאַ זאָגער; אַזאַ ווײנער! ער ציט דאָך ארויס די נשמה מיט'ן געזונד, אי־אי־אי!...

איר הערט, ר' חיים, אַ „מי ברעב", אַ „מי בצמאַ", אַ „מי בחרב"? עס צוגייט אין איטליכן אבר... אַט דאָס הייסט אַ חזן!... נישטאָ קיין סך אַזעלכע צדוק'ס!

און אידן, וואָס מיינען, אַז זיי האָבן שטימן, כאַפּן איבער פון חזן זיינע תפילות. ווערן ווינטלעך נייגעריק, קומען זיי אויך צו פליען און נעמען אויף די תפילות אויף זייערע פליגל און פליען מיט זיי אוועק העט־ווייט...

און די בלעטלעך, וואָס האַלטן זיך נאָך אויף די ביימער, דאַכט זיך, הערן זיך אויך צו צום געזאַנג פון חזן.

איך קום צוריק אין הויז אריין. דער זעלבער אומעט, די זעלבע נויט, דער זעלבער זיפץ.

דער טאַטע גייט אום הין און צוריק איבער'ן שטיבל, די אַלטע יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, די באָרד צושויבערט, די פאות ניט געקרייזלט.

און מיין ליבע גוטע מאַמע זיצט און קוקט אויפ'ן טאַטן, ער איז בלאַס, צוטראָגן, די הענט אויף הינטן און נאָר ער זיפצט... און וואָס צו טאָן איז נישטאָ — נישט זי קאָכט, נישט זי באַקט, נישט זי ראַמט אויף דאָס שטיבל, העלפט זי דעם טאַטן זיפצן.

זעען מיר, קינדער, אז די מאַמע זיפצט שוין אויך, העלפן מיר אויך אַרויס — אַ כאָר פון זיפצערס!

און נישט נאָר מיין טאַטע און מיין מאַמע און מיר, קינדער, זיפצן אַזוי, נאָר אַלע אָרימע לייט פונ׳ם שטעטל זיפצן; דאָס זיפצן איז אונדזער מוזיק, אונדזער געזאַנג.

מיר ווערן געבוירן מיט׳ן זיפץ און מיר שטאַרבן מיט׳ן זיפץ.

און ווידער קוק איך אַרויס אין דרויסן און איך זע גרויע כמאַרעס ציען .ווער ווייסט וואו זיי ציען?

און אַט פליט אַוועק דער לעצטער פויגל, און אַט וועלן אַרונטער די לעצטע רויטע בלעטער פון בוים, און אַט ווערט נאַכט און די קאַל־טע ווינטלעך קומען צו אונדז אונטער׳ן פענסטער. גנב׳ענען צו אונד־זערע זיפצן און טראָגן זיי אַוועק ווייט ,ווייט אין איינעם מיט׳ן אַלטן חזנ׳ס וויינענדיקע תפילות.

לידער נישט צום זינגען

פאַראַן אין אונדזער ליטעראַטור אַלערליי לידער: לידער, וואָס גראַמען זיך און וואָס גראַמען זיך נישט. וואָס מען קען זינגען און מען קען נישט זינגען, אין קורצע שורות און אין לאַנגע שורות, וואָס מען שרייבט אַליין און וואָס מען גנב'עט ביי אַנדערע דיכטער.

קורץ, עס זיינען פאַראַן אין אונדזער ליטעראַטור אַלערליי דיכ־טער און אַלערליי לידער.

אָבער אַזוי ווי איך בין נישט פון די געהויבענע דיכטער, וועל איך אייך נישט פאַרמוטשן מיט לידער וועגן בלומען און מיידלעך, די דאַ־זיקע טעמעס זיינען שוין אַזוי אַלט ווי דער ים. איך וועל אייך באַזינ־גען הענט און פיס און אויגן און אויערן.

וועט עס מיר געראָטן, איז אודאי גוט, טאָמער נישט, איז נישט; וועל איך האָבן גע'פּטר'ט אַ שעה צייט און פּאַרטיק.

טאָ לייגט, זייט מוחל, אַלץ אַוועק אָן אַ זייט און הערט זיך איין צו מיינע געזאַנגען.

צוערשט אַ ליד צו מיינע הענט:

הענט מיינע, הענט! וואָס פאַר אַ וואונדער איך האָב שוין באַ־וויזן מיט אייך. אַלץ אין דער וועלט קענט איר, אַ לעבן אויף אייך:

איר קענט דערלאַנגען פּעטש ווען מען דאַרף און וואו מען דאַרף.

איר קענט מיט אייערע פינגער מאַכן פייגן און צערטלען אייער פרוי און שלאָגן די קינדער יעדן זונטאָג נאָך זונען־אונטערגאַנג. איר, מיינע הענט, קענט שרייבן לאַבעדיקע און ווייטעדיקע זאַכן. איר האָט שוין געשריבן לידער, סקיצן, פעליטאָנען, קאָמעדיעס, אָפּערעס, ליבעס־בריוולאַך און — וואָס נישט?

איר האָט שוין געשריבן טשעקס, וואָס די באַנק האָט נישט גע־וואָלט אויסצאָלן. איר האָט שוין געריסן צווייגן אין די שטאָטישע

גערטנער, פּרוכטן פון פּרעמדע בוימער, געשעפּט וואַסער פון קילע קוואַלן און צוגענומען גוטע ביכער ביי גוטע פרייַנט און נישט אָפּגעגעבן.

הענט, מיינע הענט! איר האָט זיך שוין אַ סך מאָל אויסגעשטרעקט און נדבות געבעטן און נישט באַקומען.

אַך, מיינע הענט, מיינע וואונדערליכע הענט, מיינע טייערע הענט!

איר זייט ווערט, מען זאָל אייך אָפּוועגן מיט גאָלד, זייט איר ווערט, ווי איך בין אַ איד!

איצט, מיינע ליבע, מיינע טייערע לעזער, וועלן מיר אייך באַזינגען מיינע פּיס:

פּיס, מיינע אויסגעמאַטערטע פּיס! איר זייט שוין געווען אין אַלערליי שיך: אין ענגע, אין גערוּמע, אין גאַנצע, אין צוריסענע; איר האָט שוין געטאָפּטשעט אין טיפע בלאָטעס, אויף גרינע לאָנקעס, אין טעאַטערס און קאַבערעס, אין טענעמענט־הייזער; געגאַנגען צו לעקציעס, צו קאָנצערטן און מאַסנפאַרזאַמלונגען.

איר האָט שוין געהאַט אויף זיך גרויסע און נאָך גרעסערע היינעראויגן; אייך האָבן שוין טויזנטער מאַסקיטאָס געביסן; איר האָט שוין אויסגעמאַרשירט אַ וועלט מיט מיילן; איר האָט זיך שוין נאָכגעשלעפּט נאָך אַ סך וועגן און נאָכגעלאָפן הונדערטער בעלי־חובות.

מען האָט שוין געטראָטן אויף אייך מיט אַנדערע פּיס; פּרויען זיינען אייך אַריבערגעפאָרן מיט זייערע קינדער־וועגעלעך און געלאַכט פון אייער ווייטאָג.

און איצט אַ ליד צו די אויגן:

אַך, מיינע טייערע, אָרימע, שוואַכע און דאָך הימל־בלויע אויגן:

איך ליב אייך, איך באַזינג אייך, ווייל איר האָט געהאַט שכל געבוירן צו ווערן אין אַ קליין אידיש שטעטל ביי די פּיס פון די קאַרפּאַטן־בערג. דאָרט האָט איר זיך צוערשט געעפנט.

אויגן, מיינע אויגן!

איר האָט שוין געזען בליענדיקע דערפער און פאַררויכערטע שטעט; אָרימע כאַטקעס און שיינע פּאַלאַצן. איר האָט שוין געזען לויפנדיקע טייכן און שטילע וואַסערן, באַהאַלטענע צווישן גראָזן.

איר, מיינע אויגן, האָט שוין געזען טויזנטער בעטלער בעטלען ברויט און טויזנטער רייכע זיך באָדן אין שאַמפּאַניער.

אויגן מיינע, בלויע, האלב־פארלאָשענע אויגן, ווי העל האָט געברענט אין אייך דער ערשטער יוגנט־חלום; אַ חלום, וואָס האָט זיך געשפּונען לאַנגע, לאַנגע יאָרן, ביז דער חלום איז צורונען געוואָרן.

אויגן מיינע!

אַמאָל האָבן געפלאַקערט אין אייערע בלויע היילן ליכטיקע פייערן פון ליבע, פון גליק, פון אַ וועלט, וואָס דאַרף קומען; אַ וועלט פון שלום, פון יושר.

אויגן מיינע!

פון אייך האָט אַמאָל אַרויסגעזונגען אַ ליד פון בענקשאַפט נאָך עפּעס, וואָס לאָזט זיך נישט ערקלערן מיט ווערטער. איר האָט שוין געזען מענטשן מיט גליק און אומגליק; מיט געלעכטער און טרערן; זי־גער און באַזיגטע. מענטשן, וואָס פאָרן צו שמחות און וואָס קומען פון לויות; מענטשן אין וואונדן און מענטשן אין בריליאַנטן.

מענטשן, וואָס זיפצן זייער לעבן לאַנג, און מענטשן, וואָס הערן נישט אויף צו לאַכן פון די וואָס זיפצן.

איר האָט שוין געזען בערג, וואָס זייערע ווייסע שניי־קעפּ גרייכן די וואָלקנס און טיפע אָפּגרונטן, וואו עס הערשט דער קעניג פון טויט.

אָך, מיינע בלויע וואונדערליכע אויגן, איר האָט שוין צופיל גע־זען, גענוג!

דאָס לעצטע ליד געהערט מיינע אויערן וואָס הערן שוין צענדלי־קע יאָרן:

איר האָט שוין געהערט דאָס געזאַנג פון פויגל און דאָס בילן פון הינט; דאָס רוישן פון ווילדע וואַסערן און דאָס פייפן פון ווינטן; די גרעסטע סימפאָניעס און די ביליקסטע „דזשעז"; דאָס געלעכטער פון גליקלעכע קינדער און דאָס געוויין פון עלנדע יתומים; דאָס געזאַנג פון מעטראַזיני און דאָס שעלטן פון מאַרק־אידענעס.

וואָס האָבן שוין מיינע אויערן נישט געהערט?

אָט די לידער זיינען געשריבן געוואָרן נישט צום זינגען.

שוועסטער מיינע

שוועסטער מיינע!

איך פארצייכן די דאַזיקע בלעטלעך מיינע אין מיינע בליהענדיקע טעג...

אין מיינע טעג פון פרייד, אין די טעג, ווען דאָס הארץ מיינס איז שטארק פארליבט, ווען מיין געליבטער רעדט צו מיר אין דער שפּראַך פון לידער.

אין אַ לשון פון בלומען.

שוועסטער מיינע!

איך רעד צו די שוועסטער, וואָס האלטן אַז די ליבע איז אַ זיכערער ארטיקל. צו אייך זאָג איך: די ליבע איז נישט מער ווי אַ זייפןבלאָז: שיין, רויט, געל, גרין, גאָלדיק, אָבער פון קלענסטן ווינטעלע, פון מינדסטן שטויבעלע פּלאַצט עס. עס איז אַן אויסגעחלום׳טער חלום. עס איז בלויז אַ שאָטן פון אַ שיינעם חלום, וואָס מיר דענקען, אַז מיר חלום׳ען.

שוועסטער מיינע!

איך האָב אין מיין לעבן אַ סך ביכער געלייענט; גוטע ביכער פון גרויסע דיכטער.

אין איין בוך גיט דער שרייבער איבער אַ לעגענדע פון אַ געוויסן פאָלק.

די לעגענדע איז וועגן ליבע:

אויף אַ הויכן בארג פון ווייסן שטיין ווי עלפּענביין, איז געשטאַנען אַ פּאסטוך און ארונטערגעקוקט אין אַ טאָל. אין טאָל איז געלאָפן אַ טייך; ביים טייך איז געשטאַנען אַ מיידל אַ נאַקעטע, ווי די מאַמע האָט זי געהאַט; אירע קליידער זענען געווען די שטראַלן פון דער זון. דער פּאסטוך האָט זי גערופן צו זיך אויפ׳ן בארג: „קום צו מיר, טייערע, קום; איך ליב דיר אַזוי ווי דו ביזט; קום!״

האָט זי געענטפערט: „אויב דו ליבסט מיר, קום אראָפּ צו מיר".

האָט ער זיך פון בארג ארונטערגעוואָרפן. אָבער ארונטערגעקומען איז ער נישט קיין לעבעדיקער; דער באַרג איז געווען אין גאַנצן באַשפריצט מיט דעם הייסן בלוט פונ׳ם פארליבטן פאַסטוך.

עס איז שוין אַוועק זייט דעמאָלט אַ סך יאָרן און דער צייכן פון בלוט איז נאָך דאָ. קיינע רעגנס האָבן דאָס בלוט נישט געקאָנט אָפּוואַשן. אָט דאָס, שוועסטער מיינע, איז די לעגענדע. אָבער אין אמת׳ן לעבן זענען נישטאָ אַזעלכע פאַסטיכער; אַזעלכע אויפריכטיקע יונגע לייט.

איך דערמאָן זיך: איך בין געווען ווייט־ווייט פון מיין היים, פון מיינע עלטערן. איך האָב געהונגערט, געליטן די שטאַרקסטע ליידן, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין אַ גרינעם גאָרטן און געוויינט — געוויינט מיט הייסע טרערן.

איז אונטערגעקומען אַ יונגערמאַן, אַ קוק געטאָן אויף מיינע בלאָנדע האָר, מיר אריינגעקוקט אין די בלויע אויגן, באַטראַכט מיין קערפּער און באַשלאָסן: אַז ער מעג זיך זעצן לעבן מיר; עס וועט אים חלילה, גאָר נישט שאַדן. איך זיץ אַ פאַרבענקטע, אַ הונגעריקע, אַ נישט־אויסגעשלאָפענע. און ער נעמט מיך באַוואַרפן מיט אַ בלומען־שפּראַך; מיט פּאָעטישע ווערטער: „אייערע האָר זיינען ווי גאָלד, אייערע אויגן ווי צוויי בלויע טייכעלעך, אייערע ציין ווי פּערל פון ים, אָט אַזאַ מיידל ליב איך, אַזאַ מיידל וויל איך האָבן..."

פון זיין מויל האָט זיך געגאָסן גאָלד און גאָלד; גאַנצע טייכן גאָלדענע!

און דאָך, און דאָך, האָב איך פאַר דעם גאַנצן גאָלד נישט געקאָנט קויפן קיין שטיקל ברויט צו שטילן מיין הונגער.

ווען דער נאַרישער יונגערמאַן גיט מיר פאַר דעם גאַנצן באַרג גאָלד איין גאָלדן רענדל, וואָלט עס מער ווערט געהאַט פאַר מיר.

אָט אַזוי זיינען זיי, די נאַרישע יונגע לייט. זיי גיבן אַ סך גאָלדענע ווערטער, לידער און בלומען, קושן מיט קאָמפּלימענטן, נאָר נישט קיין ברויט.

דאָס וואָס עס קען אייך זעטיקן, אייך מאַכן גליקליך, דאָס קריגט איר נישט פון זיי.

און דער געליבטער האָט מיר געלאָזן אַן אויסגעהונגערטע, אַ פאַר־שמאַכטע אין גאָרטן און אין אַוועק.

אַך, ווי איך האָס זיי, די דאָזיקע יונגע לייט! אָדער זיי קומען צו פרי, אָדער צו שפּעט; קיין מאָל נישט אין דער ריכטיקער צייט!

אפשר האָבן זיי גאָר הנאה פון אונדזערע ליידן? פון די יונגע לייט וואָס באַוואַרפן אייך מיט גאָלדענע ווערטער און בלומען און לי־דער, פון זיי קענט איר „גאָרנישט ערוואַרטן! ברויט זיכער נישט; זיי זוכן דאָס ברויט ביי אייך; זיי ווילן, אַז איר זאָלט זיי שטילן דעם הונגער...

זיי זיינען ווי בינען: זיי פליען פון בלום צו בלום, זויגן אויס דעם האָניק און פליען זוכן אַנדערע בלומען...

שוועסטער מיינע!

דער ערשטער יונגערמאַן איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אָפּ־געטויט אין מיר דעם גלויבן אין ליבע; ער האָט מיך געלאָזט צופיל ליידן; מער ווי אַ מיידל'ס האַרץ קען אַריבערטראָגן.

ווען איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב אַמאָל מיט מיינע ליפּן באַ־רירט זיינע, ווער איך רויט פאַר שאַנדע. עס ווערט מיך אייביק, אייביק פאַרדריסן, ווייל איך ווייס, אַז אין אַ שעה שפּעטער האָט ער געבעטלט אַ קוש ביי אַן אַנדער מיידל.

איין מאָל זאָגט ער צו מיר: „פאַר וועמען האָלסטו דיין וואַרעם האַרץ? שענק עס מיר אַוועק".

„וואָס־זשע וועל איך האָבן דערפון?" — האָב איך געפרעגט.

„וועל איך באַזיצן אַ וואַרעם האַרץ" — האָט ער געענטפערט.

איר הערט? ער וויל בלויז מיין האַרץ, אָבער זיין האַרץ דאַרף ער פאַר זיך; זיין האַרץ וועט ער מיר נישט געבן.

שוועסטער מיינע!

דעמאָלט ווען איך האָב אים געשאָנקען דעם ערשטן קוש, האָב איך אים נאָך נישט געקאָנט אַזוי גוט; איך האָב נאָך דעמאָלט זיך אַליין נישט געקאָנט.

מער האָט ער זיך נישט באַוויזן, כאָטש ער האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל וואַרטן אויף אים אין זעלבן גאָרטן, מאָרגן אין דערזעלבער צייט.

איך האָב געוואָרט פון זומער ביז אָסיען, ביז די לעצטע בלעטער זענען אַרונטער פון די בוימער; ביז דער לעצטער פויגל איז אַוועק; ביז גרויע כמאַרעס זענען איבער מיין קאָפּ געהאַנגען — ביז דעמאָלט האָב איך געוואָרט אויף אים און ער איז נישט געקומען.

אַזוי צו שפּילן זיך מיט יענעמ'ס ליידן דאַרף מען קענען.

און זיי קענען עס!

איך האָב שוין געטראַכט פון זעלבסטמאָרד. איך האָב געוואָלט אַוועק פון דער וועלט דורך אַ הינטער־טיר, אָן אַ זיי־געזונט, אָבער איך האָב זיך באַרעכנט: ניין, די וועלט איז אַזוי שיין, און דאָס לעבן אַזוי קורץ, און איך בין אַזוי יונג, און דאָס האַרץ איז פול מיט פאַרלאַנגען, מיט חלומות. אפשר וועט כאָטש איין חלום מיינער מקוים ווערן.

בין איך געבליבן לעבן און איך לעב און איך וואַרט אויף דעם חלום...

אין שפּיגל האָב איך מורא צו קוקן: איך האָב מורא, טאָמער וועל איך דערזען אַ גרויע האָר...

באַהאַלטענע שונאים

זיך שלאָגן מיט אַ שונא איז אָפּט מאָל געשמאַק, זיס.
עס ווילט זיך דעם שונא באַזיגן; אים ווייזן ווער ער איז.
אָבער אָנפירן אַ קאַמף מיט'ן ווינט — איז נישט פאַר מיינע כחות.

איך בין נאָך נישט, דערוויל, קיין אידיאָט, קיין דאָן־קיכאָט, קיין ווילדער משוגענער. מיט ווינטן האָב איך זיך פיינט צו שלאָגן! גיי, הויב אַ האַנט אויף אַ פּוסטע זאַך אויף אַ גאָר נישט!

וועט איר דאָך פרעגן:

וואָס האָב איך צו די ווינטן? וואָס האָבן זיי מיר געטאָן פאַר אַ שלעכטס?

וועל איך אייך טאַקע שוין ענטפערן:

ביי מיר אין הויז איז געווען פינסטער, חושך; די זון איז שוין לאַנג געווען פאַרגאַנגען אין רויטע פלאַמען — אין איר אייגן בלוט.

איז אָנגעקומען אַ נאַכט, אַ לאַנגע, אַ פינסטערע, אַ נאַסע, אַן אומעטיקע.

אַלע נעכט זיינען אומעטיק.

פריילעך זיינען בלויז די טעג.

און זיצן אין דער פינסטער האָב איך פיינט; נאָך מער ווי פיינט.

ווען עס הערשט פינסטערניש, קענט איר נישט טרעפן דעם גלייכן וועג, קענט איר נישט לייענען קיין בוך, קיין צייטונג; קענט איר נישט זען קיין מענטשן: זייט איר בלינד.

און טאַפּן אין דער פינסטער האָט קיין זין נישט; מען קען גע'הרג'עט ווערן.

הקיצור, איך בין דער גרעסטער שונא פון פינסטערניש, פון נאַכט.

און די נאַכט איז געוואָרן שווארצער און גערדיכטער.

זאָגט מיין קלוגע ווייבל צו מיר: „צינד אָן אַ ליכט, וועט ווערן ליכטיקער; נישט גאָר ליכטיק, אָבער אַ ביסל ליכטיקער".

קיין גאַז און עלעקטריק איז נאָך דעמאָלט נישט געווען, אפילו נישט קיין לאָמפּן. איך דערציי איך די מעשה פון אַלטע, פינסטערע צייטן.

בלויז חלב'נע ליכטלעך האָבן דעמאָלט עקזיסטירט און שוועבעלעך.

— איך ווייס נישט וואו דאָס ליכט געפינט זיך — האָב איך געזאָגט צו מיין קלוגער פרוי — אום צו געפינען דאָס ליכט מוז איך פריער האָבן אַן אַנדער ליכט.

האָט מיר מיין ווייבל דערלאַנגט דאָס ליכט. איצטער דאַרף איך אַ שוועבעלע, זאָג איך צו מיין ווייבל.

האָט זי מיר דערלאַנגט אַ שוועבעלע.

איצטער, זאָג איך, נאָדיר דאָס שוועבעלע מיט'ן ליכט און צינד עס אָן.

— און דו האָסט מורא?

— ניין, אָבער איך האָב מורא, אַז דער ווינט וועט דאָס ליכט פאַרלעשן.

איך האָב פיינט ווינטן וואָס לעשן אויס ליכט.

ס'פענסטער איז אָפן און פאַרמאַכן עס קען איך נישט, ס'האָט זיך עפּעס פאַרהאַקט און עס פאַרמאַכט זיך נישט.

רייבט מיין ווייבל אָן דאָס שוועבעלע און נעמט אָנצינדן דאָס ליכט.

קומט דער ווינט און לעשט עס אויס. בלייבן מיר ווידער אין דער פינסטער.

און מער ווי דאָס איין שוועבעלע האָבן מיר נישט געהאַט.

איז מיין פרוי געוואָרן בייז אויף'ן ווינט.

און איך האָב געלאַכט: ס'איז אַזאַ סאָרט ווינט, וואָס האָט פיינט ליכט.

די דאָזיקע ווינטן ווערן ערנערט און געזעטיקט בלויז פון אויסלעשן ליכט.

פינסטערע ווינטן!

און זיך שלאָגן מיט זיי, איז נאַריש, מען וועט זיי נישט!
איך ליב אַן אָפענעם שונא.

און מיר זיינען געבליבן אַ גאַנצע נאַכט אין דער פינסטער, זיך אָנגעזאָפּט מיט חושך, מיט אומעט.

ווען ס'איז געוואָרן טאָג און די זון האָט אירע גאָלדענע פעכערס אויסגעשפּרייט, בין איך מיט מיין ווייבל אַרויס אויף דער גאַס, באַגריסן דאָס ליכט.

איז געקומען אַ ווינט און אויפגעהויבן דעם שטויב און אַ זעמדל איז מיר אַריין אין אויג.

ווידער דער ווינט!

נאָר גיי קריג זיך מיט אים, גיי הויב אַ האַנט אויף אים, אַז דו זעסט אים נישט — אַ באַהאַלטענער שונא!

פאַראַן אַזעלכע בייזע ווינטן וואָס גלייכן שיטן זאַמד אין די אויגן.

זיי מאַכן אַ לעבן פון דעם; ס'איז זייער פּרנסה; זייער שטיקל ברויט...

זיי, די דאָזיקע ווינטן, קענען נישט ליידן ווען אַ מענטש קוקט אויף דער וועלט מיט ליכטיקע בליקן.

אַמאָל קומט אַ בייזער ווינט און רייסט אַרונטער אַ דאַך פון אַ הויז, אַ שילד פון אַ געשעפט, אַ קוימען פון אַ פאַבריק, מענטשן ווערן גע'הרג'עט, אָבער די בייזע ווינטן טאַנצן אין די גאַסן פאַר שמחה.

וואָס טויג אייך מער? אָט זיץ איך מיט מיין ווייבל אין אַ פּאַרק. ס'איז אַ זומער־טאָג, אַ הייסער, פון די ריכטיקע טעג.

זיצט זיך מיין ווייבל לעבן מיר און מיר ריידן אַזוי וועגן אונדזער יוגנד, וועגן אונדזער אַמאָל, ווען מיר זיינען נאָך נישט געווען פאַרקניפּט,... נאָך נישט געהאַט קיין קנייטשן אויפ'ן פּנים און „טרערן־קישנס" אונטער די אויגן.

ווען מיר זיינען ביידע אינאיינעם, אַלט געווען 40 יאָר, ווען מיר זיינען געזעסן אויף דער זעלבער באַנק, אין זעלבן פּאַרק, אויך אין אַ זונטיק־נאָכמיטאָג, און אויך אין אַ זומער־טאָג ווען אַלץ אַרום אונדז האָט געבליט.

און מיר ריידן אזוי וועגן אמאָל, אמאָל, און מיר דערמאָנען זיך מאָדנע זאכן, אינטערעסאנטע נארישקייטן.

- פלוצים ווערט א שטורם, דער הימל ווערט שווארץ און א ווינט נעמט ברעכן צווייגן פון ביימער און טרייבט אונדז ארויס פונ׳ם פארק.

איז מיין גוטע ווייבל געוואָרן בייז:

פארוואָס האָט אונדז דער ווינט ארויסגעטריבן פון פארק? וואָס האָט ער דערפון?

— גאָרנישט האָט ער דערפון — האָב איך געענטפערט — ער האָט פיינט ווען מענטשן האָבן פארגעניגן.

נאָר זיך שלאָגן מיט אזא ווינט, האָט נישט קיין זין; אז מען זעט אים נישט, אז מען ווייסט נישט וואו דעם קלאַפּ צו דערלאנגען.

„איך וועל זיך מיט באהאלטענע שונאים נישט שלאָגן" — זאָג איך.

מיין ווייסער קאָפּ

זינט איך בין גראָ געוואָרן, זינט מיין קאָפּ איז געוואָרן ווייס און מיינע אָרימע וואָנסעס באַפּרעסטלט, זינט די צייט האָט איינגעקארבט מיין געזיכט מיט טיפע קארבן, האָט די נארישע וועלט גענומען קוקן אויף מיר מיט רחמנות׳דיקע אויגן. אין יעדן בליק קאָן אין לייענען: „עט, ער גייט שוין בארג־אראָפּ; נאָך א יאָר, נאָך א יאָר. די היינטיקע מענטשן לעבן נישט לאנג. אז זיי דערציען ביז צו די 50 זיינען זיי צופרידן. ווער שמועסט, אז מען דערציט צו די 60, דער שעצט זיך גאָר גליקלעך".

אָט אזוי דיינקט די נארישע וועלט און זי גיט עס מיר צו פילן ביי יעדער געלעגנהייט.

קויף איך א קארפּעט אין הויז אריין, זאָגט צו מיר דער געשעפטס־מאַן: „דינגט זיך נישט, מיסטער, איר וועט שוין מער קיין קארפּעטס נישט קויפן; דער קארפּעט וועט אייך נאָך איבערלעבן. מיר גיבן אייך א גאראנטי אויף צוואנציק יאָר. אז איר וועט שוין ליגן מיט׳ן בייליס ארויף, וועט מען נאָך אַלץ טרעטן אויפ׳ן קארפּעט. טאָ מאַכט זיך נישט לעכערליך און דינגט זיך נישט און בעצאָלט דעם פּריין."

אָט האָב איך געלאָזן מאַכן א נייעם דאַך אויף מיין הייזל. בעט איך דעם אַרבעטער ער זאָל נישט זשאַלעווען קיין אַרבעט. ער זאָל מאַכן אַלץ גוט און שטאַרק, עס זאָל נישט דורכרינען; די ווענט זאָלן נישט פּלעקן.

לאַכט ער:

:ווי לאַנג נאָך וועט איר לעבן? נאָך א יאָר, נאָך א יאָר! א מענטש, ווען ער איז שוין אזוי גראָ ווי איר, דאַרף אַזעלכע זאַכן גאָר נישט אין זינען האָבן. דער דאַך וועט אייך איבערלעבן; — אייך און אייערע קינדער. זאָלן זיך די אייניקלעך זאָרגן. וואָס ווינציקער איר וועט זיך נעמען צום הארצן, אַלץ געזינטער פאַר אייך! אזא אַלטער

מענטש ווי איר, אַן אָפּגעלעבטער, דאַרף עסן און טרינקן און טאָן מענטשן טובות און געבן צדקה און העלפן די אָרימע, די קראַנקע, די וואָס קענען זיך אַליין נישט העלפן. איר שטייט דאָך שוין אין שאָטן פון קבר."

מיט אַ וואָך צוריק בין איך אַוועק אויף קאַנעל סטריט זיך קויפן אַ מאַנטל פאַרן ווינטער.

מעסט איך אָן עטליכע מאַנטלען, גוטע און גאָר גוטע און זייער גוטע. די זייער גוטע זיינען מיר, פאַרשטייט זיך, געפעלן. פרעג איך דעם פרייז. זאָגט מען מיר הונדערט טאָלער.

בלייב איך שטיין אַ געפּלעפּטער, ווייס נישט וואָס צו טאָן. אין געדאַנק לויפט מיר דורך: זעכציק טאָלער וואָלט איך געספּענדט. אָבער נישט הונדערט.

האָט אָפּנים דער סיילסמאַן פאַרשטאַנען וואָס איך טראַכט. זאָגט ער:

„ווען איר פאָלגט מיך, נעמט איר בעסער דעם ביליגערן מאַנטל. אמת, ער איז נישט אַזוי גוט ווי דער, אָבער וואָס דאַרפט איר זיך פאַרזאָרגן אויף עטליכע יאָר? איר זייט דאָך שוין נישט קיין יונגער מענטש, איר האָט שוין אַ ווייסן באַשנייעטן קאָפּ, אַ צוקנייטש געזיכט; איר גייט דאָך שוין אַביסל איינגעבויגן. וואָס דאַרפט איר זיך פאַרזאָרגן מיט אַזאַ גוטן מאַנטל? ווען איר לעבן, וועט איר זיך קויפן אַן אַנדערן; וועט איר, חלילה, שטאַרבן, וועט איר זיך באַגיין אָן אַ מאַנטל."

„איך גלייך אָבער דעם בעסערן" זאָג איך — „די סחורה איז בעסער, שטאַרקער, און עס פּאַסט מיר טאַקע."

„אויב איר קויפט אָט דעם בעסערן מאַנטל, וועט איר שוין קיין אַנדערן נישט דאַרפן קויפן."

איר הערט? איך וועל שוין מער קיין מאַנטל נישט דאַרפן קופן. דאָס וועט שוין זיין, הייסט עס, מיין לעצטער מאַנטל.

ס'איז פריילך צו הערן, אַיאָ?

אָבער דער וועלט אויף להכעיס קויף איך דוקא דאָס בעסטע און דאָס שענסטע! זאָל זי זען, די אידיאָטישע וועלט, אַז איך האָף נאָך אַ סך צו לעבן.

מיט אַ יאָר צוריק האָב איך בײַ מיר אין גאָרטן אײַנגעפּלאַנצט אַ פּלוימען־בוימל. לאַכט אַ שכן פון מיר:

„נאַרישער איד; איצט, ווען איר זײַט שוין גראָ און אַלט, פּלאַנצט איר אײַן אַ פּלוימען־בוימל? ווייסט איר ווי לאַנג עס געדויערט ביז מען דערזעט עטליכע פּלוימען? יאָרן געדויערט עס! איר וועט שוין זיכער פון דעם בוימל קיין פּלוימען נישט עסן! אויב איר גלייבט פּלוימען, קויפט מען זיך פּאַר צען סענט פּלוימען און פּטור! אַן אײַנפאַל פון אַ מענטשן, אויף דער עלטער פּלאַנצן פּלוימען־בוימלעך!”

איך האָב דעם שכן נישט געפּאָלגט און דאָס בוימל אײַנגעפּלאַנצט. ער איז געשטאַנען און געשמייכלט מיט אַ נאַרישעוואַטן שמייכל, און איך האָב זיך געטראַכט: אַ שיין פּנים וואָלט געהאַט די וועלט, ווען זי באַשטייט פון אַזעלכע שכנים! זי וואָלט אונטערגעגאַנגען אין איין טאָג צײַט.

„וואָס וועט זײַן, אַז ס׳בוימל וועט זיך נישט אָננעמען?” — פרעגט ער מיך.

„וועל איך עס אַרויסנעמען און אײַנפּלאַנצן אַן אַנדער בוימל.”

„ס׳איז נאַריש!”

„איך נעם די נאַרישקייט אויף זיך. הלואי האָב איך פּלאַץ, וואָלט איך אײַנגעפּלאַנצט עטליכע בוימלעך, אַ פּאָר עפּל־בוימער און אַ פּאָר קאַרשן־בוימער. איך ליב זייער אַ סאַד. ווען ס׳קומט אָנהויב זומער און די פרוכט־בוימער צעבליִען זיך אין ווייסע ראָזעווע בליטן קושן זיך מיט דער זון, און די בלויע הימלען לאַכן אַרונטער, און די ווינטלעך דערציילן לעגענדן —

„אַך, ווי איך ליב עס!”

„יאָ, ס׳איז גאַנץ שיין, אָבער פּאַר אינגערע מענטשן, נישט פּאַר מענטשן אין אייערע יאָרן. אַז מען פּלאַנצט איין בוימלעך אין דער יוגנט, קען מען נאָך דערלעבן זען ווי זיי בליִען, אָבער איר? איר וועט עס שוין נישט דערלעבן.”

אָט אַזוי באַהאַנדלט מיך די נאַרישע וועלט. אָבער דער וועלט אויף להכעיס פיל איך זיך גאָר נישט אַלט. איך בין כמעט ווי זיכער, אַז איך וועל נאָך פּאַרזוכן אַ פּאָר פּלוימען פון מײַן בוימל. איך וועל נאָך זען מיט מײַנע אויגן ווי ס׳וועט בליִען אין מײַן גאָרטן...

י. אַרלער

אין אַזאַ זומער־נאַכט האָב איך גענומען אַ שפּאַציר מיט זיך אַליין. איך גלייך תמיד נעמען אַ שפּאַציר מיט אָנשטענדיקע מענטשן. בין איך פאַרקראָכן אויף אַ זייטיקע סטעזשקע. ס'איז שטיל, אַ מחיה. און אָט באַגעגען איך אַ ווייבל פון מיינעם אַ חבר. מיר כאַפּן זיך אַרום ווי גאָט האָט געבאָטן. און איידער וואָס־ווען, האָט זי שוין אַריינגע־כאַפּט פון מיר אַ פּאָר הייסע קושן.

„איר קושט ווי אַ יונגער בחור!" — האָט זי באַמערקט — „נאָך הייסער, נאָר ברענענדיקער..."

דאָס איז געווען ערשט מיט דריי חדשים צוריק.

אירע ווערטער האָבן מיר באַוויזן, אַז איך מעג לאַכן פון דער נארישער וועלט. יאָ, איך בין נאָך יונג, און איך וועל נאָך וואונדער באַווייזן...

איך ווייס

איך ווייס מיין טייערע, איך ווייס, אז איך האָב דיך אָפּגענאַרט.

איך ווייס, אז דו האָסט צוליב מיר אַ סך אומרואיקע נעכט געהאַט, אז דיין פרייד איז פון מיר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סם.

איך ווייס אויך, אז איטליכעס וואָרט וואָס איך האָב גערעדט צו דיר איז געווען פאַלש, באַטריגעריש.

די טרערן, וואָס דיינע אויגן האָבן פאַרגאָסן, האָב איך אַרויסגערופן. אז דיין וואונד וואָס האָט זיך באַזעצט אין דיין האַרץ, האָב איך געמאַכט.

אָבער איך שווער דיר ביי אונדזער אַמאָליקער ליבע וואָס איז געווען אַזוי הייליק, אַז איך האָב נישט קיין שולד אין אַלע דיינע ליידן. איך האָב געליטן אַ סך מער און איך לייד נאָך ביז'ן היינטיקן טאָג!

וואָלט איך וויסן וואו דו ביזט, וואו דאָס לעבן האָט דיך פאַרוואָרפן, וואָלט איך געקומען צו דיר און אַרויפגעפאַלן אויף דיין האַלדז — וואָלסטו מיך בעסער פאַרשטאַנען.

דו וואָלסט זיך איבערציוגט, אַז די אַלע ליידן וואָס דו האָסט געליטן דורך מיר, האָב איך דיר פאַרשאַפט, ווייל איך האָב דיך צו שטאַרק געליבט.

איך האָב דיך געוואָלט אינגאַנצן האָבן פאַר זיך: אינגאַנצן! עס זעט אויס זייער מאָדנע.... ווי איז דאָס מעגליך, אַז מען זאָל פאַרשאַפן יסורים דעם וואָס מען ליבט אָן אַ גרעניץ? יאָ, עס איז מעגליך. וואָס שטאַרקער די ליבע, אַלץ שטאַרקער און טיפער די יסורים!

דאָס איז אַלע מאָל געווען אַזוי און אַזוי וועט עס בלייבן כל זמן יונגע הערצער וועלן זיך פאַראייניקן און זיך צונויפגיסן אין איין ליד.

אמת, עס שפּילט אויך אַרוים פון אַזאַ ליד אַ טראָפּן גליק, אַ פּעדימל פרייד, אָבערביידע זאַכן ווערן פאַרשאָטנט פון ליידן.

ליבע און ליידן זיינען צוויי אייביקע שותפים: „פריינט ביז'ן קבר אריין."

איך דערמאָן זיך אָן יענער צייט, ווען מיר זיינען נאָך געווען נאָענט איינער צום אַנדערן, ווען מיר האָבן נאָך גע'חלום'ט דעם זעלבן חלום און געזונגען דאָס זעלבע ליד, האָסטו מיר נישט איין מאָל געזאָגט, אַז אויב איך קום נישט אין צייט, אויב איך שמייכל נישט צו דיר, אויב איך בין נישט אַזוי הייס, פאַרשאַפט עס דיר יסורים.

איך האָב נישט איינמאָל געטראַכט פון נעמען זיך דאָס לעבן; די יסורים זיינען געווען שטאַרקער ווי דער חשק צו לעבן.

איך וועל דיר, טייערע, איצטער אויסזאָגן דעם סוד: איך בין שוין אפילו געשטאַנען איין נאַכט אויפ'ן ברעג פון האָדסאָן און געוואָלט אַריינשפּרינגען אין קאַלטן וואַסער און אַ סוף זאָל עס נעמען!

אָבער איך האָב אָפּגעמאַכט מיט זיך אַליין נאָך איין מאָל קומען צו דיר און דיר אַליין דערציילן, אפשר וועט דיין האַרץ ווערן וואַרעמער, דיין שמייכל וועט צוריקקומען און דיין וואָרט וועט מיך טרייסטן.

און אַזוי איז עס טאַקע געווען:

דו האָסט פאַרשטאַנען מיין געדאַנק און מיין האַרץ, און דו האָסט מיך אויפגענומען ליבליכער ווי פריער. דיינע אויגן האָבן געלויכטן מיט יונגע פייערן, און דיין שמייכל האָט אָנגעפילט מיין בלוט מיט גליק און פרייד און געזאַנג און אומרו.

דיינע ווייסע, איידעלע הענט האָבן אַרומגערינגלט מיין האַלז ווי דו וואָלסט געווען מיינע אַ געטרייע מוטער און איך דיין בן יחיד.

אָבער ווען דיינע ליפּן האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט מיינע — דעמאָלט, אין דער רגע, האָב איך געזען, אַז אַזוי קושן קען קיין מאַמע נישט.

בלויז יונגע הערצער, הייס־פאַרליבטע, קענען זיך אַזוי צונויפגיסן.

און באַלד נאָך דער סצענע ביזטו געוואָרן אומעטיק, דיין בליק פאַרכמאַרעט, דיין באַנעמונג קאַלט און דיין שמייכל פאַרלאָשן.

דיין פּנים האָט אויסגעדריקט די העכסטע ליידן און דו האָסט זיך צוואוויינט.

און אַז איך האָב געזען דיינע הייסע טרערן, האָט מיין האַרץ גענומען צאַפּלען מיט אַ מורא וואָס דאַרף ערשט קומען.

און איך האָב גענומען ליידן גלייך מיט דיר; אפשר נאָך שטאַרקער.

הייסט עס, אַז אונדזערעביידנס לײדן זיינען געבוירן געוואָרן פון דער גליקלעכער רגע, פון דער ליבעס־סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ פּאָר מינוטן פריער.

האָב איך דאָך רעכט ווען איך זאָג, אַז ליידן איז ליבע און ליבע איז לייה͏ן.

אפשר לעבסטו נישט מער און דו וועסט נישט פאַרנעמען מיינע ווערטער?

נאָר טאָמער ביזטו נישט געשטאָרבן, וואָלט איך געוואָלט הערן פון דיר און קומען צו דיר און זיך אויסוויינען פאַר דיר.

אָבער איין זאַך זאָג איך דיר: וואו דו זאָלסט נישט זיין, ווינטש איך דיר גליק.

אין מיין האַרץ וועסטו אַלע מאָל פאַרבלייבן איינגעקריצט; בלויז די צייט און דער טויט וועט אויסמעקן דיין נאָמען און דיין בילד און דיין ליבע פון מיין האַרץ.

טייערע! ערלויב מיר כאָטש צו חלומ׳ען פון דיר...

איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט

דאָס דאָזיקע בריוול האָב איך געפונען ביים ים:

„צו דיר, מיין טייערע פרוי, וואָס דו האָסט מיר פאַרלאָזן, שרייב איך די דאָזיקע ווערטער. נישט איך שרייב, נאָר איך גיס זיי אויס אויפ׳ן פּאַפּיר מיט טרערן אין די אויגן און מיט בלוט פון מיין אָנ־געוויטאָגט הארץ.

טייערע פרוי! איך רוף דיר: „טייערע״ כאָטש דו האָסט מיך פאַרלאָזן און אוועק מיט מיין גרעסטן שונא.

דו געדיינקסט? מיט אכט יאָר צוריק, ווען דו האָסט מיך צום ערשטן מאָל געזען, האָב איך נאָך לידער געשריבן; לירישע הארציקע לידער; און דו האָסט מיינע לידער געלייענט, געליעבט און געוויינט; אזוי שטאַרק האָבן זיי אַפּעלירט צו דיין הארץ, צו דיינע שטימונגען. און דו האָסט מיר געגומען שרייבן ליבעס־בריוו.

אין איין בריוול האָסטו מיר געשריבן: „איך בין היים פאַרליבט אין אייערע לידער און אויך אין דעם דיכטער וואָס שרייבט זיי; איך חלום נאָר פון אייך; און איך וועל זיין די גליקליכסטע אין דער וועלט ווען מיינע חלומות וועלן אויפהערן צו זיין חלומות, ווען איך וועל אייך קענען באַזיצן; אייך, נאָר אייך, אָן אייך וועט מיין לעבן אונטערגיין ווי עס גייט אונטער די זון הינטער די מערב־בערג. זאָגט מיר, אַז איר וועט זיין מיינער פאַר אַלע אייביגקייטן, און איך וועל זיין רייכער ווי די רייכסטע.״

אין אַ צווייטן בריוול שרייבסטו מיר:

„טייערער! אייער געדיכט „די הימל־בלויע אויגן״, האָב איך אפשר צען מאָל געלייענט; איך וויל זיך איינשמועסן, אַז איר האָט עס באַזונגען מיינע אויגן, ווייל איך האָב פון אייער מויל אַליין געהערט די זעלבע ווערטער.

„איר האָט עס מיר געזאָגט אין שטאָטישן גאָרטן, אויב איר גע־דיינקט; איר האָט מיך אַרומגענומען, אריינגעקוקט אין מיינע אויגן און זיך אויסגעדריקט: „אין אייערע בלויע אויגן האָבן זיך צוויי בלויע

הימלען אויסגעשפּרייט, מיט צוויי זונען אין די הימלען, אוןביידע זונען זינגען אַ זומערדיק געזאַנג צום זומער".

„דערנאָך האָט איר מיר די אויגן אויסגעקושט. איך וועל עס קיין מאָל נישט פאַרגעסן; אפילו נישט דעמאָלט ווען מען וועט אויף די בלויע אויגן לייגן שערבלעך".

איצט ביזטו, טייערע, אַוועק פון מיר; מיט מיין גרעסטן שונא ביזטו אַוועק.

ער איז נישט מער ווי אַ פּשוט'ער אָלרייטניק, אַ גראָבער יונג. ער האָט קיינמאָל אַ ביכל אין האַנט נישט געהאַלטן, קיין איין שורה נישט געשריבן.

איך וואָלט גיכער געגלויבט, אַז דער ים הגדול וועט אויסטריקענען, אַז די בערג וועלן פאַרשווינדן, אַז די זון וועט אויפגיין אין מערב און אונטערגיין אין מזרח, אַז אַלע רוישנדיקע טייכן וועלן אויפהערן רוישן, אָבער איך וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז דו, אַז דו — וועסט מיך פאַרלאָזן, מיך דעם דיכטער פון דיינע „הימל־בלויע אויגן", און אַוועק מיט אַזאַ גאָרנישט; מיט אַזאַ בורלאַק.

איז דען דיין נייער געליבטער געזינטער, שענער, רייכער, קליגער, עדעלער, מער באַקאַנט, מער פּאָפּולער?

וואו ליגט דאָ דער שליסל צו דעם גרויסן סוד?

איך שלאָף נישט קיין נעכט. איך ליג און טראַכט. איך וויל זיך די זאַך קלאָר מאַכן; געפינען די אורזאַכע פון דיין פאַרלאָזן מיך. אָבער איך געפין קיין זאַך נישט. פאַרקערט: איך דערמאָן זיך, אַז אַ נאַכט פריער זיינען מיר ביידע געווען אין דער אָפּערא, מיר האָבן געזען „קאַרמען" און מיר זיינען ביידע געווען ענטציקט. דו ביזט די גאַנצע צייט געזעסן נאָענט צו מיר און שטומערהייט האָסטו מיטגע־שפּילט מיט דער הויפּט העלדין. אויך דיינע בלוטן האָבן יענע נאַכט געקאָכט אַזוי היים ווי ביי דער העלדין פון „קאַרמען".

און אויף מאָרגן האָסטו מיך פאַרלאָזן. ווי אַזוי קען מען אַזאַ זאַך ערקלערן?

און אויב דו געדיינקסט, האָסטו מיר די לעצטע נאַכט מער גע־קושט און מער געהאַלדזט ווי אַלעמאָל.

אזוי געזעגענען זיך מיט א מאן דארף מען קענען; אזוי שפילן א ראָלע דאַרף מען זיין אַ גרויסע אַרטיסטין; אַ צווייטע סאַראַ בערנאַרד.

קושן און האַלזן אַ מאַן אַזוי פייערדיק, און בשעת מעשה שטיין מיט איין פוס, און אפשר טאַקע מיט ביידע פיס, אויף יענעם זייט טיר — דאָס קען נאָר אזאַ פרוי ווי דו.

דו ביזט אפשר איינע פון הונדערט טויזנט; און — אפשר נישט...

ווער קען אריינקריכן אין אייערע הערצער, ווער קען זיך אריינגריבלען אין אייערע נשמות וואָס זיינען פאַרשלאָסן מיט טויזנט שלעסער און די שליסלען זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען?

איך וואָלט עס אויף דיר קיינמאָל נישט געגלויבט! קיינמאָל נישט!

מיין נישט, אַז עס אַרט מיך, פאַרקערט: איך בין נאָך צופרידן. מחמת איך האָב דעם זעלבן טאָג שוין געהאַט ביי מיר אין הויז מיין אַלטע געליבטע, די וואָס דו האָסט אַזוי פיינט.

זי איז איצט ביי מיר אין הויז, און ווי דאָס הארץ זאָגט מיר, וועט זי שוין פאַרבלייבן. סיידן... זי וועט מיך אויך פאַרלאָזן מיט מיינעם אַ שונאַ. און שונאים, ווי דו ווייסט, האָב איך גענוג.

איך וויל האָפן, טייערע, געוועזענע פרוי מיינע, אַז דו וועסט מער נישט צוריק־קומען צו מיר.

דיין געוועזענער געליבטער,

יוסף״.

אין פּאַרק

אַ פרילינג־מאָרגן אין פּאַרק.

אויפגעשטאַנען איז די זון היינט אַ פריילעכע, אַ זינגענדיקע, און אַז די זון זינגט, איז אַ לעבן אויף דער וועלט; איז אַ מחיה! פון זונען־געזאַנגען צובליען זיך ביימער און גערטנער און אַלע גראָזן אויף דער ערד. פייגל צופליען זיך אין אַלע ווינקעלעך פון פּאַרק און זיי העלפן אַרויס זינגען דער זון דאָס געזאַנג פון פרילינג און דעם אָנקומען פון זומער.

איך זיץ אין פּאַרק נישט אַליין, מיט מיין אייגן ווייב זיץ איך.

זי קוקט אויף דער ערד און איך קוק אין דער לופטן; זי זעט גרעזד־לעך, יונגע, ערשט אַרויס אויף דער וועלט; און איך זע פויגל און יונגע בלעטער, פריש און גרין.

איך טראַכט פון לידער און זי טראַכט וואו מען נעמט עטליכע טולער אויף אַ נייע קלייד. אַלע אירע באַקאַנטע טראָגן שוין נייע קליי־דער און זי טראָגט נאָך די אַלטע.

זי טראַכט: ווען זי האָט אַן אַנדער מאַן, נישט קיין שרייבער, וואָלט איר היינט גאָר נישט געפעלט.

איך טראַכט: ווען איך האָב אַן אַנדער פרוי, וואָס טראַכט אַנדערש ווי זי טראַכט, וואָלט זי איצט נישט געטראַכט וועגן נייע קליידער.

און אָט הויבט זיך אויף אַ ווינטל. איך וויים נישט פון וואַנען עס איז געקומען. וואו האָט עס גענעכטיקט און וואו עס האָט אַ היים, און עס טוט זיך אַ לאָז אַרונטער אויף דער ערד און טוט אַ כאַפּ אַ אידישע צייטונג און נעמט פליען מיט דער צייטונג משוגענער־ווייז איבער אַלע וועגן, ווי עס וואָלט געוועזן פּאַראינטערעסירט צו פאַר־שפּרייטן די אידישע ליטעראַטור — אַ ליטעראַריש ווינטל!

מיין ווייבל דערהערט דעם גערויש פון דער צייטונג, באַמערקט זי:

„דאָסווינטל מוז מאַכן אַ שיין לעבן. עס פּעדלט מיט צייטונגען, פּעדלט עס".

אָבער דאָס ווינטל הערט נישט וואָס מיין ווייבל זאָגט, און פּליט מיט דער צייטונג און לאָזט זי איבער אויף אַ צווייג פון אַ בוים.

די צייטונג האָט זיך גאָרנישט געריכט, אַז זי זאָל אַזוי דערהויבן ווערן.

און דאָס ווינטל איז נישט געוואָרן — ערגעץ נעלם געוואָרן, ווי קיין מאָל נישט געווען.

פרעגט מיך מיין ווייבל:

— וואו איז ערגעץ דאָס ווינטל?

זאָג איך: אַט לוינט זיך מיר טאַקע סטאַפּן אַ האַלבן טאָג און טראַכטן וואו דאָס ווינטל איז אַהינגעקומען. איך האָב אַנדערע זאָרג אויפ'ן קאָפּ. איבעריקנס, בין איך די לעצטע צייט ברוגז אויף אַלע ווינטלעך. איך רעד נישט מיט זיי...

— דו געדיינקסט אַזאַ טאָג מיט דרייסיק יאָר צוריק?

— ניין, זאָג איך.

— איך וועל דיך דערמאָנען: מיר זיינען דאַן געווען אין אַ דערפל, געדענקסט? אויף אַ הויכן באַרג; מיר האָבן דאָרט, אויף אַ גרויסן שטיין, פאַרבראַכט דעם טאָג. דעמאָלט האָסטו מיר דאָס ערשטע מאָל ליבע געשוואוירן. דער הימל איז געווען אַזוי בלוי און די וועלט אַזוי שיין, אַזוי גרין.

— נישט די וועלט איז געווען גרין, נאָר איך בין געווען אַ גרינער, זאָג איך.

— זאָל זיין אַזוי. אָבער דו געדיינקסט דעם טאָג?

— אַ נאַרישקייט געדיינקט זיך!

— דענקסטו, אַז דאָס איז טאַקע אַזאַ נאַרישקייט?

— קיין חכמה זיכער נישט; אפשר פון דיין זייט איז דאָס נישט געווען קיין נאַרישקייט, אָבער פון מיין זייט...

— געדיינקסט ווי דו ביזט געגאַנגען זוכן אַ וועג און דו ביזט פאַרקראָכן געוואָרן און נישט געקאָנט געפינען דעם וועג צוריק?

— וואָס קומט מיר אַרויס, אַז איך האָב דאָך געפונען דעם וועג

און צוריקגעגאַנגען צו דיר. אַז ס'איז באַשערט אַן אומגליק, קען מען זיך נישט אַרויסדרייען.

— איך וועל דעם טאָג קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

— איך אודאי נישט.

— האָסט חרטה?

— וואָס קומט מיר אַרויס פון מיין חרטה, אַז ס'איז שוין דרייסיק יאָר אַריבער. דרייסיק יאָר!

— לאָמיר ריידן פון פריילעכערע זאַכן.

— ווער לאָזט דיר נישט?

— באַטראַכט דעם פּאַרק. איצט איז ער כמעט פּוסט. אָבער ביינאַכט איז ער פול מיט פּאָרלעך. די לופט איז דאָ פול מיט ליבעס־ווערטער, מיט זיסע רייד און נאָך זיסערע קושן. יעדע באַנק איז אָנגעזאַפּט מיט פאַלשע ווערטער און אמת'ע טרערן; איטליכער בוים איז שוין טויזנט מאָל געווען אַן עדות צו אַ פאַלשן ראָמאַן מיט פאַלשע ווערטער. דאָ גייט מען אַריין אַ גליקלעכער און מען גייט אַרויס אומגליקליך; און אַמאָל טרעפט פּאַרקערט. אָבער זייער זעלטן. פון וואַנען איך ווייס די אַלע זאַכן? איך האָב אָפענע אויגן און אָפענע אויערן: איך זע און איך הער. ווען דו ביזט אַרומגעפאָרן איבער'ן לאַנד, פלעג איך כמעט יעדע נאַכט אַהער קומען. האָב איך געהאַט אַ סך „עקספּירענס”. אַ סך מענער האָבן מיך אָנגענומען פאַר אַ מיידל. איך האָב זיי געוויזן מיין „וועדינג־רינגל”, אָבער זיי האָבן נישט געקוקט אויף דעם; זיי האָבן מיר געמאַכט קאָמפּלימענטן.

אין די דריי וואָכן, וואָס דו ביזט נישט געווען אין דער היים, האָט מען מיר געמאַכט אָט דאָ, אין דעם פּאַרק, זעקס פאָרשלאָגן וועגן חתונה האָבן און פיר פון די זעקס האָבן געוואָלט פרייע ליבע, גלאַט אַזוי.

אָט אַזוי האָט מיין ווייבל גערעדט און מיר דערציילט די גרויסע גליקן וואָס ליגן באַהאַלטן אין דעם פּאַרק.

זי איז געקומען צו מיר

זי איז געקומען צו מיר מיט א שמייכל אויף די ליפּן, מיט א שטראַל אין די אויגן, מיט אַ ליד אין אירע בלוטן און מיט אַ שוואַרצן רענצל אין האַנט. איך האָב איר געגעבן אַ שיינע היים, אַ ווייך געלעגער, פולע בעכערס מיט אמת׳ע ליבע.

איך האָב זי גערופן: „טייבעלע״ און זי מיך האָט גערופן אין — דער אַפּערא. און איך בין געגאַנגען וואו זי האָט מיך גערופן. איך בין געגאַנגען וויל... ווייל... די אויגן אירע האָבן באַלויכטן מיין וועג מיט זייער פייער; ווייל... דער שמייכל פון אירע ליפּן האָט מיך באַצויבערט; ווייל דאָס ליד פון אירע בלוטן האָט מיך געמאַכט יונג.

דאָס לעבן איז ווערט געוועזן דאָס לעבן; דער הימל איבער מיר איז אַלע מאָל געוועזן לויטער און בלוי; איך האָב קיין מאָל נישט געזען קיין סימן פון אַ וואָלקן, אַ שאָטן פון טרויער.

די ליבע האָט געהערשט אין אונדזער היים, אין אונדזער קעניגרייך. מיר האָבן געלייענט ביכער פון אַלע גרעסטע דיכטער, פון אַלע טיפסטע דיינקער און פילאָזאָפן. אונדזער ביכער־זאַמלונג איז געוועזן די גרעסטע, די רייכסטע: אַריבער 15 הונדערט ביכער האָבן באַצירט אונדזערע ביכער־אַלמערס.

ווען מיר האָבן באַטראַכט די לעדערנע רוקנס פון די ביכער, באַצירט מיט גאָלדענע נעמען, האָבן מיר געזען נישט די ביכער, נאָר די גרויסע גייסטער, דיכטער, דיינקער, נביאים און מאַרטירער.

אונדזער אָרימע היים איז געווען אַ גן־עדן, אַ נעסט פון גליק.

אונדזערע הערצער האָבן געקלאַפּט מיט׳ן זעלבן ריטם, מיט׳ן זעלבן טאַקט און קלאַנג. אונדזער חלום איז געווען איין חלום, איין טרוים. אונדזער אידעאַל — איין אידעאַל; דער אידעאַל, פאַר אַ נייע וועלט, פאַר אַ פרייע וועלט. יעדער זיפץ פון אַן עלנדן האָט אַרויסגערופן אונדזערע זיפצן; יעדער טרער פון אַ פאַרשקלאַפטן, האָט אַרויסגערופן טרערן ביי אונדז.

איז דער ארבעטער ארוים מיט זיין פלאמעדיק ליד, האבן מיר מיטגעזונגען דאס ליד.

מיר זענען געווען צוויי מענטשן מיט איין הארץ, מיט איין נשמה.

קיין קינדער איז נישט געווען; מיר האבן נישט געוואלט זיין געשטערט אין אונדזערעליידן און פריידן.

מיר האבן געוואלט זיין פריי, פריי, פריי, פריי ווי אונדזערע געדאנקען, ווי אונדזערע געפילן.

און כדי דער אומעט זאל זיך אין אונדזער נעסט נישט באזעצן, האבן מיר געקויפט א שטייגל מיט א קאנאריקל, א זינגער, האט דאס טשוויטשערין פון דעם פויגל אנגעפילט אונדזער היים מיט פרייד.

אין יעדן ווינקל האט דערגרייכט דאס געזאנג; דער אומעט איז ארוים ווען דער פויגל האט גענומען זינגען.

אך ווי שיין און ווי ליכטיק און גאלדיק דער פויגל האט אויסגעזען ווען א פאסיקל זון האט אים דערגרייכט! דעמאלט איז דאס געזאנג געווען געטונקען אין גאלד. אין זונשיין.

פלוצים... אין א שיינעם, ליכטיקן טאג, ווען איך האב געעפנט די אויגן, איז מיין ליבסטע נישט געווען, זי איז אוועק... א צעטעלע אויפ׳ן טישל, לעבן בעט, האט עס מיר אנגעזאגט.

דאס צעטעלע איז געווען אויף א קאנווערט, סך הכל פינף ווערטער: „איך ליב דיך נישט מער״.

זי האט קיין זאך נישט גענומען מיט זיך, אלץ איז געבליבן:

די ביכער, איר בילד, דאס בילד פון פרידריך ניטשע, בערנארד שאא און עדגארד עלען פאו.

יא, און דאס רענצל וואס זי האט מיטגעברענגט מיט זיך.

די פינף ווערטער: „איך ליב דיך נישט מער״ — האבן מיך ממש פון זינען געבראכט; איך האב זיך געפילט אזוי ביליג... אזוי ביליג... זי ליבט מיך נישט מער...

וועמען דען ליבט זי? עס קען דאך נישט זיין, אז זי זאל קיינעם נישט ליבן. טא ווער איז ער, דער גליקליכער?

די מארגנדיקע פאסט האט מיר געבראכט פון איר א בריוול.

איך האב עס מיט נערוועזע פינגער אויפגעריסן און מיט א מאד־

נעם פיבער געליִיענט. אויך אזוי ווינציק, מיט א שטיפטל, אין איילע־ניש:

„איך דאַנק דיר פאַר דאָס ביסל פרייד וואָס איך האָב געהאַט פון דיר, אָבער אויך די פרייד האָט א ברעג... מיר האָבן אויסגעטרונקען די פרייד ביז׳ן דעק... איך בין נאָך יונג און מיין בלוט בייִנקט און פאָדערט נאָך פרייד, נאָך ליבע, נאָך געזאַנג... און דו ביזט אויסגע־שעפּט, צובראָכן...

„דאָס לעבן איז שטאַרק, עס רופט, עס רופט אין אַנדערע וועלטן, אין אַנדערע נעסטן...

„די אויגן ווילן זען אַן אַנדער פּנים, די אויערן ווילן הערן אַן אַנדער שטים, אַן אַנדער וואָרט, אַן אַנדער ליד; מיין קערפּער און מיי־נע ליפּן בענקען נאָך אַן אַנדער קוש.

„איך האָב רחמנות אויף דיר, איך באַגרייף דיין האַרץ, דיין שטימונג, אָבער איך האָב דיר נישט געלאָזן עלנד; דו האָסט דאָרט מיין בילד, דאָס בילד פון מיין מוטער און דאָס קאַנאַריקל מיט זיינע לידער.

„יאָ, און וואָס הערט זיך מיט די דיכטער, דיינקער, פילאָזאָפן מיט זייערע גאָלדענע נעמען און גאָלדענע שריפטן?

„איך וויל האָפן, אַז דו וועסט מיר שנעל פאַרגעסן און פאַר־טרייבן דיין טרויער; דו ביזט נאָך יונג און דיין וועג איז נאָך נישט געענדיקט”...

איך האָב איבערגעליִיענט דאָס בריוול פיר מאָל און געוויינט און געשלוכצט.

ווען איך האָב זיך באַרוהיגט, האָב איך זיך, פּלוצים, אָפּגעשטעלט אויף איר לעדערנעם רענצל און זיך געטראַכט:

זי איז געקומען צו מיר מיט א שמייכל אויף די ליפּן, מיט א פייער אין די אויגן מיט א ליד אין אירע בלוטן. איז דער שמייכל אוועק, דאָס פייער פאַרלאָשן און דאָס ליד איז פאַרקלונגען — — — — — —

דאָס קאַנאַריקל

הערשל און פעני האָבן זיך געליבט און געלעבט ווי צוויי טײַ־בעלעך.

הערשל האָט געזונגען פאָלקס־לידער און פעני האָט געקוואָלן פון אים.

מיט דער צייט איז הערשל געוואָרן א טאַטע פון צוויי אינגלעך. האָט ער ביידע אינגלעך געליבט ווי זיין לעבן, ווייל זיי האָבן אויסגעזען ווי ער.

די זעלבע נאָז, די זעלבע האָר; צוויי קליינע הערשעלעך. אפילו דאָס שוואַרצע פּינטעלע זיינס אונטער'ן רעכטן אויער האָבן זיי אויך פון אים גע'ירשנ'ט.

האָט הערשל, גייענדיק איינמאָל פון דער אַרבעט, געקויפט א געל קאַנאַריקל מיט א שטייגעלע.

זעקס טולער האָט ער באַצאָלט.

ער האָט זייער ליב געהאַט פויגל־געזאַנג; עס האָט אים דערמאָנט אָן זיין אַלטער היים, אָן זיין דאָרף, וואו ער איז געבוירן און ערצויגן געוואָרן.

דאָס קאַנאַריקל האָט געזונגען און געשפּרונגען און אָנגעפילט די אַרבעטער־היים מיט זיסע טרעלן.

„דאָס קאַנאַריקל געפעלט מיר א סך בעסער ווי א ראַדיאָ" — פלעגט הערשל זאָגן — „א ראַדיאָ איז געקינצלט, איז צונויפגעשטעלט פון רעדעלעך און שרייפעלעך און גלעזעלעך און דאָס קאַנאַריקל איז נאַטירלעך, ווי גאָט האָט עס באַשאַפן".

און זיין ווייבל האָט צוגעגעבן:

— איך וואָלט דאָס קאַנאַריקל נישט אוועקגעגעבן פאַר הונדערט ראַדיאָס.

צייטן זיינען געפלויגן און די אייביגקייט האָט זיי פאַרצוקט.

הערשל איז קראַנק געוואָרן. נישט געקאָנט אַרבעטן, דער לעצטער סענט פון הויז איז אַוועק פאַר דאָקטוירים.

הערשל׳ס ווייבל מיט די צוויי קינדערלעך ליידן הונגער; גייען ממש אוים פאַר אַ ביסן ברויט.

און דאָס קאַנאַריקל — זינגט: זינגט און שפּרינגט און פּילט אָן דאָס אָרעם שטיבל מיט טרעלן, עס וויל פאַרטויבן די נויט.

דער קראַנקער אַרבעטער הערט זיך צו צום געזאַנג און ער זיפצט.

ער דערמאָנט זיך אָן זיין היים, זיינע עלטערן, זיינע שוועסטער און ברידער, אָן זיינע חברים.

עס קומט אים אויפ׳ן זינען: איציק, לייזער, אַבאַ׳לע דעם שוחט׳ס, אַ בלאַס אינגל, אָן אויסגעווייקט, מיט דינע שוואַרצע פּאה׳לעך, און נאָך און נאָך חברים פון זיין היים.

ער דערמאָנט זיך און זיפצט און דאָס קאַנאַריקל — זינגט און טשוויטשערט.

און פעני זיצט אַ בלאַסע, אַ נישט-געגעסענע און וויינט שטיל; זי וויל נישט, אַז הערשל זאָל הערן ווי זי וויינט.

און ווען הערשל באַמערקט אַ טרער אין אַ ווינקל פון אירע אויגן — זאָגט זי אים אַ ליגן:

— איך האָב זיך פאַרפּרישעט דאָס אויג, עס האָט געמוזט אַריינ־פאַלן אַ זעמדעלע אָדער אַ שטויבעלע־קויל.

האָט הערשל נאָך טיפער געזיפצט: ער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין ווייבל זאָגט אַ ליגן, ווייל זי וויל אים נישט ערגערן, מצער זיין.

און די נויט ווערט שטאַרקער, טיפער, גרויער, עסט זיך איין מיט אירע שוואַרצע ציין אין דער אַרבעטער ־ פאַמיליע; עסט אויף זייער לעבן; שפּרייט אוים אַ מרה שחורה אין קראַנקן שטיבל.

די נויט אַליין — איז גליקלעך!

—עס גייט איר דאָ, ביי הערשלען, נישט שלעכט!

אַוועק אַ טאָג און אין הויז איז קיין ביסן ברויט נישטאָ; ביי וועמען צו לייען איז אויך שוין נישטאָ; אַלע קוואַלן אויסגעשעפּט; אַלע ברו־נעמער אויסגעטריקנט — ביטער!

ווייסטו פעני, וואָס מיר איז איינגעפאַלן? אנו, טרעף!

— וואָס?

— אונדזער שכן, מיסטער גלאַנצמאַן, האָט מיר אַ סך מאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וואָלט בײַ מיר וועלן אָפּקויפן דאָס קאַנאַריקל. ער האָט מיר שוין צוגעזאָגט 15 טולער. ער האָט נישט קיין קינדער, איז אים אומעטיק אין הויז, ווײַל ער כאָטש הערן דאָס טשוויטשערן פון אַ פויגעלע...

— וואָס וועסטו טאָן מיט די 15 טולער? — פרעגט פעני — און אַ טרער קײַקלט זיך אַרונטער פון איר באַק.

— מיר וועלן קויפן ברויט, קאַווע, צוקער, באַצאָלן צוויי טולער פאַר דער מעדיצין.

— און מיר וועלן מער נישט הערן דאָס פייגעלע זינגען...

— וועל, מיר'ן קענען אַרײַנגיין צום שכן, ער וועט אונדז נישט אַרויסטרײַבן!

— ער איז דאָך אַזוי ווינציק אין דער היים...

— ווען ער וועט זײַן, וועט מען קענען הערן; ברויט איז בילכער ווי פויגל-געזאַנג; מען קען דאָך נישט אויסשפּײַען די נשמה!

— טו ווי דו פאַרשטייסט, איך וועל זיך נישט מישן איך... און טרערן שטיקן איר.

— דו מוזט אַרײַנרופן דעם שכן, אפשר האָט ער שוין חרטה?

אָבער דער שכן האָט נישט קיין חרטה; ער האָט אָפּגעקויפט דאָס קאַנאַריקל פאַר 12 טולער.

ער האָט אַרונטערגענומען 3 טולער פון זײַן צוגעזאָגטער פרייז, ווײַל מען האָט עס געמוזט פאַרקויפן.

ווען דער שכן, מיסטער גלאַנצמאַן, איז אַרויס מיט'ן שטייגעלע, האָט אויסגעבראָכן אין הויז אַ געוויין, ווי בײַ אַ לויה.

די צוויי קינדערלעך זײַנען געזעסן אין בעטל און געזויגן זייערע פינגערלעך, נאָר זעענדיק, אַז דער טאַטע און די מאַמע וויינען, האָבן זיי זיך אויך צעוויינט. האָט דאָס גאַנצע שטיבל געיאָמערט, אויפ'ן קול.

דער שכן האָט עס נישט געקענט פאַרשטיין: סטייטש ער דער־לאַנגט זיי 12 טולער קעש-געלד און זיי וויינען נאָך!

אַ אידן איז אַלץ ווינציק! זיי וואָלטן געוואָלט האָבן אי די 12 טולער אי דאָס קאַנאַריקל...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט זיך שוין געקאָכט אַ וואַרימער מאָלצייט. אין הויז איז געווען ברויט, פּוטער, טיי, מילך, גרויפּן, בעבּלעך, צוקער און די ערשטע מעדיצין, וואָס דער דאָקטאָר האָט ערשט פאַרשריבן. אין אָוונט האָט הערשל אַרונטערגעשיקט פּעני׳ן צום שכן אים געבן די „דירעקשאָנס” ווי אַרומצוגיין מיט׳ן קאַנאַריקל.

אויף מאָרגן פאַרטאָג, האָט זיך דאָס קאַנאַריקל צעזונגען ווי עס וואָלט געווען אין אַ וואַלד!

— פּעני, עפן די פענסטער, איך וויל הערן דאָס קאַנאַריקל זינגען! — האָט זיך הערשל געבעטן ביי זיין ווייבל — עפן ס׳פענסטער!

און פּעני האָט געעפנט ס׳פענסטער און זיך אליין אויך צוגעהערט צום געזאַנג.

ווען זי האָט שפּעטער געוואָרפן אַ בליק אויף הערשל׳ען, האָט זי באַמערקט אַ פּאָר פאַרגליווערטע טרערן ביי אים אויפ׳ן באַק.

#ביים שפּיגל

איך קוק אין שפּיגל און איך זע אַ קליין אידעלע, וואָס וועגט סך הכל הונדערט און דרייסיק פונט.

אַ אידעלע, וואָס איז שלאַף און איז אַלט 59 יאָר און האָט אַ ווייסן קאָפּ ווי שניי און אַ געדונצלט פּנים.

אַ אידעלע, וואָס האָט מער געזיפצט און געליטן ווי געלאַכט און געלעבט.

און איך הויב זיך אָן אַריינצוטראַכטן און איך גלויב זיך אַליין נישט, אַז אָט דאָס אידעלע, וואָס האָט קוים כוח צו שטיין אויף די פיס, וואָס דאַרף אָנקומען צו אַן אַנדערען, אַז דער אַנדערער זאָל פאַר אים אָטעמען, אַז אָט אָ דאָס אידעלע, האָט שוין 36 יאָר די זעלבע פרוי, און שוין 36 יאָר ווי ער הערט די זעלבע שטימע, זעט די זעלבע פיגור, די זעלבע שוואַרצע אויגן, דאָס זעלבע פּנים און דאָס זעלבע מויל.

אַז אָט דאָס פרויקעלע האָט שוין ביי מיר צוגענומען צענדליקע טויזנטער טאָלער און האָט נישט אַ סענט ביי דער נשמה, ווען מען קוילעט זי אויפ'ן אָרט.

עס ווילט זיך מיר נישט גלויבן, אַז איך, אָט דאָס גאָרנישטל, דאָס בין אַ טאַטע פון אַזעלכע גרויסע, שטאַרקע זין און טעכטער, וואָס מיט איין פינגער, מיט איין נאָגל, קענען זיי מיך צורייבן אויף אַש.

עס ווילט זיך נישט גלויבן, אַז איך, אָט דאָס גאָרנישטל, דאָס בזית'דיקע אידעלע, האָב שוין געזונגען ביי אַ חזן, געווען אַ שניידער, געהאַנדלט מיט פאַונטעין־פּענס, מיט אייז־קרים, מיט ציימונגען, מיט וואורשט, מיט זעמל, געהאַלטן אַ טיי־געשעפט, אַ בוך־געשעפט, גע־שריבן אין ציימונגען אונטער צוויי־און־צוואַנציק פאַרשידענע נעמען.

אַז איך, אָט די פליג אויף צוויי פיס, האָב שוין אָנגעשריבן אַזוי־פיל קלוגע און נאַרישע פעליעטאָנען, אַזוי פיל הומאָריסטישע מאַכעריי־קעס און אַרויסגעבראַכט פאַר דער וועלט עטליכע קאָמישע טיפּן און אַ סך געלעכטער.

עס גלויבט זיך מיר גאָרנישט, אַז איך, וואָס לייד פון קאָפּ־וויטאָג

24 שעה א מעת־לעת, זאָל האָבן אָפּגעדרוקט אַרום צען טויזנט זאַכן.
צען טויזנט זאַכן אָנצושרייבן איז נישט קיין שפּילכל, און פאַר־געסט נישט, אַז יעדער זאַך טראָגט אַן אַנדער נאָמען. טראַכט זיך אַריין וועט איר זען, אַז איך בין נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט; מיין גאַליציאַנער קאָפּ האָט געאַרבעט זעכציק מייל א מינוט; געאַרבעט אָווערטיים, ווי מען זאָגט אין ריינעם אידישן־אידיש.
אפילו אויסטראַכטן צען טויזנט קעפּלעך דאַרף מען אויך קענען.
און פאַרגעסט נישט, אַז צו יעדער קעפּל האָב איך דאָך פונדעסט־וועגן צוגעשריבן א מעשה, א זאַך, עפּעס...
ווייטער דאַרפט איר נישט פאַרגעסן, אַז די צען טויזנט זאַכן האָב איך נישט אָפּגעדרוקט אונטער איין רעדאַקטאָר; איך האָב געהאַט א סך רעדאַקטאָרן, און יעדער איינער פון די רעדאַקטאָרן איז געווען קאַפּריזנע, יעדער איינער האָט געהאַט אַן אַנדער קוק אויף שרייבעריי, אויף ליטעראַטור, אויף לידער, אויף הומאָר, אויף וויצן.
און איך האָב דאָס באַדאַרפט דורכגיין די אַלע פייערן, אויסהערן זייער מבינות, זייער קריטיק.
איך, דאָס קליינע, שלאַפע מענטשעלע, דאָס קראַנקע טאַטעלע.
און דאָך לעב איך און איך שרייב ווייטער און עקזיסטיר ווייטער.
איז דאָס נישט א וואונדער אין דער וועלט? באַווייזט עס נישט אַז איך קען א סך אויסהאַלטן, אַז איך בין שטאַרק געבויט, כאָטש איך זשיפּע קוים, כאָטש איך האַלט זיך קוים אויף די פיס?
אַז איך האָב געקענט זען אין די לעצטע 40 יאָר אַזוי פיל שלעכטע פּיעסן, פון שלעכטע שרייבער, שלעכט געשפּילט און בלייבן לעבן — וועל איך שוין קיינמאָל נישט שטאַרבן.
אַז איך האָב געקענט איינזיצן און זיך איינהערן צו הונדערטער לעקטשורערס, וואָס האָבן געהאַקט א טשייניק און נישט געוואוסט וועגן עס האָט זיי געשלייערט, וועל איך שוין אייביק לעבן...
איר האָט עפּעס א באַגריף, וואָס עס מיינט פאַר א נאַש־בראַט אויסצוהערן צוועלף אָדער דרייצן הונדערט לעקטשורעס? — א גרוויל!
און וויפיל נאַרישע, אידיאָטישע לידער און סקיצן און ראָמאַנען איך האָב שוין אַריינגעזאַפּט אין זיך.
א ים!

און דאָך לעב איך!

און וויפיל ביכער האָב איך שוין אריינגעשלונגען, וואָס זיינען אפילו נישט ווערט געווען דאָס פּאַפּיר?

אַ פאַרמעגן!

און אין וויפיל שלעכטע רעסטאָראַנען האָב איך שוין געגעסן פלייש, פיש און אייער, און דאָך לעב איך נאָך.

און וויפיל האָב איך שוין געהאַט צו טאָן מיט דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן און געגומען זייערע מעדיצינען און דאָך בין איך נאָך צווישן די לעבעדיקע.

און וויפיל מאָל בין איך שוין אריבערגעגאַנגען די גאַסן, זיך געדרייט און געשלענגלט צווישן הונדערטער אויטאָמאָבילן, עקספּרעסן, סטריט־קאַרס און דאָך בין איך נאָך קיין איין מאָל אפילו נישט גע׳הרג׳עט געוואָרן.

און וויפיל האָב איך, אין די לעצטע פערציק יאָר, געליטן פון געסט, פון פּיאַנאָס, וויקטאָראָלאָס, ראַדיאָס, פּאַרלעזער, דעקלאַמאַטאָרס, חזנים און גלאַט אַזוי פון קרענקס און נודניקעס?

און וויפיל שלעכטע לידער פון יונגע דיכטער האָב איך געמוזט פאַרריכטן, אויסגלעטן, אַרומשלייפן?

און וויפיל וויצן האָב איך שוין אויסגעהערט, וואָס זיינען טריף ווי חזיר?

און וויפיל בלאָפערס האָבן מיר שוין אָפּגעבלאָפט און אויסגענוצט מיין ווייך־האַרץ, און געכאַפּט ביי מיר פינפערלעך, צענערלעך, צוואַנציקער, און — פאַר־פאַ־לען?

און דאָך לעב איך נאָך און, ווי מיין האַרץ זאָגט מיר, וועל איך נאָך לעבן אַ לאַנגע צייט.

סיידן. . . יאָ, סיידן איך זאָל שטאַרבן פאַר דער צייט, וואָס דאָס קען מיר קיין גוטס נישט טאָן.

יאָ, איך האָב שיער נישט פאַרגעסן: וואו זיינען אַלע באַנקעט־רעדעס, וואָס איך האָב שוין געהערט?

און וויפיל טויזנטער מיילן בין איך שוין אַרומגעפאָרן?

אָט אַזוי טראַכט איך, בשעת איך שטיי און קוק אריין אין שפּיגל און איך באַטראַכט וואָס פאַר אַ ווייסן קאָפּ איך האָב און וואָס פאַר אַ טיפע קאַרבן די צייט האָט איינגעשניטן אין מיין שטערן.

אויסגעחלומטע חלומות

(מאָדנע געדאַנקען)

זע איך אין שפּיגל מיין ווייסן קאָפּ און די טיפע קנייטשן אויף מיין געזיכט און די טונקעלע אָדערן אויף מיינע הענט — שרעקט עס מיך ניט אָפּ.

איך פאַרשטיי, אז דאָס מיינט מיין אונטערגאַנג; מיין גיין באַרג אַראָפּ; אז איך שטיי שוין 90 חלקים ביים ראַנד פון קבר.

דער טויט שרעקט מיך ניט אָפּ; מיין האַרץ איז רוהיק.

און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל מיינע טעג פון מיין לעבן זיינען ניט אַוועק מיט גאָרניט; איך האָב קיינעם ניט באַרויבט, ניט באַ'גזל'ט.

איך האָב זיך געמאַכט ניצלעך פאַר דער וועלט, פאַר מיינע מיט־מענטשן. איך האָב געשריבן און גערעדט וועגן פרייהייט און יושר און גליק. איך האָב מיט מיין אָרימע פעדער אַריינגעטראָגן אין אַ סך אָרימע הערצער פרייד און געלעכטער.

און דאָס איז אַ סך! אָפּווישן אַ טרער איז אַ סך וויכטיקער ווי לייגן תפילין; ווי פאַסטן תעניתים.

יאָ, איך האָב אין טויזנטער אָרימע הייזער, אין טויזנטער פינסטערע הערצער, אַריינגעשיקט אַ שטראַל פון פרייד, אַ פונק פון טרייסט, אַ פעדימל פון ליכט און וואַרעמקייט.

און דערפאַר שרעקט מיך ניט מיין ווייסער קאָפּ, מיין אונ־טערגאַנג.

אָפטמאָל, ווען איך שטיי אזוי ביים שפּיגל, טראַכט איך פון יענער ווייטער צייט, וואָס איז אַוועק אין די ווייטע ווייטקייטן, אין איינעם מיט די וואַסערן פון די טייכן.

ווער ווייסט וואו מיינע אָפּגעלעבטע טעג געפינען זיך? וואו פלאַטערן אַרום ערגעץ מיינע חלומות?

איך האָב אויך געהאַט בלויע טעג; טעג מיט בלויע הימלען, בלויע וואַסערן מיט בלויע ווינטלעך וואָס האָבן געשפּילט אויף בלויע פּייפלעך, און בלויע בלומען, וואָס זיינען געוואַקסן אין די גערטנער פון מיינע בלויע חלומות...

די דאָזיקע טעג זיינען איצט ווייט, ווייט פון מיר, אפילו די שאָטנס זייערע זיינען שוין ניטאָ.

אין מיינע בלויע גערטנער וועל איך שוין מער מיין פוס ניט אריינשטעלן; יענע גערטנער זיינען איצט אַרומגעצאַמט מיט הויכע פּלויטן, מיט שטעכיקע דראָטן.

און אויב איך זאָל יאָ קענען אריינקומען אהין, וואָלט איך קיין פרייד נישט געהאַט, וואָלט מיך אַ טיפער טרויער אַרומגענומען ווי מיט שטאָלענע שטריק.

אין דעם בלויען גאָרטן פון מיינע ליכטיקע חלומות וואָלט איך זיך דערמאָנט אָן איר.

זי איז געוועזן אַזוי שיין ווי אַ מלאך, כאָטש איך האָב קיינמאָל קיין מלאך נישט געזען.

און אויב אַ מלאך איז נישט אַזוי שיין ווי מיין פאַנטאַזיע וויל עס האָבן, איז זי געוועזן אַ סך שענער.

און אַזוי יונג און אַזוי הייס און אַזוי לײדנשאַפטלעך. איינמאָל האָט זי געזאָגט צו מיר מיט אַ ווייך קול, ווי זילבער:

„לייג אַרויף דיין קאָפּ אויף מיין ברוסט וועסטו הערן דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ. און אויב דו וועסט עס הערן קלאַפּן, זאָלסטו וויסן, אַז עס קלאַפּט מיט ליבע צו דיר. יעדער קלאַפּ איז אַ ליד, אַ הייס ליד צו דיר; אַ געזאַנג אין פלאַמען".

איך האָב געפאָלגט ,אַרויפגעלייגט מיין יונגן קאָפּ אויף איר ברוסט און געהערט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ, און מיינע ליפּן האָבן שטיל געפרעגט ביי איר: „וואָס איז ליבע"?

און זי האָט געגלעט מיין קאָפּ מיט אירע וואַרעמע פינגער און געענטפערט:

„איך ווייס נישט. אָבער איך ווייס, אַז דאָס איז די העכסטע פרייד, דאָס טיפסטע גליק. דער וועג צו ליבע איז דורכן האַרץ. פון ביידע זייטן וועג זיינען רויזן אויסגעשפּרייט. פייגל באַגלייטן מיט זייער געזאַנג. אָבער וואָס די ליבע איז ווייס איך נישט. עס

איז א סוד אזא, א סוד, וואס אפילו גאט אליין פארשטייט ניט.
„דאס איז אזא מין חלום, וואס די יוגנד חלומט איידער איר זון גייט אונטער; איידער דער שאטן וויקלט איין די פרייד פון לעבן".
„איך פארשטיי דיך נישט, טייערע, דיינע ווערטער זיינען פאר־נעפּלט".
„די ליבע דארף מען נישט פארשטיין"! — האט זי געענטפערט און זיך ווייטער געשפּילט מיט מיינע בלאנדע האר — „די ליבע דארף מען פילן. יעדער טראפּן בלוט דארף זינגען פון ליבע. ליבע איז ווייַן, ליבע איז גאל, ליבע איז אייז, ליבע איז פייער...
„ליבער! פרעגן פראגן האט נישט קיין זין. פרעג נישט, טראכט נישט.ווארט נישט ביז די זון וועט אונטערגיין. ווארט נישט ביז דאס הארץ וועט אלט ווערן, ביז די בלומען וועלן וועלקען און די פויגל וועלן אוועק מיט זייער געזאנג. היינט ביזטו יונג, היינט שיינט די זון, היינט בליען די רויזן און היינט זינגען די פויגל. ליג נישט אפּ די פרייד פון היינט אויף מארגן. דער היינט און דער מארגן וועט באלד ווערן א נעכטן, און דער נעכטן — א פאר־גאנגענהייט.
„לאז נישט אויסגיין דאס פייער".
אט אזוי האט זי גערעדט צו מיר אין יענעם בלויען גארטן פון מיינע בלויע חלומות.
און איך האב זי געפאלגט. איך האב זיך אויסגעטשוכעט פון מיינע חלומות און דאס פייער איז געווארן גרעסער און שטארקער.
אבער נישט לאנג איז זי געווען טריי צו מיר; נאך איידער א צווייטער פרילינג איז געקומען האט שוין אן אנדערע געהאלטן זיין קאפּ אויף איר ברוסט און יענער האט זיך צוגעהערט צום געזאנג פון איר הארץ...
איך בין געבליבן אן עלנדער, א פארלאזטער, אפילו דער שאטן מיינער האט חוזק געמאכט פון מיר.
זי איז שוין פארבליבן די קעניגן פון יענעם גארטן.
איך קען מער אין יענעם גארטן נישט אריינקומען. פון צייט צו צייט שיק איך אריבער אהין דעם שאטן פון מיין אפּגע'חלומ'טן חלום.

אַט אַזעלכע געדאַנקען קומען מיר אין קאָפּ, ווען איך שטיי בײַם שפּיגל און איך זע מײַן ווײַסן קאָפּ, די קנייטשן אויף מײַן פּנים און די בלויע אָדערן פון מײַנע הענט.

איך זע מײַן אונטערגאַנג, אָבער עס שרעקט מיך נישט; איך ציטער נישט פאַר׳ן קבר.

איך האָב מײַן לעבן געלעבט און עפּעס געשאַפן פאַר דער וועלט.

עפּעס וועט פאַרבלײַבן נאָך מײַן אַוועקגיין, און עפּעס איז אַ סך מער ווי גאָרנישט.

און אויב איך וואָלט מער נישט געלעבט ווי יענע טעג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט א י ר אין יענעם בלויען־גאָרטן פון מײַן יוגנד, איז שוין דאָס לעבן ווערט געווען דאָס לעבן.

און ווען איך גיי אַוועק פון שפּיגל און איך קוק אַרויס אין דרויסן, ווערט מיר ווידער פרײליכער אויפ׳ן האַרצן.

איך זע ווידער אַ בלויען הימל, איך זע ווידער אַ בלויען טײַך און אויפ׳ן טײַך שטיקער זון. און די שטיקער זון פלאַטערן און וויגן זיך אַרום אויפ׳ן בלויען וואַסער און ווערען נישט פאַרלאָשן...

און ווען מײַן אויג פאַלט אויף יענער זייט טײַך, זע איך בלויע בערג. פון די בערג שנירלען זיך אַרונטער אין די טאָלן דינע שמאָ־לע וואַסערלעך, ליכטיקע פון דער זון, עס דאַכט זיך אויס, אַז גאָט האָט נישט וואָס צו טאָן, שפּילט ער עטלעכע סאָלאָס פאַר דער וועלט אויף אַ בלויען פידל מיט גאָלדענע סטרונעס.

ניין, קינדער! מיך שרעקט נישט דאָס אונטערגיין, ווײַל איך האָב עפּעס אויפגעטאָן אין די קורצע טעג פון מײַן קורצן לעבן...

בלומען, טייכן און חלומות

(אַ סצענע אַזאַ)

אסתר: חוה׳לע, דו ווייסט איך האָב שוין אַ חתן. ער איז זייער אַ שיינער, אַ געבילדעטער, אַ שרייבער. ער שרייבט לידער און ער קריגט פאַר יעדער ליד צען דאָלאַר.

חוהילע: וויפיל לידער אַ טאָג שרייבט ער, דער חתן דיינער?

אסתר: איין ליד אַ טאָג, אָבער ער פאַרקויפט עס ניט. ער זאַמלט זיי צונויף אַלע מיט אַ מאָל, ער וויל ארויסגעבן אַ לידער־בוך. ער וועט ארויסגעבן, זאָגט ער, פיר טויזנד ביכלעך צו צוויי דאָלאַר אַ שטיק, וועט ער האָבן אכט טויזנט דאָלאַר און אַ גרויסן נאָמען.

חוהילע: ווי רופט מען אים?

אסתר: מען רופט אים הערשל פראַזנפלעכטער, אַ שיינער נאָמען. אַז איך וועל מיט אים חתונה האָבן, וועט מען מיך רופן אסתר׳ל פראַזנפלעכטער.

חוהילע: און ער ליבט דיך?

אסתר: וואָס פאַר אַ פראַגע? אַ דיכטער ווייסט ווי צו ליבן. ער שרייבט דאָך אַלע זיינע לידער פון ליבע. זאָלסט הערן אַ לשון ביי אים — פערל און דימענטן שיטן זיך פון זיין מויל. דאָ, אַנדמעלטן, זיצן מיר אַזוי ביידע אין אַ פאַרק. געוועזן איז דאָס פאַר־נאַכט, ווען די זון האָט זיך געזעצט. דאָס איז געווען אין חודש אָקטאָבער. נעמט ער מיך ארום אַט־אַזוי־אַ, מיט זיינע וואַרעמע הענט און נעמט מיך קושן און האַלזן, און בשעת מעשה צולאָזט ער זיך מיט זיין פּאָעטישער שפּראַך:

„אסתר׳ל, דיין האַרץ איז אויסגעגאָסן פון איין שטיק גאָלד; דיינע אויגן זיינען חלומות מיט בלויע פייערן אין זיי, וואָס קענען

באַ'כשופ'ן אַ וועלט מיט מענער; דיינע האָר זיינען זון־פּעדים; דיינע טריט זיינען לידער, זיי זינגען די שענסטע געזאַנגען; דיין שטימע איז ווייכער און רייכער ווי טויזנט פידלען, ווי צען טויזנט פלייטן. אַזאַ שטימע פּאַסט זיך פאַר גאָט אַליין, פאַר דעם באַשעפער פון אַלע וועלטן"!

חוהילע: האָט ער עפּעס געלד?

אסתר: ניין. ער האָט בלויז אַ נאָמען. ער איז אינטעליגענט, און דאָס לידער־בוך, וואָס ער וויל ארויסגעבן, איז זיין גאַנץ פאַר־מעגן.

חוהילע: און מיין חתן איז דוקא אַ פּראָסטער, אַן אייזמאַן, דערפאַר האָט ער אַ באַנק־בוך מיט צוויי טויזנט דאָלאַר. ניט חלילה פון זיין ארבעט, נאָר זיין טאַטע איז געשטאָרבן, האָט ער געהאַט אַ פּאָליסי, האָט ער פאַר מיין חתן אָפּגעזאָגט די פּאָליסי. רעכן איך ארויסנעמען פינף הונדערט דאָלאַר פאַר איינפּיקסן אַ הויז און פופצן הונדערט דאָלאַר לאָזן אין באַנק פאַר אַ רעגנדיקן טאָג.

אסתר: זאָל דיר גאָט העלפן. איך ווינטש עס דיר מיט'ן גאַנצן האַרצן. דאָך גוטע חבר'טעם אַזוי פיל יאָרן!

חוהילע: איך ווינטש דיר אויך דאָס אייגענע. אָבער... אָבער... מיין האַרץ זאָגט מיר, אַז דיין מאַנ'ס שטיקל ברויט איז ניט קיין זיכערע... אַ פּאָעט... אַ דיכטער... עס איז ניט קיין קוראַנטע סחורה... אמת, ער ליבט דיך, ער שעצט דיך, ער רעדט שיין, פּערל־דיק, אָבער דאָס איז דאָך ניט דער עיקר. דער עיקר איז קעש, נאָר קעש.

אסתר: און מיין חתן האָט אַ לידער־בוך, וואָס וועט אים אַמאָל אריינטראָגן אַכט טויזנט דאָלאַר.

חוהילע: ווייסיך וואָס! לידער... ווער דאַרף לידער? גע־ציילטע מענטשן. אָבער אייז, אייז דאַרף יעדער הויז, יעדע באַ־לעבאָסטע.

אסתר: ערשטנס זיינען פאַראַן אין ניו אפשר צוויי הונדערט טויזנט אייזלייט, און דיכטער זיינען דאָ אפשר צען. צווייטנס, האָט דאָך דיין חתן ניט דאָס געלט פון זיין ארבעט, אַ גליק דער טאַטע איז אים געשטאָרבן און אים געלאָזן אַ פּאָליסי... איך וואָלט זיך מיט דיר ניט געוואָלט בייטן. דיין חתנ'ס פאַרמעגן ליגט אין פרעמדע

הענט און מיין חתנ׳ס פארמעגן ליגט אין זיין שכל, אין זיין דענקען, אין זיין הארץ... אזא פארמעגן איז זיכערער, קוראנטער... און דאס וואס דו פרייסט זיך, אז דיין חתן איז איין אייזמאן און יעדע הויז דארף האבן אייז, איז גארניט ווערט, ווייל עס גייט איצט אריין אין דער מאדע „פרידזשעדערס״. פונקט ווי די אטאמאבילן האבן ארויסגעטריבן די פערד, אזוי וועלן די „פרידזשעדערס״ ארויסטרייבן די אייז־לייט... אבער א מאשין, וואס זאל ארויסטרייבן די פאעטן, וועט קיינמאל ניט זיין! יא, חוה׳לע, מ י י ן חתן איז זיכערער מיט זיין לידער־בוך ווי דיין חתן מיט זיין באנק־בוך!

אין דריי חדשים שפעטער האבן זיך די צוויי חבר׳טעס ווידער באגעגנט און זיך ווידער צורעדט:

אסתר: העלא, חוה׳לע, וואס מאכסטו? וואס הערט זיך?

חוהילע: שלעכט! איך קען ניט גיין חתונה האבן. איך בין אויף גרויסע צרות. איך וועל דארפן אפלאזן דעם שידוך.

אסתר: וואס האט פאסירט?

חוהילע: מיין חתן, דער אידיאט, דער פערד, האט געהאלטן זיין געלט אין דער יו. עס. באנק... אזא בהמה!...

אסתר: איך בין, א דאנקן גאט, צופרידן, מיין חתנ׳ס בוך איז שוין ארויס, און עס פארקויפט זיך ניט שלעכט. די קריטיקער לויבן עס זייער שטארק. מיר האבן א צימער פאר זיך. מיר וואוינען צוזאמען. מיר זיינען גליקלעך. מיין מאן שרייבט איצט נאך שע־נערע לידער ווי פריער. איך באגייסטער אים, זאגט ער, און זיין שפראך איז נאך רייכער, נאך פאעטישער. איצטער פארגלייכט ער מיינע אויגן צו צוויי פייערן, וואס גליען ווי צוויי זונען אין די אל־פענבערג אין חודש יולי; מיין הארץ איז א קוואל פון געזאנג, וואס נאר מלאכים קענען זינגען; און מיינע ליפן זיינען ווי צוויי רויטע רויזן, וואס קושן זיך מיט די ערשטע שטראלן פון דער זון; און מיינע טריט זיינען אמת׳ע פאעמעס פון דער גריכישער שולע און מיין שמייכל איז זיסער פון האניק און געשמאקער פון שאמפאניער... ער ווערט שיער ניט משוגע פאר מיר, דער דיכטער מיינער! היינט זיין קושן! יעדער קוש איז היים ווי פייער און ער גייט צוזאמען מיט א בים. אזא נאטור האט ער. אלע דיכטער קושן אזוי שטארק, ער איז זייער א גוטער און א וואוילער, א מענטש אן א גאל...

חוהילע (טוט שטאַרקן זיפץ): יאָ, הייסט עס, אַז ביי דער היינטיקער צייט איז מען מיט אַ לידער־בוך אַ סך זיכערער ווי מיט אַ באַנק־בוך.

אסתר: ווען די מיידלעך זאָלן האָבן מיין שכל, וואָלטן זיי נאָר באַדאַפּרט חתונה האָבן מיט פּאָעטן. זייער קאַפּיטאַל קען קיינמאָל ניט פאַרלוירן גיין אין די באַנק־געשעפטן. ביי דער היינטיקער צייט זיינען די דיכטער בעסער אָפּ ווי די באַנקירן. זיי לעבן אין זייער וועלט, אין אַ וועלט פון בלומען, טייכן און חלומות, אין אַ וועלט פון מוזיק, געזאַנג און פויגל, אין אַ וועלט פון ליבע, פון אמת'ער, טיפער ליבע... און קיין שענערע וועלט איז נישטאָ און עס וועט ניט זיין!

חוהילע: אפשר ווייסטו פון נאָך אַזאַ דיכטער ווי דיין מאַן איז, איך וואָלט זיך געוואָלט באַקאָנען מיט אים...

פרייד און אומעט

איך האָב קוים דערוואַרט דער פרילינג זאָל זיך באַווייזן אויף דער וועלט.

איך האָב א גאַנצן ווינטער געבענקט נאָך אים, נאָך דעם יונגן פרילינג.

ווען די ווינטן האָבן געוויינט ביי מיר אונטער די פענסטער, האָב איך שוין אין זייער געוויין געהערט די בשורה פון אָנקומענדיקן פרילינג.

אין דעם ווייסן שניי האָב איך געזען די ווייסע בליטן פון די אפל־און־קארשן־ביימער.

אין די לאַנגע נעכט, די אומעטיקע, די קאַלטע, איז שוין געלעגן דער אָנזאָג פון די זומערדיקע נעכט, די ליכטיקע, די אויסגעשטערנטע, די ראָמאַנטישע.

ווען נישט דאָס האָפן, דאָס וואַרטן אויפן פרילינג, ווער ווייסט צי וואָלט דאָס לעבן ווערט געווען צו לעבן!

און אָט איז דער פרילינג שוין דאָ, ער צוויבערט שוין ביי מיר אין גערטל מיט זיין צוויבער־שטעקן. עפּעס א געהיימע האַנט האָט אויפגעשלאָסן אלע שלעסער פון דער ערד און באַפרייט וואו א בלימל, וואו א קוסט און וואו א גרעזל.

אלץ האָט אויפגעלעבט, אויפגעבליט, ארויסגעשפּראָצט מיט יונגלעבן!

אויך דאָס הארץ מיינס. דאָס פאַראומערטע, וואָס האָט א ווינטערלאַנג געוויינט מיט א שטיל געוויין, האָט זיך איצט, אין איינעם מיטן פרילינג, צעזונגען; צושפּילט אויף אלע סטרונעס!

מיין הארץ זינגט און די פויגל זינגען; מישן זיך אוים ביידע געזאַנגען און ס'קומט ארויס איין פרייד; א געזאַנג, וואָס איז העכער פון אלע געזאַנגען!

הארץ־געזאנג און פויגל־געזאנג און א וועלט וואָס ליגט און בליט און וואַקסט און שפּראָצט איז אַלע מאָל אינטערעסאַנט!

זינג, זינג, מיין האַרץ, דאָס גרויסע געזאַנג פון פרייד און פרילינג! זינג מיין האַרץ, דאָס ליד פון אויפגיין, דאָס ליד פון לעבן! זאָל דער פרילינג זיין פול מיט געזאַנג און פרייד און ליכט!

עס זיינען געוועזן טעג און נעכט, וואָס איך האָב זיך נישט געגלויבט, אַז ס׳וועט אַמאָל דער פרילינג קומען.

שוואַרצע ראָבן מיט לאַנגע שנאָבלען האָבן אונטער מיין פענסטער געשאָלטן די וועלט מיט פינסטערע קללות. דאַמאָלט האָב איך אויפגעהערט האָפן אויפן פרילינג.

אָבער די קראָען־צייט איז אוועק; די צייט האָט זייערע קולות פאַרשלונגען און דער פרילינג איז געקומען, ער איז דאָ און איך בין גליקלעך.

איך האָב זיך מיט איר אין שטאָטישן גאָרטן באַגעגנט.

מיט איר... ווען איך וויל עפּעס זאָגן; זאָגן אַזוינס, וואָס איז שטילער און הייליקער ווי א סוד.

איך האָב איר געוואָלט זאָגן, ווי שיין זי איז, אַז קיין שענערע פון איר האָט גאָט נאָך נישט באַשאַפן, נישט אונזער גאָט, נישט קיין פרעמדער גאָט; אָבער איך האָב עס איר נישט געזאָגט; איך ווייס, אַז ס׳איז בעסער און גלייכער, ווען א פרוי ווייסט עס נישט; טאָמער יאָ — האַלט זי זיך שטאָלץ. און דאָס טויג נישט פאַר דעם וואָס ליבט זי.

האָב איך גאָרנישט געזאָגט; געקוקט אויף איר און — געשוויגן. געשוויגן ווי דער סוד, וואָס איז נאָך דערוויל געווען א סוד...

איך האָב איר געוואָלט זאָגן, ווי יונג און פריש זי איז, ווי ווייס איר לייב און ווי שוואַרץ אירע אויגן זיינען, ווי בלוי דער חלום איז אין אירע אויגן, אָבער איך האָב עס איר נישט געזאָגט. זאָל זי נישט מיינען, אַז זי איז די שענסטע אויף דער ערד!

האָב איך גאָרנישט געזאָגט, גאָרנישט גערעדט, בלויז געקוקט אויף איר, באַהעפט מיינע בליקן אָן אירע און אויסגעזויגן דעם בלויען חלום פון אירע אויגן און אים באַהעפט מיט מיין חלום. האָבן צוויי

בלויע חלומות פון פיר פארליבטע אויגן געזוכט אן ארט אויף גאטס ליכטיקער וועלט.

איך האב איר געוואלט זאגן: ווי ליב איר שמייכל איז; ווי פון איר שמייכל בליען אויף רויטע רויזן, אבער איך האב עס איר נישט געזאגט.

אך, ווי איך האב מקנא געווען איר מאן! ער איז דאך דער באזיצער פון די אלע אוצרות: פארוואס קומט עס אים? איז ער דען שענער, קליגער, אינטערעסאנטער פאר מיר?

ניין! ער איז בלויז רייך! און איך? איך בין א דיכטער; איך שרייב לידער; דענקט איר נישט, אז א דיכטער איז רייכער?

און דאך איז זי זיין אייגנטום, נישט מיינע; ער גיט איר א היים, א דינסט, קליידער, אבער ער ווייסט נישט וואס ליבע איז! און איך בין דער ארעמאן אין געלט, אבער דער רייכסטער אין ליבע.

כמעט א ביליאנער....

איך האב איר געוואלט זאגן, ווי רויט אירע ליפן זיינען, ווי גוט עס איז געקושט צו ווערן פון זיי. ווען זי עפנט זיי, דאכט זיך אויס, אז דאס איז א געעפנטע בלום, א רויטע, א זאפטיקע, אבער איך האב די ווערטער נישט ארויסגערעדט; איך האב זיי פארשלאסן אין הארץ ביי מיר מיט טויזנט שלעסער.

עס איז געזינטער פאר דער ליבע ווען מען לעכצט נאך א ליבעס־ווארט און מען קריגט עס נישט.

זאלן דאס אלע פארליבטע וויסן.

איך האב איר געוואלט זאגן: לאמיר זיך זעצן אונטער דעם בוים, לאמיר זיך צוהערן צום געזאנג פון די פויגל איבער אונז, לאמיר זיך צוקושן און דורך די קושן אויסזינגען אונזער ליד צום באשאפער פון דער וועלט; לאמיך רוען אין דיין שוים ווי עס רוט א בין אויף א רויזן־בלעטל, אבער איך האב עס איר נישט געזאגט.

איך האב געקוקט אויף איר און געזען פאר זיך צוויי פרילינגס. איינעם איבער מיר און דעם צווייטן פאר מיר.

דער ערשטער פרילינג האט געהייסן — פרילינג, אנהויב זומער, אויפלעבונג, אויפבליאונג; און דער צווייטער פרילינג האט געהייסן ציליע.

פאַלן רויטע בלעטער

גענדאנקען

הערבסט:

ס'פאלן רויטע בלעטער; ס'ווערט אומעטיק; ס'ווערט טרויעריק אויפן הארצן; ס'לעשן זיך אוים אַלע ליכטיקע חלומות און עס פאַלן צו לאנגע נעכט וואָס ווערן באוויינט פון עלנדע ווינטן. אויף יעדן בוים, אויף יעדער צווייג, וויינט דער אומעט; ער וויינט און באוויינט דעם זומער וואָס איז אוועק. אין דער לופט שפינט א טרויער גרויע שאַלן איינצואוויקלען דעם טויטן זומער און אים פירן צו זיין איי־ביקער רו.

אוועק איז דער זומער, די פרייד, דער יום טוב פון ליכט, פון בליאונג, פון ליבע און געזאנג. אוועק זיינען די פויגל, פאר'יתומ'ט שטייען די וועלדער, שווארצע קראָען קלייבן זיך פארנעמען דאָס אָרט.

רויטע בלעטער פאַלן.

מאַנכע צווייגן זעען אוים ווי פאַרבלוטיקטע העלדזער ערשט אַרוים פון שוחט'ס חלף.

מענשן שאַרן צונויף די רויטע בלעטער און פארברענען זיי. זייערע חלומות ווערן געלויטערט אין רויטע פייערן, אין פלאמען.

אנדערע קערן אוים די רויטע בלעטער מיט א בעזים. ווי זיי וואָלטן גאָר קיינמאָל נישט געגרינט און געבליט אויף דער וועלט.

די בלעטער, וואָס האָבן דאָס גליק לייגנער צו בלייבן אויפן בוים, ווערן פארוואנדלט אין גאָלד—קומט דער ווינט און רייסט זיי ארונטער.

וואלגערט זיך גאָלד אין אַלע גאסן, טרעט מען אויף גאָלד וואָס האָט קיין ווערט נישט.

און די קראָען שטייען אויף די טרוקענע צווייגן און זיי פרייען זיך און זיי קראקען אוים מיט שמחה:

„אויס מיט די רויזן, מיט דער ליכטיקער זון, מיט איר ליכט, מיט איר וואַרעמקייט.

„היינט איז אונדזער יום טוב, אונדזער שמחה, אונדזער פרייד!"

דאָס שטילע טייכל מורמלט שטיל און עס דאַכט זיך ווי עס פּרעפּלט א קדיש נאָך דאָס שיינע וואָס איז אוועק. און אפשר טוט עס תפילה צו גאָט, דער פראָסט זאָל עס נישט טויטן, די קעלט זאָל נישט אָפּשטעלן זיין לויפן?

ווער קען פארשטיין וואָס שטילע טייכלעך טראַכטן; וואָס זייער מורמלען דריקט אויס?

פּוסט און וויסט זיינען אויך די בערג און די טאָלן. ערשט ניט לאַנג האָבן דאָרט יונגע פּאָרלעך געטרוימט פון ליבע, געזונגען לידער, געשפּונען ליכטיקע בילדער, גאָלדענע פאנטאַזיעס — איצטער איז דאָרט וויסט און א טיפער טרויער לויערט דאָרט און זוכט א ביינקענדיק הארץ, אן אָפּגענאַרט הארץ, וואו ער זאָל זיך קענען באַזעצן.

ווען די בערג און טאָלן זאָלן קענען ריידן, אך, וואָס פאר א סודות מיר וואָלטן פון זיי געהערט! סודות, וואָס די פארליבטע פּאָרלעך האָבן דאָרט איבערגעלאָזט און נישט מיטגענומען צוריק; סודות פון פרייד און פון טרויער.

אָבער די בערג ריידן נישט פּונקט ווי די טאָלן — זיי שווייגן. ששששש...

רוישן רוישט בלויז דער וואסער־פאַל ארונטער פון א פעלז און ער שרייט מיט קולות: „מיר קען דער הערבסט נישט טויטן; מיר קען דער פראָסט נישט אומברענגען; איך לעב און וועל לעבן; איך רויש און וועל אַזוי רוישן ווי לאַנג דער פעלז וועט בלייבן פעלז, ווי לאַנג מיין כוח וועט מיר דינען".

די פעלדער זעען אויס פארזאָרגט; עפּעס א צער ליגט אויף זיי; א בענקשאַפט.

זיי בענקען נאָך די קאָרנזאַנגען, נאָך די ווייץ, נאָך די גערשטן, נאָך די גרינציייג וואָס די זון האָט זיי באַשאָנקען מיט וואַרעמקייט און די רעגנס האָבן געשטילט זייער דורשט.

אויך די זון גייט אנדערש אונטער ווען די רויטע בלעטער פאַלן. א האַלבער הימל צופלאַקערט זיך און פייערדיקע טייכן צוגיסן זיך

און צינדן אָן די אַנדערע העלפט; דאכט זיך, אז א וועלט ברענט, א וועלט גייט אוים אין אייגענע פלאַמען. נישטאָ יענער שטילער זונ־אונטערגאנג פונם זומער; יענע מילדע, ווייכע פארבן, יענע סודות׳דיקע פאַסן וואָס קומען אויף און צאַנקען אוים אין שטילע רגע׳ס.

דער הערבסט מאָלט אַלץ אין שטאַרקע פארבן; אין רויטע, אין בלוטיקע.

אפילו די ווינטן בייזערן זיך און וויינען הינטער די פענסטער.

אזוי וויינען קענען נאָר פידלען אין די הענט פון פארליבטע ציגיינער.

הערבסט־ווינטען זינגען נישט, זיי האָבן פיינט געזאנג; זיי ליבן געוויין. אויך דער הימל וויינט. גרויע וואָלקנס ציען, ציען, ווייסן אַליין נישט וואו; וואָלקנס האָבן נישט קיין היים, זיינען נע ונד...

ציען די וואָלקנס פאמעלעך, אָן א באשטימטן וועג, אָן א ציל... וואו די ווינטן וועלן טרייבן, דאָרטן וועלן מיר גיין... עס ווענדט זיך אין די ווינטען...

גיי איך אריין אין א פּאַרק, טרעט איך אויף גאָלדענע בלעטער. די בענק זיינען ליידיק, שטיל. קיין שטימען פון מענשן, קיין געזאנג פון פארליבטע פּאָרלעך, קיין פּיפּס פון א פויגל. עס ווילט זיך גאָרנישט גלויבן, אז אויף די זעלבע בענק זיינען, ערשט נישט לאנג, געזעסן יונגע פארליבטע און ארייננגעכאַפּט שטיקער לעבן, אינאיינעם מיט שטיקער זון און שטיקער פרייד.

— וואו איז היינט די זון, דער בלויער הימל, דאָס געזאנג?

שא, שטיל.

איצט איז הערבסט; איצט פאלן רויטע בלעטער; איצטער שפּילן די ווינטן אויף זייערע פידלען.

ווען די קאַרשן־ביימער בליען

ברודער מיינער!

אָרעמער, דערשלאָגענער, הילפלאָזער ברודער; קעניג פון זיפצן און באַזיצער פון טרערן און דלות!

ווען דו שלעפּסט זיך באַגינען אַ מידער, אַ צובראָכענער, אַ נישט־דערשלאָפענער צו דער אַרבעט און דיינע אויגן זענען אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע אַרבייטער מיט די בייגל אין די קעשענעס, מיט די פלעשלעך שוואַרצע קאַווע אונטער די פּאַכוועס, און מיט צער און צאָרן אין זייערע הערצער — אָט אין דער זעלבער שעה, אין דעם זעלבן באַגינען שפּאַצירט אַרום דיין אַרבעטסגעבער אויף זיין מאַיאָנטעק אויף שטילע, פאַרבאָרגענע וועגן, לעבן בלומען־בערגלעך און קלאָרע וואַסערן, און ער ציט אין זיך אַריין די פרישע מאָרגן־לופט און ער הערט דאָס טשוויטשערן פון פייגל, און זיין אויג זעטיקט זיך אָן מיט די רויטע וואָלקנס וואָס פאַררויטלען דעם מזרח־הימל.

בלויז איין רויט וואָלקענדל מאַכט דיין אַרבעטסגעבער אומרואיק. עס דאַכט זיך אים אויס, אַז דאָס איז אַ רויטע פאָן.

אָבער באַלד ווערט דאָס רויטע וואָלקענדל אָפּגעווישט פון אַ געהיימער האַנט און אַ שטיין פאַלט אַרונטער פון זיין האַרץ; ער פילט זיך עפּעס זיכערער, פרייער.

און ווען דו, מיין אָרעמער, מיין עלנדער ברודער, שפּאַנסט אַריין אין פאַבריק אוועקגעבן אַ טאָג פון דיין לעבן, אַ טאָג פון דיין פרייד צו דיין אַרבעטסגעבער, פּונקט אין דער צייט שפּאַנט דער אַרבעטס־געבער אַריין אין אַ סאָד פון קאַרשן־ביימער בשעת זיי בליען, בשעת זיי טראָגן אויף זיך די ווייסע בלימעלעך, די ווייסע קוויטן.

ווי כלות אין חופּה־שלייערס זענען זיי אויס די קאַרשן־ביימער.

און אָט קומט אָן אַ שטיל ווינטל פון ערגעץ, אַ ווינטל וואָס איז ווייך ווי סאַמעט, און עס נעמט פאַרפירן אַ שמועס מיט די ווייסע קאַרשן־בליטן.

דער שמועס צווישן זיי איז אזוי שטיל, אזוי סודות׳דיק, אז מיר, פּראָסטע מענשן, קענען נישט הערן. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, צוקריגן זיי זיך; שלאָגן זיך. א סימן —

עס פאלן ווייסע בלומען ארונטער אויף דער ערד.

זיי ווייען פּאמעלעך, מיט אזא מין טרויער, וואָס נאָר זיי אליין פילן.

און דאָס ווינטל שפּרייט די בלויע פליגל און פליט זיך אוועק אין אַן אַנדער סאָד פון קאַרשן־בוימער, ארונטערצוטרייסלען אנדערע בליטן.

און באַלד באווייזט זיך די זון, א לאכעדיקע, און זי צעוואַרפט אוצרות מיט גאָלד אויף דער וועלט. אלע וועגן און סטעזשקעס זיינען באַנאָסן מיט גאָלד. דורך די בליענדיקע צווייגן פאלן שטיקער גאָלד. אויפן שטילן רונצלדיקן וואסער שווימען ארום גאָלדענע קווייטן. און אָט שטייט א רויטער פויגל מיט א נעלן טשוביק; איז זיין האלז אויך באַגילדעט.

און דער ארבעטסגעבער דיינער שפּאַצירט זיך ארום זיין מאיאָנטעק און ער קוועלט, ער שעפּט נחת. ער ווערט גרעבער ווי לייבער.

עס פאלט אים גאָר נישט איין, אז דאָס אלץ איז דיינס; אז ער האָט נחת פון פרעמדן גליק, פון פרעמדער פּראצע, פון ארבעטער־שוויים!

אין דער זעלבער צייט ווען ער, דיין באַלעבאָס, טרעט ארום אויף גאָלד און אויף בלומען; ווען ער זעט פאַר זיך א סאָד פון בליענדע קאַרשן־בוימער, אין דער זעלבער צייט זיצסטו, מיין אָרעמער ברודער, אין דער פאבריק, אין גערויש פון מאשינען, אין א וואָלקן פון שעד־לעכן שטויב, אין א לופט וואָס איז דער מלאך־המות פון דיינע יונגע יאָרן.

און ווען דו שפּאנסט ארום צווישן דעם אייזערנעם גערויש און משוגענעם טומל פון דער פאבריק, ווען יעדער רגע לויערט אויף דיין יונגן לעבן אַן אייזערנער ראָד מיט אייזערנע ציין — אין דער זעלבער צייט זיצט דיין ארבעטסגעבער אין זיין רייכן עס־צימער, מיט די פיינסטע וויינען אויפן טיש, מיט פליישן און בלומען, און לידער.

און דאָס הויז איז איינגעהילט אין זונענשיין, אין גאָלד: גאָלד

אויפן וויין, גאָלד אויף די בלומען און גאָלד אויף די קרישטאָלענע הענג-לייכטער.

און איבער וואָס חלומ'ט ער? ער חלומ'ט פון ווייטע רייזעס; פון אנדערע לענדער, פון לינקע ליבעס.

אין זיין צוהיצטער, זינדיקער פאנטאזיע זעט ער זיך אין די הענט פון אַנדערע פרויען; ער גיט זיי געלט, און זיי גיבן אים זייער רייץ, זייער פייער.

ער מאַכט אין זיין געדאנק חשבונות. ער רעכנט און רעכנט, און ער קומט צום שלום, אז מיט צען טויזנט דאָלער וועט ער קענען מאכן די רייזע.

און וואָס וועט זיין מיטן פאלאץ? גאָרנישט וועט זיין; דאָ וועט ער לאָזן זיין פרוי מיט די קינדער, און ווען ער וועט צוריק־קומען, וועט זיין פרוי מאכן א רייזע.

זיי פאָרן אלע מאָל באזונדער.

זיי ווילן זיין פריי.

זיי ליבן די פרייהייט...

ווען־זשע וועט ער מאכן די רייזע? באלד, ווי נאָר די קארשן־בוימער וועלן אויפהערן צו בליען; ווען די היצן וועלן אָנקומען.

און וואָס טראַכט דער ברודער מיינער, דער עלנדער? ער טראַכט גאָרנישט; ער האָט נישט מיט וואָס צו טראַכטן. און אויב ער טראַכט יאָ אמאָל, איז דאָס געדאנקל זיינס אזוי קליין, אזוי גרינג, אז עס ווערט באלד אויסגעוועפּט.

וואָס־זשע באזיצט ער דאָך, דער אָרעמער ברודער מיינער?

א קללה, א שווארצע, א גיפטיקע!

אָבער ער האָט זי פארשלאָסן אין זיין הארץ מיט טויזנט שלעסער; ער ווערט פארצוקט מיט דער קללה אינאיינעם.

ברודער מיינער!

רייס ארויס די קללה פון דיין הארץ און עפן א פענסטער פון דער טומלדיקער פאבריק און שיק זי אוועק אהין, אהין, דאָרט, צו דיין ארבעטסגעבער, אויף זיין מאיאָנטעק.

איצט איז די צייט; איצט, ווען עס איז אים אזוי גוט, ווען ער באָדט זיך אין פרייד, ווען די קארשן-בוימער בליען.

זע, מיין טייערע

— זע, מיין טייערע, דער פרילינג איז שוין דאָ. מזל טוב!
— א גדולה אויף מיין באָבען. וואָס האָב איך פון פרילינג?
— טו א קוק, ועסטו זען בלויע הימלען, ווי בלויע זיידנס, ווי בלויער סאמעט.
— וואָס קומט מיר ארויס פון די בלויע הימלען, אז איך האָב נישט וואָס אָנצוטאָן? נישט קיין קלייד, נישט קיין שיך, נישט קיין העמד.
— אך, דיר ליגן אלץ אין זינען פוסטע זאכן. מיין ווייב, נארישע; מעגסט זיך שעמען, מעגסטו זיך; א דיכטער׳ס פרוי זאָל נישט זיין באגייסטערט פארן פרילינג; זעסט, מיין ווייבל, ווי די בלומען עפענען שוין זייערע קנאָספּן?
— באצאָל בעסער מנשה׳ן דעם חוב, וועט זיין א סך גלייכער ווי ווערן באגייסטערט פאר בלומען; זיי, די בלומען, וועלן עפענען זייערע קנאָספּן אָן דיין באגייסטערונג; קענסט זיך אויף זיי פארלאָזן.
— און דאָס וואָס די זון קושט זיך מיט די קנאָספּן איז ביי דיר גאָרנישט?
— דאָס איז בלאָטע! ווען די זון וואָלט געווען נישט געזונט און נישט געהאט קיין ברויט אין הויז און נישט קיין גראָשן ביי דער נשמה, וואָלט איר נישט געלעגן אין זינען זיך צו קושן מיט די קנאָספּן; פארוואָס קוש איך דיך נישט? פארוואָס קושסט דו מיך נישט? וויל מיר זיינען אויף צרות!
— דו רעדסט ווי א ניט־אינטעליגענטע פרוי, מיין ווייב; עס פאסט גאָרניט פאר א פּאָעט׳ס א ווייבל אזוי צו ריידן.
— מיינע צרות ריידן!
— טייערע! פארגעס אויף א ווילע די צרות, דו באטראכט בעסער

די בוימער; זע ווי זיי האָבן זיך אויסגעפּוצט אין גרינע זשופּעצעס און זיי קווען פאר פרייד; איז דאָס נישט שיין פארן אויג?

— וואָס קומט מיר ארויס פון זייערע גרינע זשופּיצעס, אז מיר אליין האָבן ניט קיין העמד אויפן לייב?

—ווער דארף א העמד, ווער? ביי מיר איז דער פרילינג טויזנט מאָל טייערער ווי טויזנט העמדער!

— דו ביזט דאָך א דיכטער, א פּאָעט, ווייַ איז צו דיר! א פּאָעט, וואָס מען דרוקט ניט, וואָס מען לעזט ניט, וואָס מען וועט ניט לעזן.

— טייערע, איך בעט דיך, צושטער מיר ניט דעם גרויסן יום טוב; דעם גרעסטן פון אלע יום טובים אין דער וועלט. איך האָב געגנוג געוואַרט אויף אים... זע, מיין טייערע, ווי דער טייך שימערט און גלאַנצט אונטער דער זון; זע נאָר וויפיל גאָלדענע מטבעות עס שווימען ארום אויפ'ן טייך. איז דאָס ניט פּרעכטיג, וואונדערלעך? קענען דאָס זעען די מענטשן, וואָס זיצן אין פינסטערע טענעמענט-הייזער, אין די טוכלע נאָסן? קיינמאָל ניט!

— וואָס טויגן מיר די גאָלדענע מטבעות אויפן טייך? ווען איך וואָלט געהאַט אזוי פיל גאָלדענע מטבעות אין קעשענע, דאַמאָלט, זעסטו, וואָלט ביי מיר אויך זיין א יום טוב. אָבער אזוי־אָ...

— הער אויף, טייערע, צו ריידן, מ'עט לאַכן פון דיר ס'גרעסטע געלעכטער!

— זאָל מען לאַכן! א קלוגער מענש מיט שכל, ניט אזא האָלע־דריגע, ווי דו ביזט, וועט ניט לאַכן; פּאָעטן וועלן לאַכן!

— נאַריש ווייבל מיינס, ניט אויף געלט שטייט די וועלט; געלט איז א קללה, זאָגן די גרויסע פילאָזאָפן.

— יאָ. אָבער די זעלבע פילאָזאָפן האָבען פאר זייערע ביכער גענומען א סך געלט.

— איך ווייס ניט.

— זיכער! וואָס דען מען וועט זיי ניט באַצאָלן, ווי מען באַצאָלט דיר ניט?

— טו מיר א טובה און רייד מיר ניט אצינד פון געלט, באַצאָלן; וויי איז צו דעם דיכטער, וואָס שרייבט פאר געלט!

— מען קאָן דאָך אָבער ניט עסן לידער, ווען מען איז הונגעריק.

— מען דארף ניט עסן; די יונגע פרייד פון די פעלדער, די ווײסע בליטן פון די קארשן־בוימער מאכן זאט א מענשן.

ניט מיך. איך וויל עסן, עסן, זיין זאט; האבן ברויט; אט וואס איך וויל! איך וויל אויך וואוינען אין א שיינער דירה, א ליכ־טיקע, א גראמע, מיט א סך לופט, מיט שיינע מעבל, מיט א ראדיא; ניט וואוינען ביי יענעם אין אן איינגן צימער און שלאפן אויף אן אלט בעטל מיט אלטע שמוץ און אלטע בייסערלעך...

— טייערע! ווער הייסט דיר זיין אין הויז, ווער? אט איז די וועלט אן אפענע, א פרייע, א ברייטע, א ליכטיקע! די זון טאנצט איר גאלדענעם שלייער־טאנץ אויף די שפיצן פון טאפאליעס; האב איצט ניט אין זינען דעם איינגן צימער מיטן אייזערנעם בעטל; האב איצט אין זינען דעם ליכטיקן דרויסן, דעם בלויען הימל, די צעבליטע קארשן־בוימער, די גאלדענע פישלעך אויפן טייך, וואס די זון שפילט זיך מיט זיי; לאמיר, טייערע, באגריסן דעם פרילינג! הערסט? דאס זיינען די פויגל; הער נאר א שמחה, א פרייד! זייער געזאנג איז שענער, נאטירלעכער און א סך הארציגער ווי דאס געזאנג פון די אפערא זינגער. זיי, די פויגל, זינגען ווען עס זינגט זיך זיי; ווען זיי ווערן באגייסטערט און די אפערא זינגער זינגען פאר געלט; פאר באצאלט; דערפאר איז מיר ליבער צו הערן די פויגל.

— דו ווייסט נישט וואס דו בעבעסט, מיין מאן; דו ביזט געוועזן אן אידיאט און וועסט בלייבן אן אידיאט, אויב א מאשין וועט דיך נישט איבערפארן, אויב מען וועט דיך לאזן לעבן.

— טייערע, איך בעט דיך, זיי נישט אזוי צוטראגן; גענים גלייך מיט מיר פון גאט'ס ליכטיקן דרויסן; נעם אן דאס לעבן ווי עס גייט. דו פילסט, מיין טייערע, דאס ווייכע ווינטל אין דער לופט? זעסט ווי די צווייגן וויגן זיך? דאס דערציילט דאס ווינטל זיי א מעשה'לע אזא; א מעשה'לע פון אנדערע וועלטן, פון אומבאקאנטע; בלויז דיכטער קענען פארשטיין אזעלכע מעשה'לעך.

און דער באגייסטערטער דיכטער האט ארומגעכאפט זיין אומעטיק ווייבל, זי צוגעפרעסט צו זיך און זי נעקושט און געהאלזט.

זי האט אים אפגעשטויסן פון זיך און אויסגערופן:

— לאז מיך אפ, משוגענער!

א ליבעס־בריוו

מיין ליבע עטל!

זיי מיר מוחל, עטל, פארוואָס איך רוף דיך עטל. ווערליק דיין גוט האַרץ און דיין גוטן כאראקטער, האָב איך דיך באדארפט רופן עטעלע, נישט עטל. טאָ פאר וואָס־זשע רוף איך דיך עטל, נישט עטעלע? איז פאראן דערביי א טעם; א יונג מיידעלע רופט מען עטעלע; אָבער אזוי ווי דו ביזט נישט מער קיין קינד, נאָר א קלוגע, א פארשטענדלעכע פרוי מיט וועמען ס׳איז א פארגעניגן צו פארברייג־גען, רוף איך דיך דערפאר עטל, נישט עטעלע.

הויב איך אָן נאָך אמאָל פון אָנהויב.:

איך לאָז דיר וויסן, אז איך בין איצט אין די בערג. ארום הונ־דערט און צוואַנציק מייל ווייט פון ניו יאָרק און פון טומל. איך בין זיך געקומען מיט דיר געזעגענען. איז דיין מאַן געווען אין דערהיים; האָב איך נישט געוואָלט ארויפגיין. דו ווייסט דאָך, טייערע עטל, אז איך האָב פיינט דיין מאַן פונקט ווי דו האָסט אים ליב.

און אז א פרוי האָט ליב איר מאַן, לוינט זיך פאר א צווייטן מאַן נישט אריינצוקומען צו אָפט (דער צווייטער מאַן וויל נאָך לעבן...)

איך ליב אריינצוקומען צו דיר, ווען דו ביזט אליין ווען דיין מאַן דיינקט, אז דו ביזט אליין.

האָב איך זיך דערפאר מיט דיר נישט געזעגנט, מיין טייערע! אָבער דו ביזט דאָך א קלוגע, א פארשטענדיקע, וועסטו מיר מוחל זיין.

איך וועל דיר, אומישנע, באשרייבן די בערג, כדי דו זאָלסט וויסן, וואו איך געפין זיך און וואו איך האָב פארשלעפט מיין בענקשאַפט.

וואָס פאר א פרוי איך זע דאָ, טראַכט איך באלד: „נישטאָ קיין שענערע פאר דיר, ניין!" וואָס פאר א פרוי איך הער דאָ ריידן, טראַכט איך: „נישטאָ קיין קלוגערע פאַר דיר, נישטאָ און ס׳וועט נישט זיין!"

הקיצור, לאָמיר דיר אָפּמאָלן, אין קורצן, די בערג און דאָס אָרט, וואו איך געפין זיך איצט:

דער פּלאַץ רופט זיך: „דער שאָטנדיקער וואסערפאל". ווייל עס געפינט זיך דאָ נישט ווייט א וואסערפאל, וואָס מען הערט זיינע געשרייען, זיינע גוואלדן, און מען זעט אים נישט. ער קומט ארויס פון א טאָל און ער פאלט אריין אין א צווייטן טאָל. מוז מען ארונטערגיין, דורך א זייטיקן וועג, ביי א צוויי הונדערט פוס אונטער א ווילדן וואלד, מיט א שטיינערנעם באַרג, און דאָרט ערשט ווידער אויף א געדרייטער סטעזשקע, ביז דו דערזעסט דעם וואסערפאל.

אָבער ס'איז אַלץ ווערט.

דאָס איז דער שענסטער וואסער וואונדער, וואָס איך האָב ווען געזען.

דער ניאגארא איז מעכטיקער, שטאַרקער, אָבער נישט שענער און נישט פּאָעטישער.

דערפאר טאַקע טרעפט מען לעבן דעם „שאָטנדיקן וואסערפאל" אזויפיל יונגע פארליבטע פּאָרלעך, פארטרוימטע, פאַר'חלומ'טע, מיט הייסע גליענדע הערצער, ווי זיי וואָלטן דאָ געקומען ביים וואסערפאל די הערצער לעשן.

ווייסטו שוין, טייערע עטל, ווי עס הייסט דער פּלאַץ, וואו איך האַלט זיך אויף?

איצטער וועל איך ווייטער א פיר טאָן די פעדער:

פארשטייט זיך, אז די בערג זיינען שיין און שענער; הויך און העכער, און כמעט יעדער איינער פון די בערג איז פאר זיך א גאַנצער פילאָזאָף; כמעט יעדער איינער פון די בערג שטייט זיך פארטראַכט מיט א געקארבטן שטערן, פאריסן דעם קאָפּ צו די הימלען, ווי ער וואָלט פרעגן ביי גאָט: גאָט, גאָט, ווי לאנג נאָך וועסטו מיר אזוי לאָזן שטיין אויף איין אָרט? ווי לאנג איז דאָס דער שיעור?

קומט אין אָוונט, זעצט זיך די זון ווייט, ווייט הינטער די מערב־בערג; אמאָל רויט, אמאָל גאָלד־רויט און אמאָל אין טויזנטער פארבן מיט אמאָל. ווען זי גייט שלאָפן, גייט זי איבער פייערדיקע הענגל־בריקן, צווישן פייערדיקע אינזעלעך און פייערדיקע טייכן.

דערנאָך ווערט קיל און שטיל און דאָס האַרץ נעמט בייַנקען, בייַנקען.

נאָך וועמען עס בייַנקט זיך? דו ביזט דאָך א קלוגע, עטל, דאַרפסטו שוין אַליין פאַרשטיין.

איך בין דאָ נישט דער איינציקער; כמעט אַלע בייַנקען דאָ אין די שטילע אויסגעשטערנטע נעכט. אָבער נישט אַזוי שטאַרק ווי איך.

שיין איז צו זעען ווי א שטערן טוט א פלי אַוועק אין אַן אַנדער וועלט אַריין. שטערן קענען אויך ניט איינזיצן אויף איין אָרט; זיי זייַנען אפילו מיטן הימל נישט צופרידן.

ווי ס'ווייזט אויס, באַהאַנדלט זיי גאָט נישט ווי עס באַדאַרף צו זייַן.

ער ליבט, אפנים, הערשן איבער זיי; אַנטלויפן זיי פון דערהיים, די קלוגע שטערן.

און ווען דער יונגער מאָרגן נעמט זיך אויסטשוכען, אויסרייַבן די בלויע אויגן, דאַמאָלט לאָזן זיך הערן די פייגל.

אָבער מיר פאַרדריסט וואָס איך בין כמעט דער איינציקער דאָ, וואָס איך הער זיך צו צו די פייגל. ווען זיי זינגען, שלאָפן אַלע פאַרלעך ווי דער'הרג'עטע; זיי זייַנען ערשט איינגעשלאָפן.

בין איך כמעט דער איינציקער, וואָס איך הער זיך צו צו זייערע לידער.

טייערע עטל!

זאָלסטו זעען ווי שיין די גראָזן און די בלעטער פון די רויזן זייַנען אין די קילע פרימאָרגנס!

יעדעס גרעזל טראָגט אויף זיך א שנירל פערל פון טוי־טראָפּנס, און ווען די זון קומט אַרויס א פריילעכע, א לאַכנדיקע, הויבן די טראָפּנס טוי אָן צו בליצן, וואָלסט געשוואָרן — אמתע בריליאַנטן! און פון די רויזן פאַלן אַרונטער די טוי־פערל אויף דער ערד; טרעט איך אויף פערל.

און בשעת מעשה דערהערן מייַנע איידעלע אויערן, פון די אָפענע פענסטער אַרויס, דאָס כראָפּען פון די מענשן.

טראַכט איך:

אידיאָטן! איצטער, ווען די זון לאַכט, און רויזן זייַנען אויס־

געציר‍ט אין פּערל, און גראָזן טראָגן פּערל־קרוינען, און פויגל זינגען מאָרגן־לידער — איצטער כראָפּען זיי!

און דאָ בין איך איינער אַליין, מיט מיין שאָטן. און עס פאַר־דריסט מיך, פאַרוואָס דו, מיין טייערע עטל, ביזט נישט מיט מיר אָט דאָ, אין דעם האָטעל, וואָס שטייט נעבן דעם „שאָטנדיקן וואַסערפאַל".

און ווער ווייסט? אפשר וואָלטן מיר דאָ אויך געכראָפּעט און פאַרשלאָפן די גאָלדענע פרימאָרגנס?

זיי געזונט, טייערע! איך וועל דיר נאָך שרייבן. איצטער וויל איך זיך צוהערן צו די פייגל־געזאַנגען.

ד י י ן   ה ע ר ש ע ל.

ליבסטע מיינע

א געזאנג

ליבסטע מיינע!

לייגט צו דיין אויער, מלאך מיינער, און הער זיך צו צו מיינע רייד:

איך וויל, אז דו זאָלסט אלץ אוועקלייגן אָן א זייט און זיך אָנטאָן דיין זיידן קליידל און ארויסגיין הינטער'ן שטאָט און מיך אָפּווארטן אין נריגעם וואלד, אין דעם פרישן.

נישט אין וועלדל, נאָר אין גרויסן, אין געדיכטן וואלד, וואָס איז אין דער רעכטער האנט, נישט ווייט פון דער מיל.

דאָרט, אין יענעם וואלד, צו דער רעכטער זייט, נישט ווייט פון דעם שטילן וואסער'ל, וואָס דאווּנט שוין טויזנטער יאָרן און ווערט נישט מיד און ס'האָט נאָך אלץ נישט אָפּגעדאווּנט — אָט דאָרט, אין יענעם וואלד זאָלסטו מיר אָפּווארטן ווען די זון וועט ארונטערגיין; נישט פארגעם!

איך וויל זיין מיט דיר אליין; אליין, אליין; געדענק־זשע די צייט, ליבסטע מיינע. איך וויל זיין ווייט, ווייט פון פרעמדע אויגן, פון פרעמדע בליקן, פון מענשן. דאָרט, אין יענעם וואלד, וועט פארלאָשן ווערן אונזער פּיין און עס וועט זיך אָנצינדן אונזער פרייד.

ווען א פארליבט פּאָרל געפינט זיך ווייט פון מענשן אין א וואלד בשעת די זון האלט ביים אונטערגיין, פארשווינדט די לייִד, און די פרייִד פארנעמט איר אָרט.

מיר וועלן דאָרט די פרייד באַגעגענען מיט אָפענע הענט.

פאר עדות וועלן מיר אָנשטעלן די רויטע וואָלקנדלעך פון מערב־הימל און דעם ערשטן אָוונט־שטערן.

מען דארף נישט קיין בעסערע עדות. אזעלכע עדות וועלן נישט שווערן פאלש זיי לאָזן זיך נישט אונטערקויפן.

דאָרט, אין יענעם וואַלד, וועל איך דיר, ליבסטע, פאַרטרויען אַ סוד, אַ וואונדערלעכן סוד; און טאָקע באַלד דעם סוד פאַרזיגלען מיט אַ קוש. קום־זשע, ליבסטע מיינע, אַרויס אין צייט, פאַרשפּעטיק נישט! דאָרט וועלן מיר זיך פעסט אַרומנעמען, זיך צונויפגיסן. ברענען היים וועט דיין געזיכט און דיין בלוט; ברענען היים וועט דיין גאַנצער קערפּער און איך וועל ווייגען און לאַכן פאַר פרייד; און איך וועל דיר קושן היים און הייסער און זינגען וועט מיין בלוט דאָס געזאַנג פון ליבע, פון יוגנט, פון דערוואַכונג.

און אונטערגיין וועט די זון און פאַרלאָשן ווערן וועט דער לעצטער וואָלקן און די לבנה וועט זיך באַווייזן און אונז באַגריסן מיט איר זילבערן געלעכטער און זיך באַלד באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקענד׳ל און ווידער אַרויסשטעקן אַן אויג — אונז היטן.

קום אין צייט, ליבסטע מיינע, קום אין צייט! אַלץ און אַלץ וואָס איך באַזיץ, וואָס איך פאַרמאָג, וועל איך דיר אוועקגעבן. נאָך מער ווי **אַלץ!**

איך בעט דיך, ליבסטע מיינע, לייג נישט אָפּ דיין קומען אויף מאָרגן, אויף איבערמאָרגן; טו דאָס נישט!

ווען די יוגנט טאַנצט אין די בלוטן, ווען די בלוטן זינגען דאָס זיסע געזאַנג פון ליבע און געגנוס און פרייד און גליק — דאַמאָלט איז די צייט. לייג נישט אָפּ דיין קומען, לייגט נישט אָפּ!

דער מאָרגן טאָר נישט באַרויבן דעם היינט; מאָרגן קומט אַן אַנדער טאָג מיט אַן אַנדער זון, מיט אַן אַנדער געזאַנג!

לייג נישט אָפּ דעם היינט אויף מאָרגן; יעדער טאָג ברענגט מיט זיך זיינע לידער, זיינע חלומות.

אויף זיינע בלויע פליגל ברענגט ער עס; אויף זיינע פליגל, וואָס זיינען אַזוי בלוי ווי דער הימל אין אַ לויטערן זומער־טאָג.

היינט מוזטו קומען!

קורץ איז אונזער לעבנס־טאָג און נאָך קירצער איז די פרייד וואָס באַווייזט זיך צו אונז, מענשן, צו אונז פאַרליבטע, אַזוי זעלטן, אַזוי זעלטן.

טאָמער וואַרסטו אָפּ אַ ביסל, וועט אָנקומען די נאַכט, די אומע־טיקע, פלעדער־מייז וועלן זיך אין דער לופט באַווייזן; הינט וועלן

אַנהויבן צו בילן; די לופט וועט ווערן קאַלט, פייכט, אומגעזונט.

די פרייד פון אונז וועט זיך אויסוועפּן, דאָס בלוט וועט ווערן קאַלט, דאָס געזאַנג וועט זיך איינשטילן, דער קוש, וואָס איצט ברענט ער אַזוי גליענדיק־הייס אויף מיינע ליפּן, וועט פאַרגליווערט ווערן; ער וועט אויסגעלאָשן ווערן ווי אַ זונען־שטראַל.

און דער קאָפּ וועט ווערן גרוי, און די אויגן וועלן מיד ווערן און זיך פאַרמאַכן.

און די נשמה, די יונגע, די הייסע, די זינגנדיקע נשמה מיינע, וועט אַ ציטער טאָן, אויסציען די פליגלען און אוועקפליען פון מיין גוף אין אומבאַקאַנטע וועלטן.

טאָ קום אין צייט, הייַנט; דער מערב־הימל רויטלט זיך שוין; דער בין־השמשות קומט שוין אָן.

איך הער שוין זיינע שטילע טריט; ער גייט ווי אויף פוך...

טאָ קום אַרויס אין געדיכטן וואַלד, נישט ווייט פון דעם שטילן לויפנדיקן וואַסערל, וואָס דאַוונט שוין טויזנטער יאָרן, און ס'איז אים נאָך אַלץ נישט מיאוס געוואָרן.

נאָך אַמאָל:

טו אָן דיין טונקל־גרינע קלייד, שטעק אַריין אַ רויטע רויז אין דיינע שוואַרצע האָר און וואַרט מיך אָפּ אין וואַלד ווען די זון וועט אונטערגיין.

איך וויל זיין מיט דיר אַליין, אַליין...

יענע זומער־נאַכט

נעדיינקסטו, טייערע, יענע זומער־נאכט אין די בערג ? איך וועל יענע נאַכט קיינמאָל נישט פארגעסן. אזעלכע נעכט וויל מען נישט און מען קען נישט פארלירן פון זכרון. אויב דו האָסט זי אָבער יאָ פארגעסן, טייערע, וועל איך דיך דערמאָנען :

דאָס איז געווען א שבת בין־השמשות, א צייט ווען דער שבת שטייט שוין מיט איין פוס אויף דער שוועל אוועקצוגיין. ווען מיליאָ־נען פרומע אידישע מאַמעס זיצן אין טונקלקייט פון זייערע שטיב־לעך און קוקן ארויס דורך די שויבן אין דרויסן און בייַנקען נאָך זייערע קינדער, וואָס געפינען זיך ווייט ווייט פון זייער היים ; ווען די מאַמעס וויינען און גיסן מיט טרערן און זיפצן און זאָגן „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב"; ווען זיי בעטן ביי גאָט א גוטע, א מזל'דיקע, א געזונטע וואָך, מיט פרנסה.

אין אזא צייט, זיינען מיר ביידע אוועק צום וואַלד.
געדיינקסטו דעם שבת ?

א שטיק הימל האָט געפלאקערט רויט און אָנגעצונדן כמעט אַלע אויבערשטע פענסטער פון א ווייטן האָטעל.

עס האָט זיך אויסגעדאכט, אז דער האָטעל איז אזוי רייך, אז ער האָט באשטעלט ביי גאָט פאר יעדער שויב א באזונדער זון.

די לופט איז געווען שטיל און קיל און א ווייך ווינטל האָט אונז באגלייט מיט שטילע סודות.

איך האָב דיר אָנגעוויזן דעם ריכטיקן וועג, וואו מען פאָרט, וואו מענשן גייען ; אָבער דיך האָט געצויגן אויפן זייטיקן וועג, אויף א שמאָלע סטעזשקע, וואָס ליגט איינזאם אין פעלד.

מאָדנע... איך האָב דיך געוואָלט פירן אויפן גלייכן וועג, און דו האָסט מיך געפירט אויף א פרעמדן וועג...

און אָט זיינען מיר שוין לעבן וואלד. דער וואלד איז געשטאַנען ווי פארגליווערט; קיין בלעטל, קיין צווייגל, האָט זיך נישט גערירט, נישט געהוידעט. בלויז פייער־פליגעלעך האָבן זיך באוויזן און באלד פארלאָשן געוואָרן. ווי גרינע פונקען האָבן זיי זיך באוויזן די דאָזיקע פליגעלעך, וואָס טראָגן מיט זיך מיט זייער אייגענע ליכט. זיי האָבן ניט מורא פאר דער פינסטערניש פון די נעכט.

איך האָב געוואָלט בלייבן לעבן וואלד, זיך אוועקזעצן אויף א געפאלענעם בוים און דו האָסט געזאָגט: „ניין, לאָמיר אריינגיין אין וואלד, עס איז זייער אינטערעסאנט צו זיין ביינאכט אין א וואלד.״ איך האָב דיך געפאָלגט, איך האָב דיך אלע מאָל געפאָלגט.

מיר זיינען אריין אין וואלד. אלטע בלעטער אונטער די פיס האָבן זיך געלאָזט הערן. יעדער טריט אונזערער האָט ארויסגערופן א שאָרך.

און מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט. איך בין געזעסן און געווארט אויף דיינע לאָסקעס. דו האָסט פארשטאַנען, וואָס מיין הארץ באגערט, אויף וואָס עס ווארט. און דו האָסט מיך שטיל איינגעוויגט אין דיינע אָרעמס. איך האָב אוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף דיינע בריסט, און איך האָב געהערט דאָס קלאָפּן פון דיין הארץ. איך האָב גענומען ציילן די קלעפּ, אָבער איך האָב זיך צומישט אין חשבון. מיר זיינען דאמאָלט נישט געלעגן אין קאָפּ קיין ציפערן.

און דער הימל איבער אונזערע קעפּ איז געווען אזא טונקעלער. די שטערן אזעלכע גרויסע, שארפע, מאנכע האָבן געציטערט.

און דו, טייערע, האָסט מיך געטוליעט צו זיך פעסטער און הייסער און אויף מיין שטערן האָבן געברענט דיינע גליענדיקע קושן.

די קושן זיינען געווען אזוי ווי א היילונג צו מיין הארץ.

און ווי איך פארשטיי איצט, האָסטו פון די קושן אויך הנאה געהאָט.

דערנאָך האָסטו צוגעטראָגן דיינע ליפּן צו מיינע, און איך האָב דיר צוריקגעגעבן פאר דיין איטלעכן קוש — פינף.

און דו האָסט זיך פעסטער, שטארקער, הייסער געטוליעט צו מיר;

דיינע בלוטן האָבן געקאָכט און געזאָטן מיט לוסט, מיט ליבע.

אויך מיין בלוט האָט געזאָטן, ווי עס וואָלט געווען אָנגעגאָסן מיט פייער, מיט שטורם.

און ווען דער חלום אונזערער האָט באַדאַרפט ווערן אויס חלום; ווען ביידע הערצער אונזערע האָבן זיך באַדאַרפט צונויפגיסן אין איין האַרץ — פּונקט דאַן האָסטו מיך אָפּגעשטויסן פון זיך.

דו האָסט מורא געהאַט פאַר דעם סוף. דו האָסט געזאָגט: „אַט־אָ־די מינוט קען אונז פאַר׳סמ׳ען דאָס גאַנצע לעבן".

דיינע ווערטער!

„לאָמיר פאַרברייינגען די נאַכט דאָ אין וואַלד, ווי שׂכל׳דיקע מענשן, כאָטש די הערצער אונזערע זיינען געגן דעם שׂכל; כאָטש אונזערע בלוטן ווילן דעם שׂכל נישט צולאָזן. אָבער מיר זיינען שטאַרקער ווי די הערצער, ווי דאָס בלוט אין אונז — מיר דאַרפן זיך מאָרגן ווידער באַגעגענען און זיך ווידער קוקן אין די אויגן."

דיינע ווערטער. מיין זכרון האָט זיי פאַרשריבן.

און ווען איך האָב זיך אונטערגעגעבן, האָסטו פאַר גרויס פרייד מיך ווידער גענומען קושן און אויסגעקושט פון מיין האַרץ אַלע מיינע חלומות, וואָס איך האָב געוואָלט אין וואַלד חלומ׳ען מיט דיר איינ־איינעם.

דו האָסט אויך מיט דיינע הייסע קושן אַרויסגעקושט דאָס געזאַנג, וואָס אין די חלומות איז געלעגן. פאַר גרויס פרייד, וואָס מיר האָבן זיך ביידע באַהערשט, האָסטו זיך צעוויינט.

און איך האָב יעדן טרער פון דיינע אויגן אויסגעקושט.

און מאָדנע: די טרערן דיינע זיינען נישט געווען געזאַלצן ווי טרערן דאַרפן זיין. און אפשר זיינען פריידנס־טרערן קיינמאָל נישט געזאַלצן?

די מינוטן אין וואַלד זיינען געווען שעה׳ן, אויסגעביינקטע שעה׳ן פון צוויי הערצער, וואָס זיינען הונגעריק און האָבן מורא צו עסן.

די שטערן איבער אונז האָבן נאָך געציטערט מיט בלויע פייערלעך.

עס האָט גענומען גרויען אין בלויען, און דער פרימאָרגן האָט זיך גענומען אויסשפּינען. מיר זיינען מידע, פאַרמאַטערטע, ניט־אויס־געשלאָפענע, צוריק אוועק אין אונזער האָטעל.

אויפן וועג האָבן מיר געטראָטן אויפן פרישן טוי, ווי אויף פּערל. די זון האָט געעפנט אַן אויג, געכאַפּט אַ קוק אויף די בערג און עס צוריק פאַרמאַכט; עס באַהאַלטן הינטער אַ וואָלקן.

און ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין צימער פון האָטעל, האָסטו געזאָגט צו מיר: איצטער קענען מיר זיך קוקן גלייך אין די אויגן, מיט דיין האַלטן זיך צו מיר ביסטו מיר טייערער געוואָרן; ליבער, מיין לייב איז ריין, צייטיק. עס וואַרט מיט אַ זיסן ציטער אויף דיר; עס דורשט נאָך דיר; עס איז ווי אַ בלום, וואָס וואַרט אויף דער זון, ווי אַ טרוקן פעלד אויף רעגן.

און איך זאָג דיר צו, אַז דו וועסט זיין דער שטראַל פון דער זון, דער רעגן, וואָס וועט שטילן מיין דורשט.

דיינע ווערטער!

האָסטו זיי געהאַלטן?

איצט, ווען איך זיץ אַ מידער אין יענעם האָטעל, נישט ווייט פון יענעם וואַלד, און איך קוק אַרויס אין דרויסן אויף די זעלבע פעלדער, קומט מיר יענע צייט אין זכרון, און איך דערמאָן זיך יענעם חלום, יענע נאַכט אין וואַלד, יענע קושן דיינע, וואָס האָבן געברענט מיין שטערן ווי שטיקער פייער.

איך ווייס נישט, טייערע, געוועזענע מיינע, אויב דו געדיינקסט יענע צייט אין די בערג, אַזוי ווי איך, נאָר טאָמער נישט — וויל איך דיך היינט דערמאָנען.

אפשר, אפשר קלאַפּט נאָך היינט דיין האַרץ פאַר מיר? אפשר, אפשר, וועסטו זיך דערמאָנען היינט אָן דיינע ווערטער, וואָס זיינען דאַמאָלט אַרויסגעזאָגט געוואָרן?

מײַן פֿאַמיליע־נעסט

איך דערמאָן זיך מיט 40 יאָר צוריק אין אַ קאַלטער װינטער־נאַכט אין מײַן הײם: אין דרױסן, אונטער מײַן טאַטנס הײזל, װײנט דער װינט װי אַן עלנטער יתום. ער װיל אַרײַן אין אַ װאַרעם הױז זיך אָנװאַרעמען און קײנער לאָזט אים נישט אַרײַן.

דער טאַטע מײַנער, אַ בילד פֿון טרױער, גײט אַרום הין און צוריק און זיפֿצט. די קראַנקע מאַמע זיצט אױף אַ לאַנגער הילצערנער באַנק און כליפּעט. איך, זײער קינד, זײער זון, זײער קדיש, װאַרף זיך אַרום אומרואיק אױפֿן האַרטן געלעגער, װאַרט עס זאָל אָנהײבן צו טאָגן.

איך דערװאַרט זיך: דורך די קלײנע צעבראָכענע לאָדענלעך דרינגט אַרײַן אַ גרױער פּאַס פֿון יונגן מאָרגן. באַלד װערט עס העלער, גרױער, ליכטיקער. איך גײ אַרונטער פֿון געלעגער, עפֿן די לאָדנס: אַ װײַסע װעלט, אַ קאַלטע, טױט אַ בליאַסק אין די אױגן. דער טאַטע פֿאַרלעשט דאָס נאַכט לעמפּל.

אַ סטאַיע שװאַרצע ראָבן פֿאַרשרײַען די לופֿט; אױף די שױבן זײַנען אױסגעמאָלט עטלעכע זילבער זאַנגען. איך טו זיך אױף גיך אָן, װאַש זיך, נעם אַרונטער די תּפֿילין פֿון מײַן טאַטנס ספֿרים אַלמער און איך שטעל זיך דאַװנען.

איך דאַװן, אָבער דער קאָפּ מײַנער איז שױן אין אַמעריקע; מײַן געדאַנק שװעבט איבער דעם שטורמישן ים און איך זע פֿאַר זיך אַ גרױס לאַנד, אַ רײַך לאַנד, אַ גאָלדענע צוקונפֿט, אַ װעג אױס־געשפּרײט מיט רױזן . . .

אָבער דאָס זיפֿצן פֿון מײַן אַלטן טאַטן און דאָס װײנען פֿון מײַן מאַמען רײַסן איבער מײַנע געדאַנקען, מײַנע פֿאַנטאַזיעס...

דאָס איז דער לעצטער מאָרגן אין מײַן הײם, אין דעם הױז װאו איך בין געבױרן געװאָרן, װאו מײַן װיגל איז געשטאַנען, װאו

מיין מאַמע האָט מיר אַ לידל געזונגען, מיר דערציילט דאָס באַ־רימטע מעשה'לע וועגן ראָזינקעס מיט מאַנדלען און אַז תורה איז די בעסטע סחורה.

דאָס איז דער לעצטער מאָרגן וואָס איך בין אין מיין היים.

איך דאַוון אָפּ. די מאַמע, אַ וויינענדיקע, דעקט דעם טיש, גיט מיר אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ און אַ טעפּעלע הייסע קאַווע. איך עס און איך טראַכט: דאָס איז דער לעצטער מאָלצייט ביים טאַטנס טיש.

דאָס לעצטע מאָל; מער וועל איך שוין דעם טיש ניט זען; נישט דעם טאַטן, נישט די מאַמען, נישט די שוועסטער, נישט די ברידער, נישט דעם אַלטן גרויען זיידן, נישט די באָבען וואָס איז שוין האַלב בלינד.

דער לעצטער מאָלצייט ביים טאַטנס טיש! ווי אומעטיק עס ווערט אויפן האַרצן; טרערן שטיקן.

אָט קומט אַריין דער באַלעגאָלע, אַ איד מיט ברייטע פּלייצעס, די באָרד און די וואָנסעס באַדעקט מיט שטיקלעך אייז פונם גרויסן פראָסט. ער האַלט די בייטש אונטער דער פּאַכווע, דער קאָלנער פונם אויסגעקראָכן פוטערל אויפגעשטעלט, דאָס באַראַנקאָווע הי־טעל אַריבער די אויערן און ער טוט אַ זאָג:

— שוין צייט צו פאָרן! איר'ט פאַרשפּעטיקן די באַן; מאַכט עס שנעל!

און די מאַמע צעוויינט זיך שטאַרקער. דער טאַטע הערט אויף צו זיפצן; ער שטעלט זיך אָפּ ווי אַ פאַרגליווערטער; קוקט אויף מיר, אויף דער מאַמען, אויפן באַלעגאָלע, און מיר דאַכט זיך, אַז ער ווערט מיט יעדער רגע גרויער... ער שווייגט, אָבער זיין שווייגן צערייסט דאָס האַרץ!

איך נעם זיך זעגענען:

— זיי געזונט, מאַמע; זיי געזונט! וויין נישט; וויין נישט, מאַמע!

און די מאַמע נעמט מיך אַרום און הויבט מיך אָן צו קושן, און איך פיל ווי הייסע טרערן, אַזוי ווי גליענדיקע פונקען־פייער קאַפּען מיר אַריין אין האַלדז:

— זיי געזונט, טייער קינד, זיי געזונט; נישט פאַרגעס וואו דו

לאָזט אונדז איבער; ניש פאַרגעס... זע ווי עלנט מיר זיינען... פּאַס אויף, מיין קינד, פּאַס אויף, שרייב וואָס אָפטער בריוו. אויב איך וועל דיך מער נישט זען, זאָל איך כאָטש הערן פון דיר. שיק מיר אויך אַ פּאָרטרעט. פאַרגעס ניט, קינד מיינס, פאַרגעס ניט...

דער טאַטע וויינט נישט; ער צעקושט זיך מיט מיר און ער לאָזט מיך באַלד אָפּ. ער גייט צו צום ספרים אַלמער, שפּאַרט אָן זיין האַלב־גרויען קאָפּ, און איך זע ווי די אַקסלען זיינע צוקן; הויבן זיך אַרויף און אַראָפּ.

מיין מאַמע וויקלט זיך איין אין דער אַלטער שאַל, זי זעצט זיך אַוועק לעבן מיר אויפן שליטן, זי באַגלייט מיך צו דער באַן.

איך פאָר. איך וואַרף אַ בליק אויפן שטעטל: אָט איז די הויכע שול, דאָס אַלטע בית המדרש, דעם רבינס הויז, מיין חדר, אָט איז דאָס אַלטע הילצערנע בריקל; די טעלעגראַף־דראָטן זינגען; דיביימער זען אויס ווי קרישטאָל, אויף די ווייסע פעלדער בלישטשען דימענטן. בלויע רויכן ציען זיך אין דער בלויקייט אַריין און ווערן פאַרמעקט אין דער לופט.

מיר זיינען שוין ביי דער באַן. ווידער: „זיי געזונט, מאַמע", „זיי געזונט, מיין קינד", ווידער קושן און טרערן.

איך זיץ שוין אין באַן, קוק אַרויס. די מאַמע גייט צוריק איינע אַליין. זי גייט איינגעבויגן. איך פיל איר האַרץ. זי טראַכט: ווער ווייסט אויב איך וועל נאָך אַמאָל זען מיין קינד. און איך טראַכט אויך דאָס אייגענע: ווער ווייסט אויב איך וועל נאָך אַמאָל זען מיין מאַמען?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פאָדים פון מיין זכרון וויקלט זיך ווייטער, ווייטער:

איך בין שוין אין אַמעריקע, אין דעם גרויסן, רייכן לאַנד; איך בין יונג, פול מיט לעבן; דאָס בלוט זידט און זינגט אין מיר; דער קאָפּ איז בלאָנד, די אויגן גליען, איך קריג אַרבעט, פאַרזוך דעם טעם פון זיין באַהערשט פון פרעמדע, איך עס ביי פרעמדע טישן, שלאָף אויף פרעמדע געלעגערס, זינג פאַר פרעמדע מענטשן, דאָס לעבן כאַפּט מיך אַריין, בינדט מיך צו צו זיך, איך זע אַ סך צער און נויט, אַ סך אומגערעכטיקייט. איך ווער אַ סאָציאַליסט.

מאַרקס און ענגעלס און לאַסאַל ווערן מיינע הייליקע; איך שלינג

יעדעס וואָרט פון זייער תורה ווי א דורשטסקער פון א פרישן קוואַל.

און אָט באַקען איך זיך מיט א מיידל, א יונגע, א שיינע, א געזונטע מיידל. מיר פאַרליבן זיך, און וואו נאָר א פאַרוואָרפן ווינקל, וואו נאָר א טאָל, א באַרג, א פּאַרק, דאָרט פייערן מיר דעם יום טוב פון אונזער ליבע, פון אונזער יוגנט.

מיר ליבן שיינע לבנה נעכט, אויסגעשטערנטע הימלען, פייגל־געזאַנג און הייסע קושן. מיר שפּינען גילדערנע חלומות און מיר לעבן אין חלומות...

מיר האָבן חתונה; פון אונזערע חלומות ווערט א ווירקלעכקייט. מיר נעמען בויען אונזער פאַמיליען־נעסט.

און די צייט לויפט און שלעפּט מיט מיט זיך אונזערע טעג און יאָרן, אונזערע יונגע חלומות...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר האָבן שוין א בלאָנד טעכטערל מיט בלויע אויגן. עס איז פריילעך און שטוב. איך טאַנץ פאַר פרייד; איך שלעפער איין מיין קינד מיט די זעלבע לידלעך מיט וועלכע מיין מאַמע האָט מיך איינ־געשלעפערט; איך דערציייל איר אויך די זעלבע מעשה׳לעך.

אָט אזוי גייט די וועלט, טראַכט איך, און אזוי וועט זי גיין אויך ווייטער: דורות קומען און דורות גייען.

די פאַמיליע ווערט גרעסער, דאָס לעבן שווערער, און די זאָרגן טיפער.

א סך לייד און ווינציק פרייד האָט דאָס לעבן מיר געגעבן.

די קינדער זיינען געוואָרן גרעסער, מיר זיינען געוואָרן עלטער און גרויער.

און די יאָרן זיינען ווייטער געלאָפן ווי וואַסערלעך לויפן אַרונטער פון א באַרג און ווערן ערגעץ פאַרפאַלן.

מיר האָבן אליין נישט באַמערקט ווי אונזערע קינדער וואַקסן, ווערן עלטער און גרעסער, זעלבסטשטענדיקער.

פּונקט ווי איר קאָנט נישט באַמערקן ווי עס וואַקסן די גראָזן, אָדער די רויזן; איר ווייסט אָבער אז זיי וואַקסן. אָט אזוי זענען אויך קינדער: ווען איר זייט מיט זיי טאָג און נאַכט אין הויז, דאַכט זיך אייך אויס, אז זיי זיינען קינדער, ערשט פון די וויגעלעך אַרויס.

אָבער ווען ס׳גייט אוועק א יאָר און צוויי, און איר טוט א קוק אויף זיי, דאמאָלט זעט איר, אז זיי זיינען מער קיין קינדער נישט.

און עס הויבט זיך אָן א סדרה מוזיק: איינער שפּילט פידל, א צווייטער פיאנאָ, א דריטער קלאַרנעט. מען רעדט וועגן קאָנצערטן, סימפאָניעס, ריסייטלס, אָפּערעס; מען דערמאָנט אָפּט די נעמען פון בעטהאָוון, וואגנער, מאָצארט, ליסט; מען רעדט אויף הויכע טעמעס. די קלענערע קינדער, וואָס גייען אין פּאָבליק סקול, לעבן זיך אין זייער וועלט און צוויי, וואָס גייען נאָך נישט אין סקול, בעטן עסן און וויינען.

דער טומל איז גרויס. מיין פרוי איז פארטראכט: אכט מענשן דארפן עסן. מען קאָכט, מען באַקט, מען פרעגלט, דער אפּעטיט איז גרעסער ווי די פארדינסטן. חברה ווילן פון גאָרנישט וויסן. מיט יעדן יאָר פארגרעסערט מיין פרוי די פּאָרציעס, קויפט גרעסערע טעפּ, גרעסערע פראַי־פּאַנען, מען קויפט־צו לעפל, מעסער, גאָפּל, בענקלעך, האַנטיכער, „נעפּקינס״, ליילעכער, קאָלדרעס, קליידער, וועש, אונטער־וועש, קאלאָשן, שיך, זאָקן, נאָזטיכלעך, סקול־בעגס, פּענסילס, שרייב־געצייג און אנדערע שמאָכטעס.

און אָט קומען זיך אלע קינדער צוזאמען, דער טומל איז גרויס, מ׳רייסט זיך ארום איינער מיטן צווייטן; יעדערער באַזונדער איז א וועלט פאר זיך. מיט מיין וועלט קערן זיי זיך אין גאנצן ניט אָן. מיין טאַטע האָט געגלויבט אין בלאַזשאָווער רבי׳ן, אין בעלזער רבי׳ן, אין דינאָווער רבי׳ן: איך, זיין זון, גלויב אין קארל מארקס, און מיינע חברה גלויבן אין דעמפּסי׳ן, אין טוני׳ן, אין אל. דזשאָלסאָנ׳ען, אין עדי קאַנטאָר׳ן.

אַנדערע צייטן, אנדערע געטער, אנדערע לידער.

און וואָס גרעסער זיי ווערן, אלץ גרעסער דער טומל. דער פּראַק־טיסט אויפן פידל, יענער אויפן פיאנאָ, א דריטע מאַכט די „האָום וואָירק״, און זי ברעכט זיך דעם קאָפּ וועגן די פיליפּין איילענדס. זי מוז, זאָגט זי, וויסן, ווי עס רופן זיך אָן יענע טייכן, און זי ווייסט ניט. און די עלטערע קינדער וויסן אויך ניט. איך און מיין פרוי וויסן אוודאי ניט. טוט זיך אָפּ חושך. ביי מיר איז רעכט, אז זי זאָל ניט וויסן; אָט לעבן דאָך מיליאָנען מענשן אויף דער וועלט און זיי ווייסן ניט אזעלכע זאכן.

אָבער מיין מיידל טענה'ט, אז זי מוז עס וויסן. און זי צוואוויינט זיך מיט ביטערע טרערן.

מיין פרוי וויל איר איינשטילן, אָבער עס גייט ניט.

איך דאַרף שרייבן און קאָן ניט: דער געפילדער איז גרויס.

מיטן טומל אינאיינעם וואַקסן די קינדער: קומען צו גרעסערע טעפּ; גרעסערע פּאַרציעס; נאָך בעטן; נאָך קליידער; מער ציין-בערשטלעך, מער „שייווינג-סעטס", מער קעמלעך.

איך קום אריין אין באַט רום, זע איך: דריי „שייווינג סעטס". יעדער בחור האָט זיך זיין „סעט". אין דעם האַלטער פון די ציין-בערשטלעך צייל איך איבער אַכט בערשטלעך. און יעדער בחור האָט זיך זיינע פלעשלעך מיט זיינע וואַסערלעך, מיט זיינע שאַלעמויזן. עס איז ענג, עס איז אָנגעשטעלט אין אַלע ווינקעלעך, דאָס וואַסער אין דער וואַנע הערט ניט אויף צו לויפן, און מיין ווייבל דערלאַנגט פרישע האַנדטיכער. און אומעטום ליגן בערג מיט קליידער, מיט שיך, מיט היטלען, מיט זאָקן, מיט נאָזטיכלעך, מיט ביכער.

און אָט ברעכט אויס א פּיטו צווישן די עלטערע באָיס וועגן א באָל-גיים. מיין פרוי שרייט אויף מיר, אַלעמאַי איך שריי ניט אויף זיי, אז זיי זאָלן אזוי פיל ניט שרייען.

קומט א זונטיק, ברייננגען די מיידלעך אין הויז אריין זייערע חבר'טעס, די בחורים ברייננגען זייערע חברים. די פּיאַנאָ האָט קיין רו ניט, מען זינגט, מען טאַנצט, מען קייט „טשואינג גאַם" און מען קאָכט זיך וועגן די נייע מואַוויס. עס גייט א צעטל פון אַלע סטאַרס און סטאַריכעס פון דער מואַווי-וועלט. מען דערמאָנט הונדערט מאָל האָליוואוד. איך און מיין פרוי קוקן זיך איבער, און מיר שווייגן.

מיר קענען קיין אַנטייל ניט נעמען אין זייער שמועס; ניט אונזער וועלט, ניט אונזער שפּראַך, ניט אונזער גייסט.

מיר און די קינדער — צוויי פאַרשידענע וועלטן; צוויי באַזונ-דערע קולטורן, צוויי באַזונדערע באַגריפן.

מיין פרוי איז נערוועז, דער טומל ווירקט אויף איר, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זי נחת: זי שיינט ווי די זון. זי קוקט אויף די פרעמדע קינדער, אויף די באָיס און מיידלעך, און עס דאַכט זיך איר אויס, אז אונזערע קינדער זיינען די שענסטע, די קליגסטע, די גערעטנסטע.

און אינערלעכע פרייד קוועלט ארויס פון אירע אויגן, פון איר האַרץ.

בלויז א מאַמע, א גוטע, א געטרייע מאַמע, קאָן באזיצן אזא טיפע פרייד, און האָבן אזא נחת פון קינדער.

און די צייט טוט זיך אירס : זי גייט זיך ווייטער איר גאַנג און שלעפּט מיט נאָך א בינטל יאָרן פון אונזער לעבן. די שענסטע, די אינגסטע, די בליענדסטע יאָרן, און מיט די יאָרן אויך אונזערע חלומות.

די עלטסטע טאָכטער האָט חתונה : זי פאַרלאָזט דאָס הויז ; איר צימער ווערט ליידיק ; דאָס בעט, וואו זי איז געשלאָפן, בלייבט שטיין פאַרבעט ; דער אַלמער פון אירע קליידער און שיך און העמס און וועש און מאַנטלען שטייט ווי פאַר׳יתומ׳ט. וואו ניט וואו ליגט פאַרוואַלגערט א האָר־נאָדל, אָדער א שאַכטעלע פון פּאודער, וואָס דערמאָנען אונז, אז מיר האָבן געהאַט א קינד, א שיינע בלאָנדע טאָכטער, און איצט איז זי ארויס פון אונזער הויז, אוועק פון אונז אין אן אנדער שטאָדט, מיט איר געליבטן מאַן. קומט אמאָל א בריוול פון איר, דאַכט זיך אונז אויס, אז דאָס איז פון אן אנדער וועלט; רופט זי אמאָל אָפּ דורכן טעלעפאָן, קלינגט איר שטימע אזוי ווייט, אַזוי פרעמד און דאָך אזוי נאָענט און האַרציק. די מאַמע רעדט מיט איר, קוויקט זיך מיט איר קינד׳ס ווערטער, דערנאָך גיט זי מיר איבער דעם רעסיווער :

— נאַ, וועסט הערן אונזער טאָכטער׳ס שטימע.

אין הער מיין קינד׳ס קול פון דער ווייט און דאָס האַרץ טוט א ציטער פאַר פרייד, פאַר נחת. הייסט עס, אז אונזער קינד איז דאָ, עס איז בלויז ווייט פון אונז, אָבער עס איז דאָ. עס וועט קומען א צייט און מיר וועלן זי ווידער זען און זי קושן און האַלזן.

די מאַמע נעמט צוריק איבער דעם רעסיווער, זי וויל נאָר כאַפּן עטלעכע ווערטער. עס הערט זיך :

„גוד באַי, מאַ, גוד באַי.״

און ווידער בלייבט שטיל. א פרעמדע קראַפט האָט אָפּגעהאַקט דעם שמועס צווישן א קינד און א מאַמען.

אָט אזוי איז מיט דער צייט די פאַמיליע געוואָרן קלענער און קלענער. צוויי זין האָבן זיך פאַרליבט, ביי אונז נישט געפרעגט, חתונה געהאַט אן אונזער וויסן. ערשט א פּאָר וואָכן נאָך דער חתונה אונז אָנגעזאָגט די בשורה דורכן טעלעפאָן.

איך און מיין פרוי בלייבן שטיין ווי פאַרשטאַרט. מיר קוקן זיך אָן שטום, די אויגן אונזערע ווערן פייכט און פייכטער, טרערן טרעטן ארויס און מיר צעוויינען זיך. מיר פאַלן זיך ארויף אויף די העלזער און די טרערן רינען און פאַלן אויף אונזערע קליידער.

ווער קען איבערגעבן דעם ציטער פון אונזערע הערצער? אָרעם זיינען אַלע שפּראַכן!

הייסט עס, אַז מיר האָבן שוין דריי קינדער חתונה געמאַכט!

איז דאָס א ווירקלעכקייט, אָדער א וויסטער חלום? סטייטש, ערשט זיינען מיר אַליין געזעסן אין א גאָרטן און זיך דערקלערט אין ליבע, און שוין האָבן מיר דריי פאַרהייראַטע קינדער?

און די איינזאַמקייט אונזערע עסט זיך איין מיט אירע שאַרפע ציין אין אונזער לעבן און זאָגט אונז אָן א בשורה פון אונטערגאַנג.

און אָט קומען די צוויי פאַרהייראַטע זין צונעמען זייערע זאַכן, לייזיקן אויס זייער צימער, צוקושן זיך מיט אונז און פאָרן אַוועק.

און ווידער איז געבליבן שטיין א בעט צוגעבעט, און ווידער האָט זיך אויסגעליידיקט א קלאַזעט פון קליידער, עס איז געוואָרן גראַמער...

איך פיל אַן ענדערונג אין הויז: מיין פרוי באַקט נישט, פּאָרעט זיך נישט אַזוי פיל ביים אויוון. די גרויסע טעפּ שטייען שוין אַוועק־געשטעלט אָן א זייט. מען דאַרף זיי מער נישט האָבן, זי קאָכט שוין אין קליינע טעפּלעך. די קינדערשע מעסער און לעפל און גאָפּל ליגן אין טיש־קעסטל און רוען זיך אויס. אויך זיי חלום'ען פון די אַלטע גוטע צייטן ווען מען האָט זיי געשייערט און געפּוצט און דריי מאָל א טאָג ארויסגענומען אויף דער ליכטיקער וועלט און זיי האָבן געבראַזגעט און פאַרקלונגען א וועלט.

דער ווייסער האַלטער פון די ציין-בערשטלעך איז האַלב אויסגע־ליידיקט. פון די אַכט לעכלעך זיינען דריי אָן בערשטלעך. אין „מעדיסין־טשעסט" אין באָד־צימער פעלן אויס די „שייווינג־סעטס".

— וואָס דאַרפן מיר א גרויסע וואוינונג? — פרעגט מיין פרוי — א העלפט איז גענוג. וואָס טויג אונז האָבן זעקס צימערן אויסגעפילט מיט שטילקייט, אַז דריי איז גענוג.

בלייבן מיר אַליין אין הויז, ריידן מיר נישט, מיר קוקן זיך אָן שטום. בלויז די הערצער ריידן.

מיר זיינען שוין באַגליקט מיט פינף שיינע אייניקלעך. איך קוק

אויף זייערע בילדער און איך זע אין זיי א פאָרטזעצונג פון זיך. זיי בליען ארוים פון אונזער אונטערגאַנג...

באַלד, באַלד און די אינגערע קינדער וועלן חתונה האָבן, אוועק פון אונז און מיר וועלן פארבלייבן ווי א וואַלד אין אָסיען צייט — אָן פייגל און אָן פייגל-געזאַנג.

איך האָב נעכטן געזען מיין פרוי שטיין ביים שפיגל. זי האָט באַטראַכט איר קאָפּ וואָס טראָגט שוין אין זיך דעם אָנזאָג פון ווינטער. מיין קאָפּ איז שוין לאַנג ווייס... זי קוקט אויף מיר און איך קוק אויף איר און ביידע ווערן מיר גרויער... און מיט דער עלטער קומט א מאָדנע טיפע איינזאַמקייט...

ביי די בלאָע וואַסערן

בלויט זיך דער טייך און קושט זיינע זילבערנע ברעגן און לעקט די גרינע לאָזעס, וואָס באַוואַקסן אים שוין דורות און דורות.

טרויעריקע ווערבעס, איינגעהויקערטע, וויינענדיקע, וואַשן זייערע צווייגן, צוואָגן זייערע בלעטער אין בלויען־וואַסער. אַ זומער־זון, אַ פרייליכע, אַ יום־טוב'דיקע, לאַכט מיט גאָלדענע ציין און שפּיגלט אָפּ איר פּנים אויפן פלאַך פון וואַסער, ברעכט אירע שטראַלן אויף שטיקלעך און לאָזט זיי שווימען איבערן טייך. דאַכט זיך: שטיקער זון און גאָלד און ליכט און ליכטיקע בוקעטן שווימען אַרום. דאַכט זיך: די זון האָט זיך באַהעפט מיטן טייך און ס'זיינען געבאָרן געוואָרן קליינע, יונגע זונען — קינדער־זונען.

פון די בערג לויפט אָן אַ ווינטל, ברענגט אויף זיינע פליגל אַ דופטיקן ריח פון עפּל־גערטנער, פון הויכע צייטיקע קוקורוזעס, וואָס טראָגן בערד ווי אַנקל סעם, לאָזט אויך וויסן, אַז ניט ווייט פון די עפּל־גערטנער וואַקסן וויינטרויבן, געלע באַרן און בלויע פלוימען, באַהויכטע מיט אַ בלויען אָטעם.

דאָס ווינטל טוט אַ פלאַטער מיט די פליגלען, גיט איבער אַ גרוס צו די מענטשן, סודות צו די ביימער, צום טייך און אַנטלויפט. דאָס ווינטל איז שטאַרק באַשעפטיקט; עס דאַרף נאָך היינט זיין אין פיר־פינף שטעטלעך און עס דאַרף נאָך שלאָפן אויך. און איך שטיי לעבן טייך. מיין בלויער בליק שווימט אַרום.

אין טייך ליגט אַ בלויער הימל, וואָר־נישט־וואו אַ ווייס וואָל־קענדל, ווי אַ פליגל פון אַ ווייסן פויגל, ווי אַ זעגל פון אַ שיפל, וואָס אַ בייזער שטורם האָט אָפּגעפליקט.

איך קוק און איך טראַכט: ווי גוט מיר איז. איך בין דאָ איינער אַליין; אַליין מיט זיך, מיט מיין שאָטן; ווייט פון מענטשן, ווייט פון טומל און שטויב און זיפצן.

מיר איז גוט... באַלד וועט דאָ זיין חנה. זי פאַרשטייט מיך; זי וויינט ווען איך לייען פאַר איר מיינע לידער, ווען איך דערציייל איר וועגן מיינע ליידן. באַלד קומט זי. מיר וועלן זיך זעצן ביים ברעג טייך, קוקן און חלום׳ען און ווידער חלום׳ען.

איך וועל איבערלייענען פאַר חנה׳ן מיינע לידער וואָס שילדערן מיין טרויער, מיין בענקשאַפט, מיין ליבע צו איר. טרערן וועלן פליסן פון אירע אויגן, הייליקע טרערן. איך וועל די טרערן אויסקושן; איך וועל זיי נישט לאָזן אריינפאַלן אין זאַמד פון ברעג טייך.

באַלד וועט זי דאָ זיין, חנה; דערנאָך, אז איך וועל שוין האָבן אויסגעקושט אַלע אירע טרערן, וועלן מיר זיך אויסבאָדן אין בלויען טייך.

די קילע וואַסערן וועלן אונז אויפנעמען און דערפרישן. קיינער, קיינער וועט אונז נישט זען; אפשר א פויגל און — גאָט. און ווען מיר וועלן פון טייך ארויס, וועלן מיר זיך איבערגעבן צו דער זון; וועט די זון אונזערע קערפּערס אָפּטריקענען און דערפרישן און דער־וואַרעמען; וועלן מיר אונזערע קערפּערס באַוואונדערן, זיך אָנטאָן און זיך לאָזן אין וועג אריין; וועלן אונז קאָרנפעלדער און פויגל באַגריסן און — דאַמאָלט וועט זיך אין מיין האַרצן אויפוועקן א רחמנות, א מיטלייד אויף די מענשן, וואָס ליגן איצט אין די גרויסע שטעט, וואָס פּראַצעוועון איצט אזוי שווער אין די פאַבריקן.

איך בין א מאָדנער מענש: ווען מיינע אויגן זען א שיינעם טייך, א שיינעם גאָרטן, א צובליטן, א שיינעם סאָד מיט פּירות, וויל איך, אז אַלע מענשן זאָלן דאָס זען!

הער איך פייגל זינגען, וואַסערפאַלן רוישן ארונטער פון סקאַלעס, וויל איך, אז אַלע מענשן זאָלן דאָס הערן.

אליין וויל איך זיין בלויז מיט חנה׳ן; מיר ביידע מיט אונזערע שאָטנס... ווייל חנה פאַרשטייט מיך, ווייל חנה איז א קלוגע און זי וויינט ווען איך לייען מיינע לידער פאַר איר.

זי האָט א מוח וואָס באַנעמט, א האַרץ וואָס פילט — מיין חנה.

און מיט אזעלכע חנה׳ס וויל איך זיין אליין; אַלע מאָל אליין; אַלע מאָל. און מיינט נישט, אז נאָר זומער, ווען עס גרינט און עס בליט די וועלט, נאָר אויך דאַן ווען די וועלט וועלקט, ווען דער זומער שטאַרבט.

איך בין שוין געווען לעבן דעם טייך מיט חנה'ן, ווען דער אָסיען האָט אויסגעשפּרייט זיינע טויטע הענט איבער דער וועלט.

ווען קאַלטע ווינטן האָבן מיט לאַנגע בייטשן אַרונטערגעיאָגט די בלעטער פון די ביימער.

און די בלעטער האָבן געוויינט, זיך געבעטן רחמים ביי די ווינטן. אָבער די ווינטן האָבן שטאָלענע הערצער געהאַט. דאָס געבעט האָט זיי נישט גערירט. ווינטן האָבן קיין רחמנות נישט.

האָבן די גאָלדענע בלעטער זיך אויף דער קאַלטער ערד געוואַלגערט און געוויינט מיט אַ גאָלדן געוויין און געבענקט צוריק צו די צווייגן, צו דער זון.

אַ ווייסטע מרה־שחורה האָט זיך צוטראָגן אויף שוואַרצע פליגל. אָן אומעט האָט זיך צוגאָסן אויף אַלע וועגן און שטעגן. אַ שטורם האָט זיך צושפּילט און אַ בית־עולם ניגון האָט זיך צושפּרייט אויף דער וועלט. דערנאָך איז אַ שניי אַרונטערגעקומען און זיך אוועקגע־לייגט אויף די שוואַרצע צווייגן. האָט זיך אויסגעדאַכט: ווייסע פייגל שלאָפן און חלום'ען פון זומער.

אַט אין אַזאַ צייט בין איך מיט חנה'ן דאָרט געווען.

איך און חנה האָבן דאָרט פאַרפירט אַ שמועס וועגן אָרעמקייט.

חנה האָט געזאָגט:

„אָרעמקייט האָט נישט קיין שום שייכות צו גליק. מען קאָן זיין אָרעם און דאָך זיין גליקלעך. דער עיקר איז ווי דער מענש טראַכט. ווי ער פילט. ווי גרויס זיין פאַנטאַזיע איז. אויב ער פילט נישט צו הויך, איז ער גליקלעך. אומגליקלעך איז דער, וואָס האָט נישט קיין פליגל און ער וויל דערגרייכן דעם הימל."

און איך האָב געזאָגט: „אָן אָרעמאַן איז די פאַרלאָרענסטע באַשעפעניש אויף דער וועלט. איך וואָלט ניכער געוואָלט זיין טויט איידער אָרעם."

חנה האָט זיך צעוויינט:

„אויב דו קוקסט אַזוי אויף אָרעמקייט, וויל איך מיט דיר מער נישט ריידן."

איך האָב איר געוואָלט אויסקושן די טרערן, ווי איך טו דאָס אַלע מאָל, אָבער זי האָט מיך אָפּגעשטויסן:

„דו ביזט נישט ווערט צו קושן מיינע טרערן" — האָט זי געזאָגט.

צום רעדאַקטאָר

טייערער רעדאַקטאָר!

איך האָב היינט פאַרטאָג גענומען טראַכטן וועגן זייער א וויציק זאַכעלע. האָבן זיך פּלוצים גענומען וועקן ביי מיר אין זכרון אַלטע בילדער — בילדער פון מיין היים, פון מיין שטעטל.

איז מיר געקומען אויפן געדאַנק אונזער טייך, וואָס לויפט דורך מיין היים, וואו מיין וויגל איז געשטאַנען.

דערמאָן איך זיך אין אונזער טייך, נעם איך בענקען נאָך אים; מיר דאַכט זיך אויס, אַז אונזער טייך איז שענער, ריינער, פּאָעטישער ווי אַלע אַנדערע טייכן פון דער וועלט. פּשוט דערפאַר, וואָס אַנדערע טייכן זיינען נישט מיינע, נישט אונזערע; און אונזער טייך איז אונזער טייך; ער לויפט און קייקלט זיינע וואַסערן אין מיין היים, וואו איך בין געבאָרן געוואָרן, וואו מיין מאַמע האָט מיר געזונגען אירע אומעטיקע לידער.

איך דערמאָן זיך, אַז ביי אונזער טייך האָב איך זיך צום ערשטן מאָל באַקענט מיט דינה'לען, מיטן דיינ'ס טאָכטער. אַזאַ כשרע, אַזאַ צאַרטע, און ווען מיר זיינען גוט באַקאַנט געוואָרן, זיינען צווישן אונז פאָרגעקומען אַזעלכע סודות, וואָס נאָר מיר האָבן געוואוסט פון זיי.

אירע בלוטן האָבן ביי דעם טייך גענומען זינגען און דאָס האַרץ מיינס האָט אויפגעכאַפּט דאָס געזאַנג פון אירע בלוטן און מיר האָבן צוזאַמען געזונגען „דאָס געזאַנג איבער אַלע געזאַנגען".

אויף איר פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ מאָדנער אומעט און די אויגן האָבן דעם אומעט באַהאַלטן אין זיך. און אַרום דעם טייך, אויף די גראָזן, איז נאָך געלעגן אַ טוי אַ פרישער, אַ קילער, אַ שטילער.

איך דערמאָן זיך: אונזער טייך איז ברייט, לאַנג, לויטער און ער רוישט שענער און העכער ווי אַנדערע טייכן. און אפשר דאַכט זיך מיר נאָר אויס אַזוי, ווייל דער טייך איז אונזער טייך.

איך דערמאָן זיך: ביי דעם טייך האָב איך זיך געשפּילט מיט

מיינע חברים. איצטער זיינען שוין א סך פון זיי אויף דער אמת׳ער וועלט, א סך זיינען אלטע בעטלער, א פּאָר זיינען שמשים פון אָרעמע שולן, און א סך זיינען שוין זיידעס. און אָט מיט זיי האָב איך זיך אמאָל, ביי אונזער טייך, געשפּילט און זיך דערציילט שיינע מעשה׳לעך וועגן אליהו הנביא, וועגן שרעטעלעך, וועגן בעל־שם־טוב. אין די גרויסע היצן, אין חודש תמוז האָבן מיר אין דעם טייך געקילט אונזערע לייבער, און ווען די זון איז אונטערגעגאנגען, איז דער טייך געווען פארשאָטן מיט גאָלדענע רענדלעך.

איך דערמאָן זיך אויך: ווען איך בין געגאנגען אין שקאָלע, האָט אמאָל מיין טאַטע געוואָלט וויסן, וואָס איך לערן דאָרט. האָט ער געפרעגט דעם לערער. האָט אים דער לערער דערקלערט: „אייער זון האָט זייער א גוטן קאָפּ; זיין מוח ארבעט אויסגעצייכנט, נאָר אין שקאָלע טויג ער נישט. קיין אריפמעטיק פארשטייט ער נישט; קיין דייטש וויל ער נישט לערנען; קיין פּויליש אויך נישט.... גראמאטיק קריכט אים נישט אין קאָפּ; צו היסטאָריע האָט ער קיין חשק ניט; אויסלייגן קען ער נישט; געאָגראפיע איז אים פרעמד; ביאָלאָגיע וועט ער קיינמאָל נישט פארשטיין; די האַנטשריפט איז נישט קיין שיינע — ווייטער איז ער זייער א גראָטענער!"

נאָך דעם דאָזיקן רעפּאָרט פון מיין לערער האָט מיך דער טאַטע מכבד געווען מיט זיין יארמולקע, און ווען די יארמולקע איז צופליגן געוואָרן אויף שטיקער, האָט ער מיר דערלאנגט מיטן לעדערנעם רימען... און די ליבע מאַמע — א ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן! — האָט געהאַלטן אין איין טענה׳ן, אז דוקא דער רעפּאָרט פונם לערער באווייזט, אז איך וועל זיין א מענש.

איך דערמאָן זיך אויך: א נאַכט, א פינסטערע, א נאַסע; א רעגן קלאַפּט אויף די שויבן; דער אַלטער זייגער אויפן וואַנט, מיט די פיר קייטן און צוויי שווערע מעשענע וואָגן, גייט און קלאַפּט אויס און שלינגט איין דאָס לעבן מיטן אומעט אין איינעם, און די מאַמע זיצט און זיפצט, און דער טאַטע גייט ארום אהין און צוריק איבערן שטוב און טראַכט. שווער צו דערגיין וועגן וואָס ער טראַכט. נאָר איך שטעל זיך פאָר, אז ער טראַכט וואו מען נעמט אויף שבת, אָדער אויף א בגד, אָדער אויף דירה־געלט, אָדער גלאַט אזוי: וואו נעמט מען פרנסה. ווען די שטימע זיינע האָט געדינט, האָט ער ערגעץ געדאַוונט

א שבת, האָט ער אריינגעכאַפּט א פּאָר גילדן. אָבער די שטימע איז שוין נישט דאָס, וואָס געווען, און קיין נייע „שטיקלעך" קען ער נישט און קיין נאָטן אויך נישט. פאַראַן אינגערע, היינט־וועלטיקע, וואָס דאַוונען שענער, האָבן א סך געלערנט, פאַרנעמען זיי דעם עמוד און די אַלטע, די אויסגעשפּילטע בעלי תפלות, גייען אונטער, זיי האָבן שוין אָפּגעדאַוונט.

דערווייל גייט ער ארום א פאַרטראַכטער, און די מאַמע זיפצט, און דער רעגן קלאַפּט אויף די שויבן, און דער אַלטער זייגער לאָזט וויסן וואו די יאָרן קומען אהין...

איז דאָס נישט מאָדנע?

אָבער נישט געזאָרגט, טייערער רעדאַקטאָר! מיין אומעטיקע שטימונג וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן.

איך ווייס וואָס איך זאָג: איך וועל זיך באַלד א טרייסל טאָן, וועל איך זיך באַפרייען פון מיין טרויער און דער געדאַנק וועט זיך אויס־לייטערן, און די פּעדער וועט נעמען טאַנצן א בלויען־טאַנץ און אויס־טאַנצן שורות מיט וויצן און שיינע מעשה'לעך — איך לעב נאָך!

— שאַ, איך הער שוין זינגען אונטער מיינע פענסטער. דאָס זיינען פייגל מיט בלויע פליגל און רויטע עקן און געלע טשוביקעס אויף די קעפּלעך. — דער פרילינג קומט.

איך ענדיק מיין בריוול צו אייך, טייערער רעדאַקטאָר, און לאָמיר האָפן אויף פריילעכע צייטן. האָפן קאָסט נישט קיין געלט...

טענצערס

— מיידל, דו ביזט שיין, יונג, און דו מאָנסט עפּעס ביים לעבן, אָבער דאָס לעבן האָט אויך טענות, שיינע מיידל!

טאַנצן איז געזונט; טאַנצן דערהיצט, דערוועקט אין הארצן א לוסט צום לעבן. קום, שיינע מיידל, איך וועל דיך פירן.

אזוי האָט גערעדט א בחור, א פייער, מיט צוויי שווארצע אויגן, צו א מיידל — אויך אַ פייער. איז דאָס מיידל געגאַנגען טאַנצן מיט דעם פייערדיקן בחור. האָבן זיך צוויי הייסע קערפּערס, פול מיט היים בלוט, צוטאַנצט. זיי האָבן געטאַנצט גרינג און פלינק ווי יונגע הירשן; גרינג און פלינק ווי דאָס יונגע לעבן.

איך בין געשטאַנען פון ווייטנס און געשלונגען די טענצערס מיט די אויגן, מיט מיינע מידע אויגן.

עס האָט מיר פארדראָסן אויף מיינע ווייסע האָר, אויף מיינע שוואַכע פיס. איך האָב געוואָלט זיין אויף דעם בחור'ס אָרט. זיי האָבן געטאַנצט מיט ברען; ער האָט זי פעסט געהאַלטן אין זיינע געזונטע אָרעמס; האָט אויף א ווײַלע צוגעמאַכט די אויגן און זיך געפילט ווי אין א כשוף־וועלט; ווי אין א צויבער־חלום.

זי האָט ארויפגעקוקט צו אים, ער האָט געעפנט זיינע אויגן; פיר הייסע בליקן האָבן זיך אָנגעצונדן; פיר „קליינע מענשעלעך" האָבן זיך דערזען און זיך פארשטאַנען.

אָבער די „פיר מענשעלעך" האָבן באַלאַנגט צו צוויי מענשן; צו צוויי טענצער! צו פיר אויגן.

זיין אָטעם האָט געברענט, און זיין בלוט האָט געברענט; און זי האָט דערפילט זיין פייער און אויך געברענט; ניט געברענט, נאָר געפלאַמט; געפלאַמט מיט א פלאַם, וואָס צערט, וואָס שוואַכט אָפּ; וואָס פירט צו פרייד און שפּעטער — צו אומעט.

— קומט, לאָמיר ארויסגיין אויף דער וועראַנדע — האָט ער

איינגערוימט א סוד אין איר אויער — קומט, און לאָמיר זיין אליין; אליין, ווי עס איז די לבנה אין הימל.

זיי זיינען אַרוים אין מיטן שפילן; איבערגעריסן דעם הייסן טאַנץ. ביידע זיינען אומרואיק; עפּעס טראַכטן זיי; עפּעס פאַרלאַנגען זיי.

איז ניטאָ קיין ווערטער: זיצט מען שטום און מען לאָזט די הערצער ריידן, דאָס הייסע בלוט ריידן.

אָבער זייערע מיילער — שווייגן, ווי עס שווייגט די שטילקייט אַרום זיי; די נאַכט אַרום זיי.

ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזען אזא מיידל, אזא שיינע, ווי זי, טראַכט ער.

און זי טראַכט אויך אַזוי אויף אים: ווי שיין ער איז!

ס'איז גוט, ווען זיי טראַכטן ביידע גלייך; ס'איז גוט.

אזוי דאַרף זיין!

עס קען זיין, אז שפּעטער, מאָרגן, איבערמאָרגן, וועלן זיי אַנדערש טראַכטן; אָבער איצט, אויף דער וועראַנדע, אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, טראַכטן זיי ביידע גלייך, מיט איין געדאַנק.

— אָ, טייערע, ווי איך ליב אייך! וועט איר זיין מיינע? זאָגט יאָ!

זאָגט זי „יאָ."

פלעכטן זיך צוויי הייסע, צוויי יונגע קערפּערס; גיסן זיך צונויף צוויי יונגע הערצער אין איין האַרץ; צוויי נשמות אין איינער און די הייסע בלוטן זייערע, און זייערע חלומות און סודות — פון אַלץ ווערט איינס . . .

און די נאַכט שווייגט, און דער הימל שווייגט, און די אַרומיקע שטילקייט פייערט דעם יום-טוב פון יוגנט, פון ליבע, פון גליק.

און די שטערן, די ליכטיקע, שווייגן אויך.

און ער און זי — ווערן באַרוישט ווי פונם טייערסטן ווייַן. זיי בעטן גאָט, אַז די שטילע נאַכט זאָל אייביק אַזוי אָנהאַלטן, נאָך לענגער ווי אייביק!

דאָס איז געווען זייער לעצטער טאַנץ; זיי האָבן זיך מער ניט באַגעגנט.

געפונען אַ בריוול

דאָס דאָזיקע בריוול האָב איך געפונען אין סענטראַל פּאַרק דעם ערשטן טאָג פון חודש מאַי. דער טאָג איז געווען דער שענסטער, וואָס גאָט האָט ווען עס איז באַשאַפן.

דאָס גראָז איז געווען יונג, פריש, און טונקל־גרין. די בוימער האָבן געטראָגן אויף זיך רויזן, ערשט־געעפנטע, ערשט־ערוואַכטע פון שלאָף. און די זון, אַ וואַרעמע, אַ ליכטיקע, האָט זיך צוקושט מיט יעדן רויז ווי מיט אַ האַרצנס־געליבטע.

יעדער קוש איז געווען באַגלייט מיט אַ גאָלדענעם געלעכטער. און ווי שיין עס איז צו זען ווי רויזן לאַכן, ווען זיי ווערן היים געקושט פון דער זון! און די פויגל האָבן מיט זייער געזאַנג באַגריסט דעם גאָלדענעם געלעכטער פון דער זון און דעם גן־עדן'שע דופט פון די רויזן. איך זאָגן, אַז אויך מיין האַרץ האָט דעם טאָג זיך געפילט יום־טוב'דיק איז נישט נויטיק. אַלע סטרונעס אין מיין האַרץ האָבן זיך אָנגעצויגן און עס האָט מיטגעזונגען מיט אַלע פויגל.

האָט זיך אויסגעמישט אין דער בלויער לופט גן־עדן־דופט און פויגל־געזאַנג און האַרץ־געזאַנג. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלץ זינגט מיט מיט מיין האַרץ, נישט נאָר די פויגל, נאָר אַלע טייכן און וועלדער און פעלדער **און גראָזן זינגען. ווי די גאַנצע וועלט** וואָלט פלוצלונג געוואָרן פול מיט פידלען און טשעלאָס און פלייטן.

אָט אין אַזאַ טאָג בין איך געווען אין סענטראַל פּאַרק. קינדער־לעך מיט שיינענדיקע פּנימלעך האָבן זיך געשפּילט און געלאַכט. ווי שיין זיי האָבן זיך אַריינגעפּאַסט, די דאָזיקע קינדערלעך, צום יום־טוב'דיקן טאָג פון דעם פרילינגס־חודש. פון די קינדערשע אויגן האָבן אַרויסגעטאַנצט חלומות, נאָך נישט קיין אויסגע'חלומ'טע; גליקן וואָס דאַרפן ערשט קומען; ציַיטן וואָס וועלן זיכער פאַרשעמען מיט זייער ליכט און פרייקייט אונזערע ציַיטן.

און איך האָב זיי שטאַרק, שטאַרק מקנא געווען, די יונגע קינ־דערלעך, וואָס זײַנען אַליין אַ טייל פונם פרילינג.

און פאַר מײַנע אויגן האָט זיך גענומען קײַקלען אַ ווײַס שטיקל פּאַפּיר. דאָס יונגע ווינטל האָט זיך געשפּילט דערמיט. איך טו אַ קוק, זע איך אַז עס איז אַ בריוול, געשריבן אין מאַמע־לשון. איך הייב אויף דאָס בריוול, גיי צו צו אַ באַנק, זעץ זיך, ווייש עס אָפּ, דאָס בריוול, מיטן אַרבל און איך לעז עס איבער.

און אָט וואָס אין דעם געפונענעם בריוול איז געווען געשריבן:

„מײַן האַרציקע, מײַן טײַערסטע, געליבטע מירל!

„זינט איך האָב דיך צוגענומען פון דײַן מאַן, הער איך נישט אויף צו טראַכטן.

„נאָר איך טראַכט.

„וואָס־זשע מיינסטו, טראַכט איך? וועל איך דיר זאָגן:

„איך טראַכט וועגן דײַן מאַן, וואָס גייט אַרום מיט מײַן פרוי.

„איך טראַכט, אַז ער איז זייער אַ קאַרגער, אַ שלעכטער, אַ מענטש אָן אַ פונק פון יושר. איך, למשל, גיב אַוועק אויף דיר, אויף זײַן פרוי, הייסט עס, אַ פאַרמעגן! יעדן טאָג, יעדע וואָך קויף איך דיר עפּעס אַן אַנדער זאַך, אַן אַנדער שמאַכטע: אַ קלייד, אַ פּאָר שיך, אַ רעגן־שירעם, אַ דיימאָנד רינג, זײַדענע אונטערוועש ,און איך נעם דיך זייער אָפט אין טעאַטער, אין דער אָפּערא, אין רײַכע רעסטאָראַנען, אין האָטעלן, אין אַטלאַנטיק סיטי, און דײַן מאַן גיט אויף מײַן פרוי נישט אויס קיין איין סענט.

„עס דאַרף דאָך נאָך אַלעמען זײַן בײַ אַ מענטשן אַ ביסעלע יושר. מיר זײַנען דאָך מענטשן, נישט קיין ווילדע חיות.

„איך בלייב מיט הייסע קושן אייביג, אייביג דײַנער ביז... ביז... איך וועל קריגן אַן אַנדערע...

„דײַן געליבטער מאַקס.”

„נ. ב. — אויב דו ווילסט מיט טאָן אַ טובה, שרייב דײַן מאַן אַ בריוול, אָדער רוף אים אָפּ אויפן טעלעפאָן און זאָג אים, אַז ער איז אַ קאַרגער הונט; אַז ער מעג אויף מײַן ווײַבל אויך אַמאָל ספּענדן עט־לעכע דאָלער. נישקשה, ער איז רײַכער פאַר מיר. אין זײַן שאָפּ אַרבעטן צוויי הונדערט מענטשן און אין מײַן שאָפּ בלויז 90. שרייב אים, אַז ער האַנדלט זייער נישט יושר'דיק; אַז איך באַהאַנדל זײַן ווײַב גוט,

דארף ער מיינע אויך גוט באהאנדלען. און טאָמער וועט ער עס נישט טאָן, וועל איך אים צוריק אָפּגעבן זיינע און אָפּנעמען ביי אים מיינע.
איך האָף, טייערע, אז דו וועסט עס אים באלד שרייבן.
„דער זעלבער מאַקס."

איבערגעלייענט דאָס געפונענע בריוול, האָט איך זיך פארטראַכט.
די זון האָט זיך גענומען טוקן; די בלויקייט פונם הימל איז געוואָרן בלאַסער; דאָס געזאַנג פון די פויגל האָט אויפגעהערט און די רויזן האָבן זיך מער נישט געקושט מיט די שטראַלען.
אויך דאָס געזאַנג אין מיין הארץ האָט אויפגעהערט; דאָס הארץ האָט מער נישט געוואָלט זינגען.
עס האָט דאָרט גענומען אויפברויזן א פּראָטעסט אנטקעגן דעם מאַן, וואָס האָט נישט קיין פונק פון יושר און גיט נישט אוים א העלפּט אויף מאַקס'עס ווייב, וויפיל מאַקס גיט אוים אויף זיין ווייב.
אזא קאַרגער מענש, האָב איך געטראַכט, האָט גאָרנישט די ווערט, אז א פרעמדע ווייבל זאָל זיך ארומשלעפּן מיט אים. ווען איך בין מאַקס'עס ווייבל, וואָלט איך אויף אזא קאַרגן מאַן א שפּיי געטאָן און צוריק געגאַנגען צו מאַקסן.
האָט זי, הפּנים, נישט קיין שכל.
און אפשר האָט זי יאָ שכל, נאָר זי ליבט אים מער ווי זי ליבט מאַקס'ן.
און אויב זי ליבט אים, טאָר מען זיך נישט אריינמישן אין זייער ליבע.
זאָלן זיי זיך ליבן געזונטערהייט.
דאָס בריוול געפינט זיך נאָך ביי מיר. איך האָב עס באַהאַלטן צווישן מיינע אנטיקן.

מיינע אָפּגעלעבטע טעג

מענטשן! איך דאַרף נויטיק האָבן געלד. איך האָב אויסגעפונען, אַז אָן געלד קריגט מען גאָרנישט; נישט קיין עסן, נישט קיין קליידער, נישט קיין ליבע פון שיינע מיידלעך, אפילו נישט פון מיאוס׳ע מיידלעך. גאָרנישט:

נישט אומזיסט האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט, אַז אַן אָרימאַן איז געגליכן צו א מת.

הכלל, אידן, מענטשן, לעזער, איך דאַרף געלד! מזומן!

און וואו צו לייען און באָרגן האָב איך נישט, מחמת די, וואָס איך דענק, אַז זיי האָבן יאָ א פּאָר טאָלער, האָבן אויך נישט.

און וואָס צו פאַרזעצן איז אויך נישטאָ. סיידן מיינע טעמאָס.

און נעמען פאַראויס א פּאָר הונדערט טאָלער אין דער רעדאַקציע, שעם איך זיך. זאָל מען נישט וויסן, אַז איך בין אויף סיפּקע צרות!

און געלד מוז איך האָבן. איז געבליבן איין זאַך:

די טעג וואָס זיינען שוין אַוועק און וואָס וועלן שוין מער קיין טעג נישט זיין, וואָס די אייביקייט האָט שוין פאַרצוקט, פאַרשלונגן ווי א הונגעריקע חיה.

אָט־אָ די אָפּגעלעבטע טעג, מיינע, וויל איך פאַרקויפן. און צו־זאַמען מיט די טעג אויך די אָפּגעשלאָפענע נעכט און אַלע גוטע חלומות, וואָס איך האָב אין די נעכט אויסגע׳חלומ׳ט.

קויפט זיי אָפּ ביי מיר!

ביליק ווי באָרשט!

וויפיל גיט איר? אַרוים מיט לשון! שעמט זיך נישט! לאָזט הערן א פּרייז!

האָ? איר ווילט נישט קויפן קיין אָפּגעלעבטע טעג? איר האָט, זאָגט איר, אייגענע? ווייסיך וואָס! אייער סחורה איז נישט ווערט קיין דריי׳ער; אייער סחורה טויג אויף׳ן פייער; איר האָט אייערע טעג נישט

געלעבט; איר האָט זיך געמוטשעט! איר האָט געאַרבעט און געשוויצט און פאַרשאָלטן די טעג מיט די נעכט, מיט אייערע חלומות. אייער לעבן איז געווען אַ גיהנום, דאָס פייפל פון פאַבריק איז געווען אייער אַפּעראַ; אייער קאָנצערט; דאָס געשריי פון אייער ברויט־געבער איז געווען אייער מוזיק, אייער לעבן איז געווען אַ סדרה פון ליידן, אַ קייט פון מאַטערניש, אַ פאַרזאַמלונג פון זיפצן, אַ מאַסנפאַרזאַמלונג פון טרערן, ברידער מיינע!

אייך האָבן פרויען אָפּגענאַרט, זיי, די פרויען, האָבן אייך פיינט געהאַט ווי דעם טויט, דער „הרי את" און דאָס קדושין־רינגעלע האָט אייך נישט באַשיצט, זיי האָבן ביי אייך צוגענומען אייערע פאַרדינסטן, אייערע לאַסקעס, און געטראַכט האָבן זיי גאָר פון אַנדערע.

האָט איר זיי אַ קוש געטאָן, האָבן זיי דעמאָלט אין זינען געהאַט דעם, וואָס וועט זיי שפּעטער, מאָרגן, איבערמאָרגן קושן...

נישט איינמאָל האָט איר אָפּגעוויינט אייערע נעכט; נישט איינמאָל האָט איר, מיט געוואַלד, באַדאַרפט איינהאַלטן אייערע הייסע בלוטן; אויסלעשן מיט געוואַלד זייער ברען, און איר, אָפּגענאַרטע פון אייערע פרויען האָט געשוויגן; געשוויגן, ווי עס שווייגט אַ פאַרלאָשענער וואולקאַן; ווי עס שווייגט אַן איינגעשטילט האַרץ, וואָס דער טויט האָט עס אָפּגעשטעלט; ווי עס שווייגט אַ נשמה, וואָס האָט אויסגעצאַנקט איר לעצטן פלאַם; ווי עס שווייגט די בענקשאַפט פון אַ יתום.

ברידער מיינע! אייערע אָפּגעלעבטע טעג זיינען ניט געווען קיין געלעבטע.

אָבער מיינע טעג זיינען געווען טעג פון פרייד, פון יום טוב!

ווען איר האָט אויסגעקוקט די אויגן אויף אייער געליבטע, איז זי דעמאָלט געווען ביי מיר, אין מיינע אָרעמס, אויף מיין שויס, אויף מיין געלעגער. און האָב איך נישט געהאַט קיין לעבעדיק מיידל, האָב איך מיר באַשאַפן איינע אין אַ ליד. אַ מיידל, ווּעדליק מיין פאַנטאַזיע; מיין גוסט, מיין געשמאַק: שענער ווי ווענוס, ווי שולמית!

אַ דיכטער, אַז ער וויל קען ער; פאַר אים זיינען אָפן אַלע הימלען, אַלע גרענעצן, אַלע צאַמען.

אַז אַ דיכטער וויל נאָר, און אויב ער האָט שטימונג, באַגייסטערונג, קען ער וועלטן באַשאַפן.

פון שיינע מיידלאַך איז אָפּגערעדט.

אָבער איך האָב נישט באַדאַרפֿט אָנקומען צו די לידער־מיידלעך, צו פֿאַנטאַזיע־מיידלעך.

איך האָב געהאַט מזל צו לעבעדיקע, צו ברונעטקעס און בלאָנ־דינקעס, אַפֿילו צו ציגיינערשע מיידלעך האָב איך געהאַט מזל.

און אַלע האָבן מיך געליבט אַזוי הייס, אַזוי פֿייערדיק, אַזוי ליידנשאַפֿטלעך, ווי מיידלעך קענען נאָר ליבן ווען זיי ליבן. צווישן זיי זיינען געווען שוואַרץ אויגיקע און בלוי־אויגיקע, הייסע און נאָך הייסערע.

אַ דיכטער, נישט קיין גרינער, האָט נישט קיין זאָרג מיט שיינע מיידלעך; אויב ער האַלט שוין גאָר שלעכט, באַזינגט ער זייערע אויגן אין לידער און זיי ווערן משוגע פֿאַר אים, זיי הענגען זיך אויף זיין האַלז; זעצן זיך אויף זיין שויס.

קורץ: איך האָב מיינע טעג געלעבט. יעדער טאָג פֿון מיין לעבן, איז געווען אַ גאָלדענער בעכער מיט פֿרייד.

ווייל איך, ברידער מיינע, אייך פֿאַרקויפֿן אָט־אָ די אָפּגעלעבטע טעג מיינע.

איך מוז האָבן געלד!

לאָזט נישט דורך די געלעגנהייט! איילט זיך צו, ברידער מיינע, איילט זיך צו!

וויפֿיל גיט איר?

אַרויס מיט לשון!

איר שווייגט?

שאַ, ווייסט איר וואָס, איך ווער אייך צוגעבן צו מיינע אָפּגעלעב־טע טעג אַלע ווינטן, וואָס איך האָב אַמאָל באַנוצט אין מיינע לידער. און די הערבסט־פֿידלען, וואָס האָבן די ווינטן באַגלייט, און דאָס גאָלד פֿון די הערבסט־בלעטער, וואָס די צייט האָט פֿאַרטאַכלעוועט, און אַלע זונען־אויפֿגאַנגען און אונטערגאַנגען מיט אַלע זייערע צויבער־פֿאַרבן, און אַלע פֿרייד־געזאַנגען פֿון פֿייגל און אַלע אויסגעשטערנטע נעכט און טויזנטער פֿייער־פֿליגעלעך, וואָס לויכטן אויף און פֿאַרלעשן זיך אין די שיינע יוני־נעכט, אַפֿילו דעם דופֿט פֿון אַלע רויזן וועל איך אייך צוגעבן —

איך מוז האָבן געלד!

קויפֿט ביי מיר אָפּ מיינע אָפּגעלעבטע טעג!

מיין שטיקל ברויט

קינדערלעך מיינע!

זייט מיך נישט מקנא, איך בעט אייך, מיט מיין שטיקל ברויט, זייט מיך נישט מקנא. מיין שטיקל ברויט קומט מיר אן פונקט אזוי שווער ווי דעם שוסטער, דעם שמיד און די אנדערע שווערע ארבעטער, נעבעך.

איר מיינט, קינדערלעך, אז א הומאריסט איז א גאט, אז ער דארף בלויז וועלן און די וויציקע מעשה'לעך ווערן באשאפן אזוי ווי א שטיינער דאס גראז אין פעלד, ווי די בלעטער אויפ'ן בוים, ווי די רויזן אין גארטן.

ניין, קינדערלעך מיינע: דעם הומאריסט איז ערגער ווי דעם פשוט'ן ארבעטער; א סך ערגער. דער הומאריסט דארף לאכן ווען זיין הארץ ווערט צוריסן פון יסורים; ווען זיין נשמה טובל'ט זיך אין צער.

לאכן אין אזא צייט, קינדערלעך מיינע, איז טויזנט מאל שווערער. אויב איר זייט נישט קיין נארישע קינדער, דארפט איר דאס אליין פארשטיין.

ווען מען זאל, למשל, איינעם צווינגען צו לאכן ביי זיין מאמע'ס לויה, ווי וואלט ער זיך דערמאלט געפילט?

אט אזוי, קינדער מיינע, פיל איך זיך זייער אפט בשעת איך דארף אייך מאכן צו לאכן — ווען מיין הארץ וויינט.

עס טרעפט: איך ווער קראנק; איך ליג אין בעט; דער דאקטאר קומט; אונטערזוכט מיך און זאגט: „איר האט הונדערט און פיר גראד פיבער; עס איז אן אנהויב פון לונגען־ענטציננדונג. ס'איז נישט קיין שפילכעל"... דער דאקטאר פארשרייבט, וואס מען דארף, נעמט צו דריי דאלער און גייט אוועק.

מיין טייער ווייבל צואוויינט זיך, מיר ווערט קאלעמוטנע אויפ'ן הארצן. נאדיר גאר לונגן־ענצינדונג צו מיינע צרות! איך דארף עס ווי א לאך אין קאפ.

— לויף אוועק אין אַפּטייק נאָך די זאַכן — זאָג איך צו מיין וויינענדיק ווייבל — ברענג די מעדיצינען, וואָס דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן.

זי לויפט אַרונטער אין גאַס אַ וויינענדיקע, אַ צוטראָגנענע.

עס קלינגט דער טעלעפאָן. דער טעלעפאָן געפינט זיך לעבן מיין בעט. איך נעם דעם „רעסיווער״ אין האַנט. איך הער מיין רעדאַקטאָר'ס שטימע:

„העללאָו, אַדלער״? „יאָ, אַדלער״, זאָג איך. „וואָס איך מאַך? איך האָב״, זאָג איך, „ניומאָניאַ״, דער דאָקטאָר איז ערשט אוועק... איך האָב הונדערט מיט פיר גראַד פיבער... וואָס זאָגט איר? איר ווילט האָבן אויף מאָרגן אַ וויציק מעשה'לע? מאָרגן איז אַ ספּעציעלער נומער, אַ יום־טוב נומער, מוזט איר האָבן אַ שטיפעריי, דער עולם וויל לאַכן״.

דער רעדאַקטאָר רעדט ווייטער:

„זאָל זיין אַ קורצע זאַכעלע, אַבי עפּעס לאַכעדיקס... מיר מוזן עס האָבן אין דריי שעה אַרום; מיר גייען היינט זעקס אַזייגער צום פּרעס. גוד באַי! פאַרגעסט נישט, גוד באַי!״

וועקט זיך אויף אין מיר דער הומאָריסט, דער פּרנסה־געבער און איך נעם אַרויס פון טישעלע , וואָס איז אָנגעשטעלט מיט אייז און פּראָשקעס און פלעשלעך און פּידעלעך, פּאַפּיר און אַ פּעדער און נעם שרייבן פאַר דעם מאָרגנדיקן נומער אַ שטיפעריי.

איך ברען ווי אַ פייער — און איך וויצל זיך; איך פיל ווי דאָס לעבן עקט זיך מיר — און אין לאַך. איך שטיף, און בשעת מעשה טראַכט איך: עס קען זייער מעגליך זיין, אַז ווען אָט אַ די שטיפעריי וועט אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט, וועט אויך אין דעם זעלבן יום־טוב־נומער זיין אַ שוואַרץ קעסטעלע, וואו מען וועט אָנזאָגן מיינע לעזער, אַז איך בין געשטאָרבן ;אַז די היינטיקע שטיפעריי איז געווען די לעצטע; מען וועט לעזן די שטיפעריי פון איין זייט און אַ הספּד נאָך מיר אויף דער צווייטער זייט...

אָט אַ דאָס, קינדערלעך, קען פּאַסירן, ווייל עס האָט שוין אַ סך מאָל פּאַסירט מיט אַנדערע הומאָריסטן די זעלבע קאָמעדיע...

מיט וואָס־זשע בין איך אַנדערש ווי אַנדערע? מיט וואָס?

אָט איז מיין טייער ווייבל געלעגן קראַנק; זי איז געלעגן און גע־

קרעכצט; דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: „נערוון. זי מוז ליגן צוויי וואָכן אין בעט, דערנאָך ערשט וועט זי מוזן אוועק אין די בערג. זי מוז האָבן גוטע לופט, רו, גוטע עסנס, פריילעכע געזעלשאַפט. אָבער נישט היינט; היינט מוז זי ליגן אין בעט. אויב מעגליך נעמט צו א נוירס".

האָב איך דאָך נישט קיין געלד פאַר א נוירס, ווער איך אַליין די נוירס. באַדין איך מיין קראַנק ווייבל, בעזאָרג די קינדער, קאָך עפּעס אָפּ, מאַך ריין דאָס הויז, וואַש אויס א פּאָר שטיקלעך וועש, העננ ארויס צום טרוקענען און ביגל עס שפּעטער אויס, און אַז מיין קראַנקע פרוי שלאָפט איין, זעץ איך זיך אוועק ביים שרייב־טיש און שרייב אָן א שטיפעריי פאַר מיין צייטונג.

אַט דאָס, קינדער, איז מיין ברויט. איך מוז עס טאָן; צי איך וויל, צי איך וויל נישט. איך מוז...

זיצט דען נישט דער שניידער אין שאַפּ ביי זיין מאַשין ווען די פרוי זיינע ליגט קראַנק? מיט וואָס בין איך מער יחסן ווי דער שניידער? מיין ברויט איז שרייבעריי און זיין ברויט איז שניידעריי.

מיר איז נאָך ערגער פאַר'ן שניידער: ווען דער שניידער האָט „ניומאָניא", וועט ער, נישט אוועק אין שאַפּ טרייבן די מאַשין און איך, אַז איך האָב „ניומאָניא", רוק איך צו דאָס שרייב־טישל צום בעט און איך וויצל זיך; שרייב אָן א שטיפעריי פאַר א יום טוב־נומער.

הערט, קינדערלעך, וואָס עס האָט געטראָפן מיט א יאָר צוריק:

איך האָב געהאַט א מאַמע, אַן אַלטע מאַמע. נישט דאָ, אין אַמעריקע, נאָר אין דער אַלטער היים, אין גאַליציען.

זיץ איך מיר אַזוי מיט מיין פרוי און קינדער אין אידישן טעאַטער און מיר אַמוזירן זיך: מען טאַנצט, מען זינגט, דער קאָמיקער האַנלט מיט וויצן, דאָס גאַנצע טעאַטער קראַכט פון געלעכטער, מיר ווערן מיטגעריסן און מיר לאַכן גלייך מיט אַלעמען. מיר פארגעסן זיך און א פּאָר שעה די וואָכעדיקע וועלט.

און אָט באַווייזט זיך מיין אינגערער ברודער אין טעאַטער, קומט אריין צו מיר אין „באָקס", דערלאַנגט מיר אין האַנט א טעלעגראַמע.

איך טו א קוק: א פינסטערע בשורה... מען לאָזט אונדז וויסן, אַז די מאַמע איז געשטאָרבן.

איך בין באַלד ארויס פון טעאַטער, גענומען א טעקסי, אהיים געפאָרן, זיך גוט אויסגעוויינט, ארונטערגענומען פון וואַנט דער מאַ־

מע׳ם בילד און עס גוט אָנגעקוקשט, עפּעס גענומען צום שטאַרקען... און זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אַ שטיפערייַ פאַר דער מאָרגנדיקער צייטונג. און וואָס, מיינט איר, איז געווען דער סוזשעט? איך האָב באַשריבן אַ הומאָריסט, וואָס איז געוואָרן אַ יתום און באַלד דעם זעלבן טאָג, וואָס ער האָט אויסגעפונען, אַז ער איז געוואָרן אַ יתום, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין מאַמען, האָט ער זיך געמוזט אַוועקזעצן אָנשרייבן אַ שטיפערייַ און אויסצונוצן זיין מאַמע׳ס טויט פאַר אַ טעמע.

אָט אָ דאָס, קינדערלעך, איז מיין ברויט, מיין פאַרשאָלטן ברויט.

לעבן

איך שרייב איך היינט פון פרילינג, כאָטש דער פרילינג איז שוין מער נישטאָ.

איך שרייב דאָס צוויי וואָכן פאַר שבועות — פינף וואָכן נאָך פסח.

ווערליק דער לוח, איז שוין דער פרילינג לאַנג אַוועק. עס איז שוין זומער.

נאָר וועמען ארט עס ?

אבי איך פיל זיך פרילינג׳דיק.

פאַרטאָג : ס׳איז פריש און קיל א מחיה ! עס שמעקט מיט יוגנט, מיט שיינקייט, מיט ליבע, מיט אַלע גוטע זאַכן.

די גראָזן גרינען און לעבן און זיי פרייען זיך, וואָס מען לאָזט זיי לעבן.

אמת מען טרעט אויף זיי ; זיי זיינען נידעריקער ווי אַלע אַנדערע פלאַנצן, דערפאַר זיינען זיי א סך, א סך.

און דאָס איז זייער כח ! און זאָל נאָר די ליכטיקע זון צוקומען צו זיי, וועט איר זען ווי זיי וועלן זיך אויסשטרעקן, ווערן העכער, שטאָלצער, שטאַרקער. איר וועט זיי דאַמאָלט נישט דערקענען !

ס׳איז באַגינען.

די זון פיקט זיך ערשט ארויס פון איר פוטער־פעסל. אָט עפנט זי דאָס ליכטיקע אויג און ס׳ווערט פריילעך אויף דער וועלט !

פענסטער צינדן זיך אָן, צופלאַקערן זיך מיט א גאָלדענעם פלאַקער.

פייגל לאָזן זיך הערן; זיי זינגען׳אוים פאַר דער וועלט אַ ים מיט לידער ; די בעסטע וואָס זיי קענען. און דוקא אָן נאָטן, אָן א דירי־גענט, אָן א קאַפּעלמייסטער. און הענער צוקרייען זיך. איינער ענדיקט און איינער פאַנגט אָן.

יעדער האָן וויל, אז מען זאָל אים אליין הערן, זיין שטים זאָל זיך נישט אויסמישן מיט די אַנדערע הענער. ער וויל זיין א קרייער

פאר זיך אליין; ער וויל נישט קרייען בשותפות מיט אנדערע. ער וויל מאכן שבת פאר זיך... ער האָט זיך פיינט צו מישן אין יענעמס געשעפטן, דער שטאָלצער האָן מיטן רויטן קאַם!

קרייעט ער פאר זיך אליין און ער גיט זיך די מי ער זאָל געהערט ווערן ברייט און ווייט.

עס פאלט מיר איין, אז אזא האָן האָט באדארפט אריינפאָרן אין ניו יאָרק און מאכן א רעקאָרד.

זיין קרייען זאָל פארבלייבן...

פונקט ווי א בארימטער מיליאָנער האָט געמאכט א רעקאָרד ווי ער קושט זיינע א געליבטע.

איצט איז דער מיליאָנער טויט און די געליבטע זיינע איז טויט, נאָר דער קוש זיינער — לעבט...

די זון איז שוין אויפגעשטאַנען.

די רויטע פייערן זיינען שוין פארלאָשן, אָפגעמעקט, ווי קיינמאָל נישט געווען.

און ביי מיר אין שלאָף־צימער, וואו איך זיץ און שרייב, ציט זיך פון שויב צום בעט א גאָלדן בריקל.

דאָס קעצל, וואָס שלאָפט אויפן קארפעט, איז האַלב גאָלד און האַלב קעצל. דאָס קעפל ליגט אין שאָטן און די אנדערע העלפט מיטן עקל איז באַגאָסן מיט זון.

אין דרויסן ארום מיין פענסטער פלאטערן ארום יונגע ווינטלעך, ערשט געבאָרענע, בארירן מיט זייערע זיידענע פליגל מיינע שויבן, בעטן זיך מען זאָל זיי אריינלאָזן.

איין ווינטעלע א קליינס, א וויכס, א יונגס, טענה'ט:

„מיר זיינען א גאַנצע נאכט אין דרויסן, ס'איז קאלט; לאָז אונז אריין אויף א ווײַלע, ווי נאָר מיר וועלן זיך אָנוואַרעמען, וועלן מיר דיין הויז פארלאָזן."

עפן איך דאָס פענסטער און לאָז אריין די יונגע ווינטלעך.

קערן זיי מיר איבער דאָס צימער: איין ווינטל בלאָזט מיר אוועק מיינע אָנגעשריבענע פאפירן; צושויבערט מיר די האָר פון קאָפּ, וועקט אויף מיין פרוי פון שלאָף, טרייבט אוועק דאָס קעצל.

יאָג איך זיי צוריק ארויס, פארמאַך דאָס פענסטער און איך שרייב ווייטער.

און איך שטעל אוועק דאָס וואָרט: „לעבן."

לעבן איז דאָס איינציקע וואָרט, וואָס דריקט אויס דאָס העכסטע, וואָס אַ מענש קאָן זיך ווינשן.

ווען אַ מענטש לעבט, לעבט ער; און אַז ער לעבט, גענּיסט ער פון לעבן; אמאָל מער, אמאָל ווייניקער.

פאַרשטייט זיך, אַז דער אַרבעטער האָט נישט מער ווי אַ טראָפּן פונם ים; אַ זעמדעלע פון אַלע פריידן וואָס דאָס לעבן גיט. אָבער, אַז מען לעבט, איז דאָ אויף וואָס צו האָפן, אויף וואָס צו וואַרטן...

און האָפן און וואַרטן אויף פרייד, אויף גוטע צייטן, האַלט אויף דאָס לעבן! אַז מען לעבט, קען מען גענּיסן דאָס לעבן; דערלעבט מען דעם פרילינג, זעט מען דאָס אויפבליען, דאָס אויפשפּראָצן. באָדט מען זיך אין זון־שיין. באָדט מען זיך אין פרישער לופט, אין גערוויש פון פרישע וועלדער.

זיץ איך און שרייב וועגן לעבן, וועגן די פרייד פון לעבן, וועגן די רויזן, וואָס דער פרילינג האָט אַרויסגעצויבערט, וועגן די אָרעמע אַרבעטער וואָס ליגן פאַרשפּאַרט אין די איינגע, פאַררויכערטע פאַבריקן און גיהנום'דיקע שעפּער, וואָס זען דעם פרילינג אין די אויגן נישט אָן.

קומט צופליען פון ערגעץ אַ פליג, אַ בייסנדיקע, און לאָזט מיך נישט ענדיקן מיין שרייבן.

אָט איז זי ביי מיר אויפן שפּיץ נאָז, אָט איז זי ביי מיר אויף אָן אויער, אָט אויפן באַק. איך האַלט זי אין איין אָוועקטרייבן און זי קומט ווידער צוריק, דאַקוטשעט מיך.

פאַרגעס איך אָן פרילינג, אין אַלע געזאַנגען פון פייגל, אין די ווינטלעך מיט די בלומען און איך פיר אָן אַ שטרייט מיט דער פליג וואָס בייסט, וואָס דערגייט מיר די יאַרן, וואָס לאָזט מיך נישט שרייבן וועגן פרילינג.

בייזע פליגן האָבן נישט ליב דעם פרילינג, זיי ליבן רעגנדיקע טעג, פאַרוואָלקנטע, זיי אַנטלויפן פון דער זון.

איך האָב אויף אַ ווײַלע אָוועקגעלייגט די פעדער, גענומען אַזאַ דראָטענע לאָפּעטקעלע, וואָס איז אומישנע געמאַכט צו טויטן פליגן. און איך האָב זי אָפּגעטשאַטעוועט אין אַ ווינקל פון אַ שויב וואו זי האָט געהוזשעט, און מיט איין קלאַפּ איז זי שוין געלעגן מיט די פיסלאך אַרויף.

אַ הספד

נישטאָ קיין שפּראַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל באַזיצן די נויטיקע ווערטער איבערצוגעבן דעם טיפן צער, דעם טיפן טרויער פון טאַטע־מאַמע, ווען זיי פאַרלירן אַ קינד.

דער מוח קאָן עס גאָרנישט באַנעמען. אָפּטמאָל דאַכט זיך, אַז דאָס קינד וועט נאָך צוריקקומען.

קאָן עס דען אַנדערש זיין? איז דאָס מעגלאַך, אַז מען זאָל דאָס קינד שוין קיינמאָל ניט זען?

איז דאָס מעגלעך, אַז די עלטערן וועלן שוין קיינמאָל נישט הערן דאָס קול פונעם קינד, דאָס געלעכטער? נישט האָבן מער קיין נחת דערפון? איז דאָס מעגלעך?

נישטאָ די מינוט, אַז דאָס ליכטיק פּנים מיט דעם שמייכל זאָל זיך פאַר די עלטערן נישט אַנטפּלעקן.

נישטאָ די מינוט, אַז די ליכטיקע בלויע אויגן פונעם פאַרשטאַר־בענעם קינד זאָלן נישט אַ שטראַל טאָן פאַר טאַטע־מאַמע.

די צייט, זאָגט מען, מעקט אָפּ פון זכרון דאָס בילד פונעם קינד, וואָס דער פינסטערער קבר האָט פאַרשלונגען.

עס איז נישט אמת; דאָס איז דער גרעסטער ליגן וואָס מענטשן האָבן געקאָנט באַשאַפן.

נישטאָ די מינוט, די רגע, מען זאָל עס נישט געדיינקען. דאָס האַרץ הערט נישט אויף צו וויינען; און וויינענדיק ווערט עס אין שטיקער צוריסן. און אַזוי וועלן די הערצער פון טאַטע־מאַמע וויינען, ביז דער טויט וועט זייערע אייגענע הערצער אָפּשטעלן אויף אייביק.

אייביק וועט דאָס קינד, וואָס דער טויט האָט צוגענומען, שטיין פאַר די עלטערנ׳ס אויגן, אייביק!

זיבעצן יאָר איז זי אַלט געווען, מיין טאָכטער, בשעת דער טויט האָט

זי ארויסגעריסן פון אונזערע הענט.

א בלום אין מיטן בליען; א ליכט אין מיטן לייכטן.

זע איך א מיידל אין גאַס, א מיידל אין מיין טאָכטער׳ס יאָרן, מיט אזא פיגור, טראַכט איך:

אָט אזוי־אָ האָט זי אויסגעזען בשעת זי האָט געלעבט; אויך אירע פּיס האָבן אויף דער זעלבער גאַס געטראָטן; אויף די זעלבע הייזער און גערטנער געקוקט; און ווער ווייסט? — אפשר אויך די זעלבע מענשן מיט א שמייכל באגריסט. און ווען זי זאָל איצטער לעבן, קאָן זיין, אז זי וואָלט אויך איצט שפּאצירט אין גאַס און געשמייכלט און באגריסט אירע באקאנטע און געטרוימט וועגן פריידן.

ליגט זי אָבער אין פינסטערן קבר, אונטער א שטום זאמד־בערגל, און איר שיינער קערפּער ווערט פארצערט פון הונגעריקע ווערים.

טויט איז זי, די שיינע טאָכטער מיינע; טויט. ווי גרויזאם דאָס וואָרט איז! איבער איר קבר ווייען איצט עלנדע ווינטן, בית־עולם ווינטן. שוואַרצע קראָען קראקען איצט איבער איר קבר זייערע שוואַרצע לידער.

אמאָל בין איך געווען ווייט פון בית־עולם; אָבער היינט האָב איך א גרויסן חלק דאָרט; איך בין געוואָרן א שטיקל שותף צום „טויטן גאָרטן": מיין טאָכטער, מיין זיבעצן יאָריקע טאָכטער ליגט דאָרט!

צווישן טויזנטער שטומע קברים געהערט אויך איין קבר צו מיר. איך האָב אן אָרט, וואו איך קאָן זיך שטיל אויסוויינען, איבערלאָזן מיינע טרערן.

מיינט נישט, אז אין דעם קבר ליגט מיין טאָכטער אליין. מיט איר אין איינעם האָט מען אויך מקבר געווען אונזערע הערצער — די הערצער פון טאַטע־מאַמע.

און אייביק, ווי די אייביקייט אליין, וועלן אונזערע הערצער וואַכן אין פינסטערן קבר און באוואַכן אונזער קינד.

אָפּטמאָל ווערט מען אייפערזיכטיק אויף די קברים, מיט גרויסע מצבות פון רייכע. עס פארדריסט: פארוואָס זאָל מיין טאָכטער׳ס קבר נישט האָבן די שענסטע מצבה? פארוואָס זאָלן אויף איר קבר נישט בליען קיין רויזן?

הער איך א פויגל זינגען, בין איך נישט צופרידן. איך וואָלט געוואָלט דער פויגל זאָל נישט זינגען אויף פרעמדע קברים. אויב

זינגען, זאָל ער זינגען נאָר אויף מיין טאָכטער׳ס קבר; זי האָט דאָך אזוי ליב געהאַט פויגל־געזאַנג.

זי איז דאָך געווען די איינציקע פון אַלע מיינע קינדער, וואָס האָט אויפגעפּאַסט אויפן קאַנאַריקל, וואָס שפּרינגט אַרום אין אַ דראָטן שטייגל און זינגט איבער מיין פענסטער.

ניין, ער זינגט ניט מער. ער פלעגט זינגען. ער פלעגט זינגען, כאָטש ער איז אַ געפאַנגענער; ער פלעגט זינגען, ווייל מען גיט אים עסן.

אָבער זייט מיין טאָכטער איז געשטאָרבן, זיצט ער אַן אומעטיקער. ער זינגט ניט מער. זי פּאַסט אויף אים מער ניט אויף; פילט ער דאָס; ער גייט, דאַכט זיך, אוים פון צער און בענקשאַפט נאָך איר.

און אויב ער זינגט שוין יאָ אַמאָל, איז דאָס אַ געזאַנג פון טרויער.

אַ יתום׳דיק געזאַנג איז דאָס.

טאָג ווי נאַכט זיצט דאָס זינג־פויגעלע און דרימלט; אַמאָל, אַמאָל, טוט עס אַ פּייף. דאַכט זיך אונדז, אַז עס רופט מיין טאָכטער; עס וואונדערט זיך פאַרוואָס זי זאַמט זיך אזוי לאַנג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב באַשטעלט דעם אויפפּאַסער פון הייליקן אָרט, ער זאָל מיין טאָכטערס קבר האַלטן ווי עס באַדאַרף צו זיין.

עס ווילט זיך, אַז איר אייביקע היים זאָל זיין אזוי שיין ווי מעגלעך.

קומט מען אַהיים פון הייליקן אָרט, ווערן די קינדער, וואָס לעבן, אַ סך טייערער. די ליבע צו זיי ווערט טיפער.

טוט אַ קינד אַ הוסט, ווערט מען דערשראָקן. לויפט דורך אַ געדאַנק וועגן דאָס וואָס עס האָט פּאַסירט; ווערט די שרעק נאָך שרעקלעכער. וואַכט אויף דער זכרון און ער נעמט פאַנאַנדערוויקלען דאָס אומגליק, וואָס איז גרעסער און טיפער פאַר אַלע אומגליקן.

טוט אַ קינד אַ קרעכץ, מיינט עס: נישט דערשלאָפן קיין נאַכט; מיינט עס: אַ געהיימע שרעק.

בלויז טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן פאַרלאָרן אַ קינד, קאָנען באַגרייפן, וואָס אזאַ שרעק מיינט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

קומען מענטשן אין הויז, רעדט מען, טומלט מען, לאַכט מען, שפּילט די ראַדיאָ, ווערט מען פאַרטויבט, פאַרשיכורט. בלייבט מען

אָבער אַליין מיט זיך, מיט די אייגענע שאָטנס, מיט די אייגענע געדאַנקען, טראַכט מען באַלד פון איר. זעט מען פאַר זיך דאָס הייליקע אָרט מיט אַלע מצבות און צווישן אַלע קברים זעט זיך העל און בולט איר קבר, מיין טאָכטערס אייביקע היים.

מיר לייענען איבער, אין געדאַנק, איר נאָמען, וואָס איז אויס־געהאַקט געוואָרן פון אַ פרעמדער האַנט אויף קאַלטן מאַרמאָר.

מיר לייענען איבער דעם נאָמען פון אונדזער קינד און, בשעת מעשה, הערן מיר איר שטים, זען מיר אירע גרויסע בלויע אויגן, איר שמייכל, וואָס האָט ליכטיק געמאַכט איטלעכס ווינקעלע פון הויז און דערפרייט אונדזערע הערצער.

איך קוק אויף מיין פרוי, מיין פרוי אויף מיר; מיר רעדן נישט. מיר שווייגן. איןביידנס אויגן בלישטשען טרערן. און שווייגנדיקערהייט טראַכטן מיר: ניט לאַנג צוריק האָט זי געבלים ווי אַ בלום, איז זי געזעסן אויפן גאַניק און דערציילט פאַר אירע חברטעס דעם אינהאַלט פון אַן אינטערעסאַנטן בוך פון אַ באַרימטן שרייבער.

היינט צוויי יאָר האָט זי באַניט איר נייעם מאַנטל. פאַר גרויס פרייד האָט זי זיך מיט אונדז צעקושט: אָט אַזאַ מאַנטל האָט זי טאַקע געוואָלט; אָבער זי האָט זיך נישט גערעכנט, אַז איר חלום וועט נישט מקוים ווערן, אַז זי וועט דעם מאַנטל נישט טראָגן. און ווי שיין זי האָט אויסגעזען אין דעם נייעם מאַנטל! אירע חברטעס האָבן זי מקנא געווען, און דער זעלבער צייט איר צוגעוואונטשן זי זאָל דעם מאַנטל טראָגן געזונטערהייט; איר געמאַכט קאָמפּלי־מענטן, אַז זי זעט אויס זייער שיין אין דעם מאַנטל.

מיר דערמאָנען זיך: היינט צוויי יאָר איז זי געזעסן מיט אונדז אין טעאַטער. געטראָגן האָט זי דעמאָלט אַ סאַמעטענע קלייד, וויין־קאָליר, אָן אַרבל. דער קאָפּ איז געווען פאַרפּוצט מיט אַ זיידן בענדל און די אויגן האָבן געפלאַמט מיט יונגע פלאַמען. פרעמדע אויגן האָבן געקוקט אויף איר און אונדז מקנא געווען.

אַ סך פון די אייגענע האָבן מיר טאַקע געזאָגט: „אייער טאָכ־טער באַשיינט דאָס גאַנצע טעאַטער. איר שמייכל וואַרימט די הער־צער און מאַכט ליכטיק דעם גייסט".

און איך און מיין פרוי האָבן זיך געבאָדן אין גליק. און היינט איז זי מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז דער טויט וועט אויס־לעשן איר נשמה? און אפשר איז דאָס נישט מער ווי אַ ווילדער חלום? ניין, ניין, עס איז נישט קיין חלום. עס איז אַ ווירקלעכ־קייט. דאָס איז אַזאַ אמת, וואָס מען וואָלט אוועקגעגעבן די לעצטע יאָרן, אַז עס זאָל זיין אַ ליגן.

זייער אָפט פרעגן מיר:

— איז דאָס אמת, אַז אונדזער טאָכטער איז טויט? איז דאָס מעגלעך, אַז זי וועט שוין קיינמאָל ניט זען דאָס ליכט פון טאָג? איז דאָס מעגלעך, אַז זי וועט שוין קיינמאָל נישט זען קיין פרילינג גרינען? איז דאָס מעגלעך?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איר בעט איז ליידיק. אויף דעם בעט האָט זי געטרוימט אירע מיידלשע טרוימען; אויף דעם בעט האָט זי אַ סך מאָל געשמייכלט און אויך געלאַכט פון שלאָף. אָט, אויף דעם קישן האָט גערוט איר קלוגער קאָפּ, אירע שלאַנקע הענט: אויף אָט דעם בעט האָט גע־קלאַפּט איר יונג האַרץ.

און איצט?

ליידיק שטייט דער שטול, וואו זי פלעגט זיצן און לייענען און אויסהעפטן אַלערליי זאַכן פאַרן הויז.

אירע קליידער הענגען נאָך אין אַלמער ווי זי האָט זיי אויס־געהאַנגען, אָבער זי וועט זיי שוין קיינמאָל מער נישט טראָגן, קיינמאָל נישט.

זי ליגט איצט אונטער דעם זאַמד־בערגל אין איין קלייד און דאָס איינציקע קלייד וועט זי טראָגן אין די ווייטע אייביקייטן אַריין.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אָפטמאָל פרעגט דאָס פאַרוואונדעטע האַרץ אַ פראַגע: „פאַר־וואָס האָט עס גראָד געטראָפן ביי אונדז?"

אונדזערע הערצער ווילן נישט וויסן, אַז ווען עס וואָלט גע־טראָפן ביי אַנדערע, וואָלטן דאָך די אַנדערע טאַטעס און מאַמעס געפרעגט די זעלבע פראַגע: „פאַרוואָס האָט עס דוקא געטראָפן ביי אונדז?"

צוויי יאָר האָט אונדזער טאָכטער געצאַנקט איידער אירע ליכ־טיקע אויגן האָבן זיך פאַרלאָשן.

דער טויט האָט זי באַזיגט.

ער איז געקומען ,דער טויט, און איינגעשטילט איר האַרץ, פאַרלאָשן דעם פייער פון איר בלוט, אָפּגעמעקט דעם שמייכל פון אירע ליפּן.

אין טיפן טרויער פרעגן מיר ביי דער פינצטערער ערד:

פאַרוואָס האָסטו צוגערויבט פון אונדזער שוים אזא שיינע טאָכ־טער? ווי קאָנסטו גרינען, ווען דו האָסט אין דיין קאַלטער שוים אונדזער קינד? ווי אַזוי קענסטו קוקן די זון אין די אויגן אַריין, ווען דו האָסט פאַרצוקט, ווי אַ ווילדע חיה, אונדזער אויג פון קאָפּ, דאָס טייערסטע אין אונדזער לעבן?

די אינגערע טאָכטער אונדזערע זעט אינגאַנצן אויס ווי די טאָכטער, וואָס דער טויט האָט ביי אונדז אוועקגערויבט. פאַרגעסן מיר זיך זייער אָפט און מיר רופן זי ביי יענערס נאָמען.

עפנט מען דאָס שופלאַדל פון איר „דרעסער", זעט מען אַ בריוו, וואָס זי האָט אָנגעהויבן שרייבן און נישט געענדיקט. איר האַנט־שריפט זען מיר. דער בריוו האָט געזאָלט געשריבן ווערן צו אירע אַ חברטע פון באָסטאָן. דער בריוו איז געבליבן אין דער מיט, איבערגעהאַקט ווי מיט אַ שאַרפער קאָסע. די לעצטע שורה לייענט זיך:

„ווי נאָר איך וועל פילן בעסער, וועל איך זיך נעמען אַ בילד און דיר צושי" . . . דאָס וואָרט „צושיקן" איז איבערגעהאַקט גע־וואָרן.

„זי וועט שוין דעם בריוו קיינמאָל נישט ענדיקן" — צעכליפּעט זיך מיין פרוי — די מאַמע — און איך טרייסט מיין פרוי, און טרייסטנדיק זי צוואוויין איך זיך אויך.

באַגיסן מירביידע דעם ניט־געענדיקטן בריוו מיט אַ שטראָם טרערן. די טרערן רינען פון די אויגן און רעדן קענען מיר נישט. עפּעס פּרעסט אין האַלדז. עס איז אַזוי ענג.

באַקאַנטע וואונדערן זיך: „וואו נעמען מיר אַזויפיל טרערן?"

אָבער די באַקאַנטע זיינען גליקלעכע מענטשן, זיי האָבן נישט

קײן קינדער. און די וואָס האָבן קינדער — האָבן זײ; זײ האָבן זײ נישט פאַרלאָרן.

וואונדערט זיך נישט, טײערע פרײנט מײנע, וואונדערט זיך נישט. אונדזערע טרערן קוואַלן וועלן קײנמאָל ניט אויסטריקענען.

קײן סך שמחות האָבן מיר נישט, אָבער טרערן, אַ דאַנקען גאָט, האָבן מיר גענוג. עס וועט קלעקן ביז אין גרוב אַרײַן.

און אָט טרעפן מיר אין אירן אַ שופלאָדל אַ קעמעלע, וואָס זי האָט געטראָגן אין אירע האָר. זי פלעגט באַצירן איר קאָפּ מיט דעם קעמעלע. זי האָט עס אַרויסגענומען פון אירע האָר דעם זעלבן טאָג, וואָס זי איז פאַרלאָשן געוואָרן. אין די צײנדלעך פון דעם קעמעלע זײנען עטלעכע האָר געבליבן. מײַן פרוי ווײַזט מיר אויפן קעמעלע און זי שלוכצט אַרוים: „אָט די עטלעכע האָר זײנע אירע, פון איר קאָפּ; אירע האָר." און אַ נײַער שטראָם טרערן באַווײַזט זיך.

זי עפנט אַ צווייט שופלאָדל. זי, די מאַמע, וויל אַלע פאַרבליבענע זאַכן צונויפנעמען, זײ באַהאַלטן פאַר אַן אָנדענקען.

דערזעט זי אַ טישטוכל, אַ נישט דערענדיקטע שטיקעריי: אַ גרויסע נאָדל, אײנגעפעדימט רויטע זייד, איז אַרײַנגעשטעקט אין די שטיקעריי; זי האָט נאָך באַדאַרפט ענדיקן אַ פליגל פון אַ פויגל. אַזוי וועט שוין דער פויגל בלײַבן. קײנער וועט שוין זײַן פליגל ניט ענדיקן. מיר וועלן דאָס טישטעכל טײַער האַלטן. קײן פרעמדע האַנט וועט זיך צו דעם נישט צורירן. מיר ווילן נישט האָבן אין דעם טישטעכל קײן פרעמדע שטעך פון פרעמדע הענט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס האָבן זיך אויך אָפּגעשטעלט פון איר צוויי קלײנע פאָרטרעטן; איין בילד אין אַ ווײַסן סוועטער, מיט אַ ווײַסן העט, מיט אַ קוטעסל פון אויבן, און אַ צווייט בילד אין איר נײַעם פוטערנעם מאַנטל און אַן אַ הוט.

אויף בײדע בילדער איז זי גוט געטראָפן; אַזוי ווי לעבעדיק. קוקן מיר אויף די בילדער און מיר פאַרגעסן זיך, אַז זי איז מער נישטאָ. לײגן מיר אַוועק די בילדער פון האַנט — דערמאָנען מיר זיך. יאָ, מיר דערמאָנען זיך. עס איז שווער זיך נישט צו דערמאָנען. אָט זע איך זי אין בעט: אַ בלאַס פּנים, געלבלעך־בלאַס; די באַקן אײַנגעפאַלן, די גרויסע בלויע אויגן צאַנקען, צאַנקען. אַזוי

ווי יאָרצייט־ליכט גייען זיי אויס. דאָס האַרץ הויבט זיך אַרויף און אַראָפּ מיט אַ מוראַדיקער שנעלקייט. דער דאָקטאָר זאָגט: מען דאַרף האָבן פּריש בלוט, פון אַ געזונטן מענטשן. ער ווייסט ניט אויב עס וועט העלפן, אָבער מען מוז עס טאָן.

האָבן מיר באַלד, דעם זעלבן טאָג, פרעמט בלוט געקויפט, אַ האַלבע קוואַרט בלוט ביי אַ יונגן מענטשן, אפשר וועט עס העלפן, אָבער ס'האָט נישט געהאָלפן. האָט מען ווידער געקויפט אַ פּאָר גלעזער בלוט ביי פרעמדע און ס'האָט ווידער נישט געהאָלפן.

ווי ס'ווייזט אויס, קאָן אַ מענטש נישט לעבן פון פרעמדע בלוט. אייגענע מוז מען האָבן.

אונדזער דאָקטאָר האָט געקוקט אויף אונדז און געשוויגן. אין זיין שווייגן איז געלעגן באַהאַלטן אַ שוואַרצע בשורה. אונדז איז געוואָרן קאַלט פון זיין שווייגן.

— —

ווען דער טויט האָט נאָך נישט געהאַט אָנגעקלאַפּט אין אונדזער טיר, ווען עס האָט זיך נאָך נישט געהערט דאָס פאָכען פון זיינע שוואַרצע פליגל איבער איר בעט, האָט זי אויף זיך דעם טויט געבעטן. און ווי נאָר זי האָט דערהערט דעם קאַלטן שאָרך פון דעם מלאך המות, וואָס קומט פון אַן אַנדער וועלט — האָט זי באַקומען חשק צו לעבן. זי האָט מיט אירע ביינערדיקע הענט אַרומגענומען די מוטער און געזאָגט: „מאַמע, איך וויל לעבן. איך וויל נישט אונטערגיין; ראַטעווע מיך. איך האָב נאָך נישט געלעבט. מאַמע . . . ”

מער האָט זי נישט געקאָנט רעדן. זי האָט פאַרלוירן איר שפּראַך. אָפּגעשטעלט האָט זיך בלויז אַ שטילער קרעכץ. נישט קיין קרעכץ, נאָר אַ מין ברום. ווי דאָס וואָרקען פון אַ קראַנקער טויב.

דריי מעת־לעת האָט דאָס שטילע וואָרקן אָנגעהאַלטן; דריי מעת־לעת האָט געדויערט ביז איר האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

איצט, ווען מיר הערן יונגע טויבן ברומען, דאַכט זיך אונדז אויס, אַז אונדזער טאָכטער צאַנקט נאָך, אַז זי אָטעמט נאָך.

— —

נישטאָ קיין שפּראַך אויף דער וועלט, וואָס זאָל קאָנען איבערגעבן דעם טרויער פון טאַטע־מאַמע, ווען זיי פאַרלירן אַ קינד.

אינהאַלט:

פֿאַרשידענע לידער 5
בענקשאַפֿט 8
שפּיל פֿידל, שפּיל... 12
ווען די שטערן זינגען 15
פֿאַרגעס מיך נישט 19
די אָפּגעוואָרטע 22
אַ פֿרילינגס געזאַנג 25
אַלטע ליבע זשאַווערט ניט 28
געזאַנג און שטילקייט 31
זינגען ווייסע ווינטן 34
שבת אין וואַלד 37
הער איך שפּילן אַ פֿלייט 40
רחלע, הער מיין געזאַנג 43
וויל איך זיך דערמאָנען אָן דיר 46
דער ווינט און דאָס האַרץ 49
צווייערליי בלומען 52
ווייסע בליטן 56
דער קאַרשן־בוים 60
דער טרערן מיליאָנער 64
אַ פֿאַרליבטע 68
אַ געזאַנג אָן גראַמען 71
דינהלע 74
זיך טאָלער פֿאַר אַן אָסיען 77
די עלנדע 81
אומעטיקע נגונים 84
לידער נישט צום זינגען 88
שוועסטער מיינע 91
באַהאַלטענע שונאים 95
מיין ווייסער קאָפּ 99
איך ווייס 103
איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט 106

אין פּאַרק 109
זי איז געקומען צו מיר 112
דאָס קאַנאַריקל 115
ביים שפּיגל 119
בלומען, טייכן און חלומות 126
פרייד און אומעט 130
פאַלן רויטע בלעטער 113
ווען די קאַרשן־בוימער בליען 136
זע, מיין טייערע 139
אַ ליבעס בריוו 142
ליבסטע מיינע 146
יענע זומער נאַכט 149
מיין פאַמיליע־נעסט 153
ביי די בלאָע וואַסערן 162
צום רעדאַקטאָר 165
טענצערס 168
געפונען אַ בריוול 170
לעבן 180
אַ הספד 183